STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04644

VEGN DI YESOYDES FUN LENINIZM

Joseph Stalin

Permanent preservation of this book was made possible by Drs. Aaron Ellison & Elizabeth Farnsworth in memory of Bertha Ellison

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. סטאלין

וועגן די יסודות פון לעניניזם

לעקציעס, געלייענט
אין סווערדלאָווער אוניווערסיטעט
אָנהייב אפריל 1924 יאָר

☆

צו די פראגן פון לעניניזם

אָגיז
מלוכה-פארלאג „דער אמת“ מאָסקווע 1948

Printed in Soviet Union

אינהאלט

זייט

וועגן די יסודות פון לעניניזם

I. די היסטאָרישע וואָרצלען פון לעניניזם 5
II. דער מעטאָד 13
III. די טעאָריע 20
IV. די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט 38
V. די פויערים־פראגע 51
VI. די נאציאָנאלע פראגע 66
VII. סטראטעגיע און טאקטיק 76
VIII. די פארטיי 94
IX. דער סטיל אין דער ארבעט 110

צו די פראגן פון לעניניזם

I. די דעפיניציע פון לעניניזם 113
II. דאָס עיקרדיקע אינעם לעניניזם 115
III. די פראגע וועגן דער „פערמאנענטער" רעוואָלוציע 118
IV. די פראָלעטארישע רעוואָלוציע און די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט 120
V. די פארטיי און דער ארבעטער־קלאס אין דער סיסטעם פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט 130
VI. די פראגע וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאנד 156
VII. דער קאמף פארן זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג 170

Printed in the Union of Soviet Socialist Republics.

װעגן די יסודות פון לעניניזם

דעם לענינישן פריזיװ
געװידמעט

י. סטאלין

יסודות פון לעניניזם — דאָס איז א גרויסע טעמע. אויף אויס־צושעפּן זי דאַרף מען האָבן א גאנצן בוך. נאָך מער — מען דאַרף האָבן א גאנצע ריי ביכער. איז דעריבער נאטירלעך, אז מײַנע לעקציעס קאָנען ניט אויסשעפּנדיק איבערגעבן דעם לעניניזם. זיי קאָנען, אין בעסטן פאַל, זײַן בלויז א געפּרעסטער קאָנספּעקט פון די יסודות פון לעניניזם. דאָך האַלט איך פאַר נוצלעך צו איבערגעבן דעם דאָזיקן קאָנספּעקט, כדי צו געבן אייניקע גרונטיקע אויסגאַנג־פּונקטן, װעלכע זײַנען נייטיק פאַרן דערפאָלגרײַכן שטודירן דעם לעניניזם.

איבערגעבן די יסודות פון לעניניזם הייסט נאָך ניט איבערגעבן די יסודות פון לענינס װעלט־אַנשויאונג. לענינס װעלט־אַנשויאונג און די יסודות פון לעניניזם — דאָס איז לויטן פאַרנעם ניט איינס און דאָס זעלבע. לענין איז א מאַרקסיסט, און דער יסוד פון זײַן װעלט־אַנשויאונג איז, פאַרשטייט זיך, דער מאַרקסיזם. דערפון איז אָבער כלל ניט געדרונגען, אז דאָס איבערגעבן לעניניזם דאַרף מען אָנהייבן פון איבערגעבן די יסודות פון מאַרקסיזם. איבערגעבן לעניניזם — הייסט איבערגעבן דאָס באַזונדערע און נײַע אין לענינס װערק, װאָס לענין האָט אַרײַנגעבראַכט אינעם אַלגעמיינעם אוצר פון מאַרקסיזם און װאָס איז נאַטירלעך פאַרבונדן מיט זײַן נאָמען. בלויז אין דעם זינען װעל איך אין מײַנע לעקציעס ריידן װעגן די יסודות פון לעניניזם.

אַלזאָ, װאָס איז אַזוינס לעניניזם?

איינע זאָגן, אז לעניניזם איז די אָנװענדונג פונעם מאַרקסיזם צו די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון די רוסלענדישע אומשטענדן. אין דער דאָזיקער דעפיניציע איז פאַראַן א טייל אמת, זי שעפּט אָבער װײַט ניט אויס דעם גאנצן אמת. לענין האָט װירקלעך אָנגע־

ווענדט דעם מאַרקסיזם צו דער רוסלענדישער ווירקלעכקייט און אַנ־געווענדט אים מייסטערהאַפט. אָבער ווען דער לעניניזם וואָלט זיין נישט מער ווי אַן אָנווענדונג פונעם מאַרקסיזם צו די אייגנאַרטיקע אומשטענדן פון רוסלאַנד, דעמלט וואָלט דער לעניניזם געווען אַ ריין נאַציאָנאַלע און בלויז נאַציאָנאַלע, אַ ריין רוסישע און בלויז רוסישע דערשיינונג. מיר ווייסן אָבער, אַז דער לעניניזם איז אַ דערשיינונג אַן אינטערנאַציאָנאַלע, אזא, וואָס האָט וואָרצלען אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, און ניט בלויז אַ רוסישע. אָט פאַרוואָס איך מיין, אַז די דאָזיקע דעפיניציע לײַדט אויף איינזייטיקייט.

אַנדערע זאָגן, אַז לעניניזם איז די אויפלעבונג פון די רעוואָלו־ציאָנערע עלעמענטן פונעם מאַרקסיזם פון די 40־ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט, צום אונטערשייד פונעם מאַרקסיזם פון די שפּע־טערדיקע יאָרן, ווען ער איז כלומרשט געוואָרן מעסיק, ניט־רעוואָ־לוציאָנער. אויב מען זאָל זיך אַבסטראַהירן פון אָט דעם נאַרישן און וואולגאַרן איינטיילן מאַרקס' לערע אויף צוויי טיילן, אויף אַ רעוואָ־לוציאָנערן און אַ מעסיקן, מוז מען מודה זיין, אַז אפילו אין אָט דער לחלוטין ניט־גענוגער און ניט־באַפרידיקנדיקער דעפיניציע איז פאַ־ראַן אַ טייל אמת. באַשטיין באַשטייט ער, אָט דער טייל אמת, דערין, וואָס לענין האָט ווירקלעך אויפגעלעבט דעם רעוואָלוציאָנערן אינ־האַלט פון מאַרקסיזם, וועלכן די אָפּאָרטוניסטן פון II אינטערנאַציאָ־נאַל האָבן געהאַט פאַרמויערט. דאָס איז אָבער נאָר אַ טייל אמת. דער גאַנצער אמת וועגן דעם לעניניזם באַשטייט דערין, וואָס דער לעניניזם האָט ניט בלויז אויפגעלעבט דעם מאַרקסיזם, נאָר ער האָט נאָך געמאַכט אַ טראָט פאָראויס, — ער האָט אַנטוויקלט דעם מאַרקסיזם ווײַטער אין די נײַע באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם און פונעם קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט.

וואָס זשע איז סוף־כל־סוף אַזוינס לעניניזם?

לעניניזם איז מאַרקסיזם פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. גענויער: לעניניזם — דאָס איז די טעאָריע און טאַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע בכלל, די טעאָריע און טאַקטיק פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט באַ־זונדערס. מאַרקס און ענגעלס האָבן געלעבט און געקעמפט אינעם פאַררעוואָלוציאָנערן פּעריאָד (מיר האָבן אין זינען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע), ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין אַנטוויקלטער אימ־פּעריאַליזם, אין אַ פּעריאָד פון דער צוגרייטונג פון די פּראָלעטאַריער

צו דער רעוואָלוציע, אין דעם פּעריאָד, ווען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע איז נאָך ניט געווען קיין דירעקטע פּראַקטישע אומפאַרמײַדלעכקײַט. לענין אָבער, א שילער פון מאַרקסן און ענגעלסן, האָט געלעבט און געקעמפט אין א פּעריאָד פון אנטוויקלטן אימפּעריאַליזם, אין א פּעריאָד, ווען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע וויקלט זיך פאַנאנדער, ווען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע האָט שוין געזיגט אין איין לאַנד, האָט צעקלאַפּט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע און האָט אָנגעהויבן די ערע פון פּראָלעטארישער דעמאָקראַטיע, די ערע פון סאָוועטן.

אָט פאַרוואָס לעניניזם איז די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון מאַרקסיזם.

מען פאַרצייכנט, געוויינלעך, דעם אויסערסט קעמפערישן און אויסערסט רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פונעם לעניניזם. דאָס איז פולשטענדיק ריכטיק. די דאָזיקע אייגנטימלעכקײַט פונעם לעניניזם דערקלערט זיך אָבער מיט צוויי סיבות: ערשטנס, דערמיט, וואָס דער לעניניזם איז אַרויסגעקומען פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, און עס איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל ניט טראָגן אויף זיך איר שטעמפּל; צווייטנס, דערמיט, וואָס ער איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך פאַרפעסטיקט אין געראַנגלען קעגן דעם אָפּאָרטוניזם פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דער קאַמף קעגן אים איז געווען און איז א נויטווענדיקער פאַרבאַדינג פאַרן דערפאָלגרײַכן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז צווישן מאַרקסן און ענגעלסן, פון איין זײַט, און לענינען, פון דער אַנדערער, ליגט א גאַנצע עפּאָכע, ווען עס האָט פולשטענדיק געהערשט דער אָפּאָרטוניזם פון II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דער אומרחמנותדיקער קאַמף קעגן אים האָט ניט געקאָנט ניט זײַן איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון לעניניזם.

I

די היסטאָרישע וואָרצלען פון לעניניזם

דער לעניניזם איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אויסגעפורעמט אין די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם, ווען די ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם זײַנען דערגאַנגען ביז צום העכסטן גראַד, ווען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע איז געוואָרן א פראַגע פון אוממיטלבאַרער פּראַקטיק, ווען דער אַלטער פּעריאָד פון דער צוגרייטונג פונעם אַר-

בעטער־קלאס צו דער רעוואָלוציע. האָט זיך אָנגעשטויסן און איז אריבערגעוואקסן אין א נייעם פעריאָד פון דירעקטן שטורעמען דעם קאפּיטאַליזם.

לענין פלעגט רופן דעם אימפּעריאַליזם „שטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזם". פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל דער אימפּעריאַליזם דערפירט די ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליזם ביזן לעצטן פונקט, ביזן העכסטן גראַד, וואָס נאָך איס הייבט זיך אָן די רעוואָלוציע. פאַר די סאַמע וויכטיקע פון די דאָזיקע ווידערשפּרוכן דאַרף מען האַלטן דריי ווידערשפּרוכן.

דער ערשטער ווידערשפּרוך — דאָס איז דער ווידערשפּרוך צווישן ארבעט און קאַפּיטאַל. אימפּעריאַליזם — דאָס איז די אַלמעכטיקייט פון די מאָנאָפּאָליסטישע טרעסטן און סינדיקאַטן, פון די בענק און פון דער פינאַנציעלער אָליגאַרכיע אין די אינדוסטריעלע לענדער. אינעם קאַמף קעגן דער דאָזיקער אַלמעכטיקייט האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די געוויינלעכע מעטאָדן פונעם ארבעטער־קלאַס — די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קאָאָפּעראַטיוון, פּאַרלאַמענטישע פּאַרטייען און פּאַרלאַמענטישער קאַמף — זיינען לחלוטין ניט גענוג. אָדער גיב זיך איבער אויף דער גנאָד פונעם קאַפּיטאַל, מאַטער זיך ווי פריער און זינק אַלץ טיפער און טיפער, אָדער נעם זיך פאַר א ניי געווער, — אַזוי שטעלט די פראַגע דער אימפּעריאַליזם פאַר די מיליאָנען מאַסן פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער אימפּעריאַליזם פירט צו דעם ארבעטער־קלאַס צו דער רעוואָלוציע.

דער צווייטער ווידערשפּרוך — דאָס איז דער ווידערשפּרוך צווישן די פאַרשיידענע פינאַנציעלע גרופּעס און אימפּעריאַליסטישע מלוכות אין זייער קאַמף פאַר די רוישטאָף־קוואַלן, פאַר פרעמדע טעריטאָריעס. אימפּעריאַליזם — דאָס איז עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל צו די רוישטאָף־קוואַלן, ווילדער קאַמף פאַרן מאָנאָפּאָל־באַזיץ פון די דאָזיקע קוואַלן, קאַמף פאַר איבערפאַרטיילן די שוין צעטיילטע וועלט, א קאַמף, וועלכער ווערט מיט א באַזונדערער צעווילדעוועטקייט געפירט מצד די נייע פינאַנציעלע גרופּעס און מלוכות, וואָס זוכן „אַן אָרט אונטער דער זון", קעגן די אַלטע גרופּעס און מלוכות, וואָס האַלטן זיך מיט אַלע כוחות אָן דעם, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט. דער דאָזיקער ווילדער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס קאַפּיטאַליסטן איז מערקווירדיק אין דער הינזיכט, וואָס ער שליסט איין אין זיך, ווי אַן אומפאַרמיידלעכן עלעמענט, אימפּעריאַליסטישע מלחמות, מלחמות פאַר פאַרכאַפּן פרעמדע טעריטאָריעס. דער דאָזיקער

אומשטאנד ווידער איז מערקווירדיק אין דער הינזיכט, וואָס ער פירט צו דער קאָנגנזיסטיקער אָפּשוואַכונג פון די אימפּעריאַליסטן, צו דער אָפּשוואַכונג פון דער פּאָזיציע פונעם קאַפּיטאַליזם בכלל, צו דער דערנעענטערונג פון דעם מאָמענט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, צו דער פּראַקטישער נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע.

דער דריטער ווידערשפּרוך — דאָס איז דער ווידערשפּרוך צווישן דעם הייפל הערשנדיקע „ציוויליזירטע" נאַציעס און די הונדערטער מיליאָנען פון די קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע פעלקער פון דער וועלט. אימפּעריאַליזם — דאָס איז די סאַמע פרעכע עקספּלואַטאַציע און די סאַמע אוממענטשלעכע אונטערדריקונג פון הונדערטער מיליאָנען באַפעלקערונג פון אומגעהייער גרויסע קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער. ארויספּרעסן איבער־ריוח — אָט דאָס איז דער ציל פון דער דאָזיקער עקספּלואַטאַציע און פון דער דאָזיקער אונטערדריקונג. עקספּלואַטירנדיק די דאָזיקע לענדער, איז דער אימפּעריאַליזם אָבער געצוואונגען צו בויען דאָרט אייזנבאַנען, פאַבריקן און זאַוואָדן, צענטערס פון אינדוסטריע און האַנדל. דער אויפקום פון א קלאַס פּראָלעטאַריער, די אנטשטייאונג פון אַן אָרטיקער אינטעליגענץ, די אויפוואַכונג פונעם נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין, די פאַרשטאַרקונג פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג — אָט דאָס זיינען די אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער „פּאָליטיק". די פאַרשטאַרקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אלע אָן אויסנאַם קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער זאָגט באַשיימפערלעך עדות וועגן דעם. דער דאָזיקער אומשטאַנד איז וויכטיק פאַרן פּראָלעטאַריאַט אין דער הינזיכט, וואָס ער רייסט ראַדיקאַל אונטער די פּאָזיציעס פונעם קאַפּיטאַליזם, ווייל ער פאַרוואַנדלט די קאָלאָניעס און די אָפּהענגיקע לענדער פון רעזערוון פונעם אימפּעריאַליזם אין רעזערוון פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אָט דאָס זיינען, אין אַלגעמיין גענומען, די הויפּט־ווידערשפּרוכן פונעם אימפּעריאַליזם, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם אַלטן „בליענדיקן" קאַפּיטאַליזם אין א שטאַרבנדיקן.

די באַדייטונג פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, וועלכע איז אויסגעבראָכן מיט 10 יאָר צוריק, באַשטייט, אגב, דערין, וואָס זי האָט צוזאַמענגענומען אָט די אַלע ווידערשפּרוכן אין איין קנויפּ און האָט זיי ארויסגעוואָרפן אויף דער וואָגשאָל, פאַרגיכערנדיק און

פאַרלייכטערנדיק דערמיט די רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט.

אַנדערש געזאָגט, דער אימפּעריאַליזם האָט געבראַכט ניט בלויז דערצו, אַז די רעוואָלוציע איז געוואָרן אַ פּראַקטישע אומפאַרמיידלעכקייט, נאָר אויך דערצו, אַז עס זיינען געשאַפן געוואָרן גינסטיקע באַדינגונגען צום דירעקטן שטורעמען די פעסטונגען פונעם קאַפּיטאַליזם.

אָט דאָס איז די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע, וואָס האָט אַרויסגערופן צום לעבן דעם לעניניזם.

דאָס אַלץ איז גוט, וועט מען אונדז זאָגן, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דערצו רוסלאַנד, וואָס איז דאָך ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין דאָס קלאַסישע לאַנד פון אימפּעריאַליזם? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דערצו לענין, וואָס האָט געאַרבעט פריער פון אַלץ אין רוסלאַנד און פאַר רוסלאַנד? פאַרוואָס איז גראָד רוסלאַנד געוואָרן די נעסט פונעם לעניניזם, דאָס היימלאַנד פון דער טעאָריע און טאַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע?

דערפאַר, ווייל רוסלאַנד איז געווען אַ קנופּ־פּונקט פון אָט די אַלע ווידערשפּרוכן פון אימפּעריאַליזם.

דערפאַר, ווייל רוסלאַנד איז געווען שוואַנגער מיט רעוואָלוציע מער, ווי אַ וואָסער־ניט־איז אַנדער לאַנד, און בלויז רוסלאַנד איז מחמת דעם געווען אימשטאַנד צו לייזן די דאָזיקע ווידערשפּרוכן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן.

אָנגעהויבן דערפון, וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען אַ נעסט פון יעדער אַרט אונטערדריקונג — סיי קאַפּיטאַליסטישער, סיי קאָלאָניאַלער, סיי מיליטערישער, — גענומען אין איר סאַמע אוממענטשלעכער און באַרבאַרישער פאָרם. ווער ווייסט עס ניט, אַז אין רוסלאַנד האָט זיך די אַלמעכטיקייט פונעם קאַפּיטאַל צונויפגעגאָסן מיט דער דעספּאָטישקייט פונעם צאַריזם, די אַגרעסיווקייט פונעם רוסישן נאַציאָנאַליזם — מיט דער הענקערישקייט פונעם צאַריזם בנוגע די ניט־רוסישע פעלקער, די עקספּלואַטאַציע פון גאַנצע ראַיאָנען — טערקיי, פּערסיע, כינע — מיטן פאַרכאַפּן די דאָזיקע ראַיאָנען דורכן צאַריזם, מיט מלחמה צוליב פאַרכאַפּן? לענין איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער צאַריזם — דאָס איז „מיליטעריש־פעאָדאַלער אימפּעריאַליזם". דער צאַריזם איז געווען דער קאָנצענטריר־פּונקט פון די סאַמע נעגאַטיווע זייטן פונעם אימפּעריאַליזם, גענומען אין קוואַדראַט.

ווײַטער. דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען דער גרעסטער רעזערוו פאַרן מערבדיקן אימפּעריאַליזם ניט בלויז אין דעם זינען, וואָס עס האָט געגעבן אַ פרײַען צוטריט דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, וועלכער האָט געהאַלטן אין זײַנע הענט אַזעלכע אַנטשיידנדיקע צווײַגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט אין רוסלאַנד, ווי דאָס הייצוואַרג און מעטאַלורגיע, נאָר אויך אין דעם זינען, וואָס עס האָט געקאָנט צושטעלן פאַר די מערבדיקע אימפּעריאַליסטן מיליאָנען סאָלדאַטן. דערמאָנט זיך אָן דער 14־מיליאָניקער רוסישער אַרמיי, וועלכע האָט פאַרגאָסן בלוט אויף די אימפּעריאַליסטישע פראָנטן, כדי צו זיכערן משוגענע ריווחים פאַר די ענגליש־פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן.

ווײַטער. דער צאַריזם איז געווען ניט בלויז דער וואַך־הונט פונעם אימפּעריאַליזם אויפן מזרח פון אייראָפּע, נאָר ער איז אויך געווען די אַגענטור פונעם מערבדיקן אימפּעריאַליזם אויף אַרויסצושלאָגן פון דער באַפעלקערונג הונדערטער מיליאָנען פראָצענטן אויף די הלוואות, וואָס זײַנען אים געגעבן געוואָרן אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, אין בערלין און אין בריסעל.

ענדלעך, דער צאַריזם איז געווען דער טרײַסטער פאַרבינדעטער פונעם מערבדיקן אימפּעריאַליזם בײַם צעטיילן טערקײַ, פּערסיע, כינע אאַז״וו. ווער ווייסט עס ניט, אַז די אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט דער צאַריזם געפירט אין בונד מיט די אימפּעריאַליסטן פון דער אַנטאַנטע, אַז רוסלאַנד איז געווען אַ וועזנטלעכער עלעמענט אין דער דאָזיקער מלחמה?

אָט פאַרוואָס די אינטערעסן פונעם צאַריזם און פונעם מערבדיקן אימפּעריאַליזם האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן איינע מיט די אַנדערע און האָבן זיך סוף־כל־סוף צונויפגעגאָסן אין איין קנויל אינטערעסן פונעם אימפּעריאַליזם.

האָט דען דער מערבדיקער אימפּעריאַליזם געקאָנט אײַנגיין אויף דעם, ער זאָל פאַרלירן אַזאַ מעכטיקן שטיצפּונקט אויפן מזרח און אַזאַ רײַכן רעזערוואַר פון קרעפטן און מיטלען, ווי דאָס אַלטע, צאַרישע, בורזשואַזע רוסלאַנד, און ניט אויספּרוּוון אַלע זײַנע כוחות אויף צו פירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, כדי צו פאַרטיידיקן און אײַנהיטן דעם צאַריזם? געוויס האָט ער ניט געקאָנט!

דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז ווער עס האָט געוואָלט שלאָגן דעם צאַריזם, דער האָט זיך אומפאַרמײַדלעך פאַרמאָסטן אויפן אימפּעריאַליזם, אַז ווער עס איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם צאַריזם, דער

האָט געמוזט אויפשטיין אויך קעגן דעם אימפּעריאַליזם, ווײַל ווער עס איז געגאַנגען אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, דער האָט געמוזט אַראָפּוואַרפן אויך דעם אימפּעריאַליזם, אויב ער האָט אין דער אמתן געהאַט בדעה ניט בלויז צו צעקלאַפּן דעם צאַריזם, נאָר אויך צו דערשלאָגן אים ביזן סוף. די רעוואָלוציע קעגן דעם צאַריזם האָט זיך אַזוי־אַרום דערנענטערט און האָט געמוזט אַריבערוואַקסן אין אַ רעוואָלוציע קעגן דעם אימפּעריאַליזם, אין אַ רעוואָלוציע אַ פּראָלעטאַרישער.

און דערווײַל האָט אין רוסלאַנד גענומען שטײַגן די גרעסטע פֿאָלקס־רעוואָלוציע, וואָס בראש פֿון איר איז געשטאַנען דער רעוואָ־לוציאָנערסטער פּראָלעטאַריאַט אין דער וועלט, וועלכער האָט אין זײַן רשות געהאַט אַזאַ ערנסטן פֿאַרבינדעטן, ווי דאָס רעוואָלוציאָ־נערע פּויערטום פֿון רוסלאַנד. דאַרף מען דען דערווײַזן, אַז אַזאַ רע־וואָלוציע האָט ניט געקאָנט בלײַבן שטיין אין מיטן וועג, אַז אין פֿאַל פֿון דערפֿאָלג האָט זי געמוזט גיין ווײַטער און אויפֿהייבן די פֿאָן פֿון אויפשטאַנד קעגן דעם אימפּעריאַליזם?

אָט פֿאַרוואָס רוסלאַנד האָט געמוזט ווערן דער קנופּ־פּונקט פֿון די ווידערשפּרוכן פֿון אימפּעריאַליזם ניט בלויז אין דעם זינען, וואָס די דאָזיקע ווידערשפּרוכן האָבן זיך לײַכטער פֿון אַלץ אויפגעדעקט גראָד אין רוסלאַנד מחמת זייער באַזונדערס העסלעכן און באַזונ־דערס אומדערטרעגלעכן כאַראַקטער, און ניט בלויז דערפֿאַר, ווײַל רוסלאַנד איז געווען פֿאַרן מערבדיקן אימפּעריאַליזם דער וויכטיקסטער שטיצפּונקט, וואָס פֿאַראייניקט דעם פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל פֿון מערב מיט די קאָלאָניעס פֿון מזרח, נאָר אויך דערפֿאַר, ווײַל בלויז אין רוסלאַנד איז געווען די רעאַלע קראַפֿט, וועלכע איז אימשטאַנד צו לייזן די ווידערשפּרוכן פֿונעם אימפּעריאַליזם אויף אַ רעוואָלוציאָ־נערן אופֿן.

דערפֿון איז אָבער געדרונגען, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ניט געקאָנט ניט ווערן קיין פּראָלעטאַרישע, אַז זי האָט ניט געקאָנט ניט אָננעמען גלײַך אין די ערשטע טעג פֿון איר אַנטוויק־לונג אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אַז זי האָט ניט געקאָנט אַזוי־אַרום ניט אויפטרייסלען די עצם יסודות פֿונעם וועלט־אימפּע־ריאַליזם.

האָבן די רוסישע קאָמוניסטן בײַ אַזאַ זאַכלאַגע זיך געקאָנט באַגרענעצן אין זייער אַרבעט מיט די ענג־נאַציאָנאַלע ראַמען פֿון אַ רוסישער רעוואָלוציע? אוודאי ניט! פֿאַרקערט, די גאַנצע סיטואַציע,

בײַ די אינערלעכע (דער טיפער רעוואָלוציאָנערער קריזיס) סײַ די אויסערלעכע (די מלחמה), האָט זיי געשטויסן דערצו, אַז זיי זאָלן אין זייער אַרבעט אַריבערטרעטן די דאָזיקע ראַמען, אַריבערטראָגן דעם קאַמף אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, אויפֿדעקן די מכות פֿונעם אימפּעריאַליזם, דערווײַזן די אומפֿאַרמײַדלעכקײַט פֿונעם קראַך פֿון קאַפּיטאַליזם, צעקלאַפּן דעם סאָציאַל־שאָוויניזם און סאָציאַל־פּאַציפֿיזם, ענדלעך, אַראָפּוואַרפֿן בײַ זיך אין לאַנד דעם קאַפּיטאַ־ליזם און אויסשמידן פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט אַ נײַ געווער פֿון קאַמף, די טעאָריע און טאַקטיק פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלו־ציע, כּדי צו פֿאַרלײַכטערן פֿאַר די פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם קאַפּיטאַליזם. די רוסישע קאָמוניסטן האָבן אַנ־דערש גאָר ניט געקאָנט האַנדלען, ווײַל נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט מען געקאָנט אויסרעכענען אויף געוויסע ענדערונגען אין דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער סיטואַציע, וועלכע זאָלן קאָנען גאַראַנטירן רוסלאַנד קעגן אַ רעסטאַוראַציע פֿון די בורזשואַזע פֿאַרהעלטענישן.

אָט פֿאַרוואָס רוסלאַנד איז געוואָרן די נעסט פֿונעם לעניניזם, און דער פֿירער פֿון די רוסישע קאָמוניסטן — לענין — איז געוואָרן זײַן שעפֿער.

מיט רוסלאַנד און מיט לענינען האָט דאָ „פּאַסירט" אַן ערך דאָס זעלבע, וואָס מיט דײַטשלאַנד און מיט מאַרקסן און ענגעלסן אין די פֿערציקער יאָרן פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דײַטשלאַנד איז דעמאָלט, פּונקט ווי רוסלאַנד אָנהייב XX יאָרהונדערט, געווען שוואַנ־גער מיט דער בורזשואַזער רעוואָלוציע. מאַרקס האָט דעמאָלט געשריבן אינעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט", אַז:

„אויף דײַטשלאַנד ווענדן די קאָמוניסטן זייער הויפּט־אויפֿמערקזאַמ־קייט, ווײַל דײַטשלאַנד שטייט ערבֿ אַ בורזשואַזער רעוואָלוציע און ווײַל דײַטשלאַנד וועט די דאָזיקע איבערקערעניש דורכמאַכן בײַ מער פּראָגרעסיווע באַדינגונגען פֿון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע בכלל און מיט אַ פֿיל מער אַנטוויקלטן פּראָלעטאַריאַט איידער ענגלאַנד אין XVII און פֿראַנקרײַך אין XVIII יאָרהונדערט. די דײַטשישע בורזשואַזע רעוואָלוציע קאָן, אַלזאָ, זײַן נאָר די אומִמיטלבאַרע פֿאָרשפּיל פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע".

אַנדערש גערעדט, דער צענטער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג האָט גענומען אַריבערגעטראָגן ווערן קיין דײַטשלאַנד.

מען קאָן קוים צווייפֿלען דערין, אַז גראָד אָט דער אומשטאַנד, וועלכן מאַרקס האָט פֿאַרצייכנט אין דער געבראַכטער ציטאַטע, האָט געדינט אַלס וואַרשײַנלעכע סיבה דערצו, וואָס גראָד דײַטשלאַנד איז געוואָרן דאָס היימלאַנד פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם, און

די פירער פונעם דייטשישן פּראָלעטאַריאַט — מאַרקס און ענגעלס — זיינען געוואָרן זיינע שעפער.

דאָס זעלבע, אָבער נאָך אין א גרעסערער מאָס, דאַרף מען זאָגן וועגן רוסלאַנד פון אָנהייב XX יאָרהונדערט. רוסלאַנד האָט זיך אין דעם דאָזיקן פּעריאָד געפונען ערב דער בורזשואַזער רעוואָלוציע. רוסלאַנד האָט געדאַרפט דורכמאַכן די דאָזיקע רעוואָלוציע ביי מער פּראָגרעסיווע באַדינגונגען אין אייראָפּע און מיט א מער אַנטוויקלטן פּראָלעטאַריאַט איידער דייטשלאַנד אין די 40־ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט (שוין אָפּגערעדט וועגן ענגלאַנד און פראַנקרייך), דערביי האָט אַלץ גערעדט וועגן דעם, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט געדאַרפט דינען אַלס אויפברויזער און אַלס פאָרשפּיל פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

מען קאָן ניט האַלטן פאַר א צופעליקייט דעם פאַקט, וואָס נאָך אין 1902 יאָר, ווען די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען, האָט לענין אין זיין בראָשור „וואָס דאַרף מען טאָן?“ געשריבן די נביאישע ווערטער וועגן דעם, אַז:

„די געשיכטע האָט איצט אוועקגעשטעלט פאַר אונדז (דה. פאַר די רוסישע מאַרקסיסטן. י. סט.) די נאָענטסטע אויפגאַבע, וואָס איז די *סאַמע רעוואָלוציאָנערע* פון אַלע *נאָענטסטע* אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט פון א וועלכן־ניט־איז אַנדערן לאַנד“,

אַז ....„דאָס פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאַבע, דאָס צעשטערן די מעכטיקסטע פעסטונג ניט בלויז פון דער אייראָפּעישער, נאָר אויך (קאָנען מיר איצט זאָגן) פון דער אַזיאַטישער רעאַקציע וואָלט געמאַכט דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט פאַרן אַוואַנגאַרד פונעם אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט“ (זע ב. IV, ז. 382).

אַנדערש גערעדט, דער צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך געדאַרפט אַריבערטראָגן קיין רוסלאַנד.

עס איז באַוואוסט, אַז דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט מיט אַן עודף באַרעכטיקט די דאָזיקע פאָראויסזאָגונג לענינס.

איז דען נאָך דעם א חידוש, וואָס דאָס לאַנד, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ רעוואָלוציע און פאַרמאָגט אַזאַ פּראָלעטאַריאַט, איז געוואָרן דאָס היימלאַנד פון דער טעאָריע און טאַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע?

איז דען א חידוש, וואָס דער פירער פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, לענין, איז צוזאַמען דערמיט געוואָרן דער שעפער פון דער דאָזיקער טעאָריע און טאַקטיק און דער פירער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט?

II

דער מעטאָד

אויבן האָב איך געזאָגט, אז צווישן מארקסן און ענגעלסן, פון איין זייט, און לענינען, פון דער אנדערער, ליגט א גאנצע עפּאָכע פון הערשאפט פונעם אָפּאָרטוניזם פון II אינטערנאציאָנאל. פון פּינקטלעכקייט וועגן מוז איך צוגעבן, אז דאָ רעדט זיך ניט וועגן דער פאָרמעלער הערשאפט פונעם אָפּאָרטוניזם, נאָר בלויז וועגן דער פאקטישער הערשאפט זיינער. פאָרמעל זיינען בראש פונעם II אינטערנאציאָנאל געשטאנען „רעכטגלויביקע" מארקסיסטן, „אָרטאָדאָקסן" — קאוטסקי און אנדערע. אין דער אמתן אָבער איז די גרונט-ארבעט פון II אינטערנאציאָנאל געפירט געוואָרן לויט דער ליניע פון אָפּאָרטוניזם. די אָפּאָרטוניסטן פלעגן זיך צופּאסן צו דער בורזשואזיע מחמת דער צופּאסלערישער, קליינבירגערלעכער נאטור זייערער, די „אָרטאָדאָקסן" ווידער פלעגן פון זייער זייט זיך צופּאסן צו די אָפּאָרטוניסטן, כדי „אויסצוהיטן די איינהייט" מיט די אָפּאָרטוניסטן און דעם „שלום אין דער פארטיי". אלס רעזולטאט פלעגט זיך באקומען, אז עס האָט געהערשט אָפּאָרטוניזם, ווייל די קייט צווישן דער פּאָליטיק פון דער בורזשואזיע און דער פּאָליטיק פון די „אָרטאָדאָקסן" פלעגט געשלאָסן ווערן.

דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון פארהעלטנישמעסיק פרידלעכער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם, דער, אזוי צו זאָגן, פארמלחמהדיקער פּעריאָד, ווען די קאטאסטראָפאלע ווידערשפּרוכן פונעם אימפּעריאליזם האָבן נאָך ניט באוויזן אויפצודעקן זיך מיט דער פולער קלאָרקייט, ווען די עקאָנאָמישע שטרייקן פון די ארבעטער און די פּראָפעראיינען האָבן זיך אנטוויקלט מער אָדער ווייניקער „נאָרמאל", ווען דער וואל-קאמף און די פארלאמענטישע פראקציעס האָבן געגעבן „קאָפּשווינדלדיקע" דערפאָלגן, ווען די לעגאלע קאמפס-פאָרמען זיינען געלויבט געוואָרן אין הימל אריין און מיט לעגאלקייט האָט מען געמיינט „אויסצוהרגענען" דעם קאפּיטאליזם, — מיט איין וואָרט, ווען די פארטייען פונעם II אינטערנאציאָנאל זיינען באוואקסן געוואָרן מיט שמאלץ און האָבן ניט געוואָלט ערנסט טראכטן וועגן רעוואָלוציע, וועגן דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, וועגן רעוואָלוציאָנערער דערציאונג פון די מאסן.

אָנשטאָט א פארגאנצטער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע — ווידערשפּרעכיקע טעאָרעטישע הנחות און ברעקלעך טעאָריע, אָפּגעריסענע

פונעם לעבעדיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן און פאַרוואַנדלטע אין פאַרשימלטע דאָגמעס. לפּנים וועגן פלעגט מען, פאַרשטייט זיך, דערמאָנען וועגן מאַרקס׳ טעאָריע, אָבער נאָר כדי אויסצוהוילן פון איר די לעבעדיקע רעוואָלוציאָנערע נשמה.

אָנשטאָט רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק — צעקראָכענע פיליסטערישקייט און ניכטערדיקע פּאָליטיקאַנערײַ, פּאַרלאַמענטישע דיפּלאָמאַטיע און פּאַרלאַמענטישע קאָמבינאַציעס. לפּנים וועגן פלעגן, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען ווערן „רעוואָלוציאָנערע״ באַשלוסן און לאָזונגען, אָבער נאָר כדי צו פאַרמאַרינירן זיי.

אָנשטאָט דערציִען און לערנען די פּאַרטיי אַ ריכטיקע רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק אויף די אייגענע פעלערן — פלעגט מען זאָרגזאַם אויסמײַדן די אָנגעווייטעקטע פראַגן, פאַרטושן און פאַרשמירן זיי. לפּנים וועגן איז מען, פאַרשטייט זיך, אַמאָל געווען בעלנים דורכצושמועסן זיך וועגן די ווייטעקדיקע פראַגן, אָבער נאָר כדי צו פאַרענדיקן די זאַך מיט אַ וועלכער־ניט־איז „גומענער״ רעזאָלוציע.

אָט ווי עס האָט אויסגעזען די פיזיאָנאָמיע פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, זײַן אַרבעט־מעטאָד, זײַן אַרסענאַל.

דערווײַל האָט זיך אָנגערוקט אַ נײַער פּעריאָד פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות און רעוואָלוציאָנערע געראַנגלען פונעם פּראָלעטאַריאַט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלטע קאַמפּס־מעטאָדן זײַנען בפירוש ניט גענוג און אָנמעכטיק קעגן דער אַלמעכטיקייט פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

מען האָט געמוזט רעווידירן די גאַנצע אַרבעט פון II אינטערנאַציאָנאַל, זײַן גאַנצן אַרבעט־מעטאָד און אַרויסיאָגן די פיליסטערישקייט, די שמאָלקעפּיקייט, די פּאָליטיקאַנערײַ, די רענעגאַטישקייט, דעם סאָציאַל־שאָוויניזם, דעם סאָציאַל־פּאַציפיזם. מען האָט געמוזט דורכקאָנטראָלירן דעם גאַנצן אַרסענאַל פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, אַרויסוואַרפן אַלץ, וואָס איז פאַרזשאַווערט און פאַרשימלט, אויסשמידן נײַע מינים געווער. אָן אַזאַ פאָרארבעט האָט מען אפילו ניט געקאָנט זיך לאָזן גיין אויף אַ מלחמה קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. אָן דעם איז פאַרן פּראָלעטאַריאַט געשטאַנען די געפאַר, אַז אין מאָמענט פון די נײַע רעוואָלוציאָנערע געראַנגלען זאָל ער בלײַבן ניט גענוג באַוואָפנט אָדער גאָר פּשוט אומבאַוואָפנט.

אָט דער כבוד צו מאַכן דעם גענעראַלן קאָנטראָל און די גענעראַלע רייניקונג פון די אַוגיאַס־פערדשטאַלן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון לעניניזם.

אָט אין וואָס פּארא אומשטענדן עס איז אנטשטאַנען און עס האָט זיך אויסגעשמידט דער מעטאָד פֿונעם לענין־יזם.

אין וואָס באַשטייען די פֿאָדערונגען פֿון דעם דאָזיקן מעטאָד?

ערשטנס, אין דורכקאָנטראָלירן די טעאָרעטישע דאָגמעס פֿונעם II אינטערנאַציאָנאַל אינעם פֿײַער פֿונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פֿון די מאַסן, אינעם פֿײַער פֿון דער לעבעדיקער פּראַקטיק, ד.ה. אינעם אויפֿשטעלן די צעשטערטע אײנהייט צווישן דער טעאָריע און דער פּראַקטיק, אינעם ליקווידירן דעם אײַנרײַס צווישן זיי, ווײַל נאָר אַזוי קאָן מען שאַפֿן אַ ווירקלעך פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, אַ באַוואָפֿנטע מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע.

צווייטנס, אין דורכקאָנטראָלירן די פּאָליטיק פֿון די פּאַרטייען פֿונעם II אינטערנאַציאָנאַל ניט לויט זייערע לאָזונגען און רעזאָלוציעס (וועלכע מען טאָר ניט גלייבן), נאָר לויט זייערע מעשים, לויט זייערע האַנדלונגען, ווײַל נאָר אַזוי קאָן מען דעראָבערן און פֿאַרדינען דעם צוטרוי פֿון די פּראָלעטאַרישע מאַסן.

דריטנס, אין איבערבויען די גאַנצע פּאַרטייאַרבעט אויף אַ נײַעם רעוואָלוציאָנערן אופֿן אין גײַסט פֿון דערציִען און צוגרייטן די מאַסן צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, ווײַל נאָר אַזוי קאָן מען צוגרייטן די מאַסן צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

פֿערטנס, אין זעלבסט־קריטיק בײַ די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, אין לערנען און דערציִען זיי אויף די אייגענע פֿעלערן, ווײַל נאָר אַזוי קאָן מען דערציִען ווירקלעכע קאַדרען און ווירקלעכע לידערס פֿון דער פּאַרטיי.

אָט דאָס איז דער יסוד און דער תוך פֿונעם מעטאָד פֿונעם לענין־יזם.

ווי אַזוי פֿלעגט דער דאָזיקער מעטאָד אָנגעווענדט ווערן אין דער פּראַקטיק?

בײַ די אָפּאָרטוניסטן פֿון II אינטערנאַציאָנאַל עקזיסטירט אַ רײ טעאָרעטישע דאָגמעס, וואָס דינען פֿאַר זיי אַלס שטענדיקער אויסגאַנגס־פּונקט. לאָמיר נעמען אייניקע פֿון זיי.

ערשטע דאָגמע: וועגן די באַדינגונגען, בײַ וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט קאָן נעמען די מאַכט. די אָפּאָרטוניסטן פֿאַרזיכערן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט און טאָר ניט נעמען די מאַכט, אויב ער אַליין בילדעט ניט די מערהייט אין לאַנד. קיינע באַווײַזן ברענגען זיי ניט, ווײַל עס איז ניט מעגלעך צו באַרעכטיקן אָט די אומגעלומפּערטע הנחה ניט טעאָרעטיש, ניט פּראַקטיש. זאָל זײַן, אַז ס׳איז

אזוי, ענטפערט לענין די הערן פון II אינטערנאציאָנאַל. נו, און אויב עס האָט זיך געשאפן אזא היסטאָרישע סיטואַציע (א מלחמה, אן אגראַר־קריזיס אאוו.), ווען דער פּראָלעטאריאט, וואָס בילדעט א מינ־דערהייט פון דער באפעלקערונג, האָט די מעגלעכקייט צו באהעפטן ארום זיך די גוואַלדיקע מערהייט פון די ארבעטנדיקע מאסן, — פארוואָס זאָל ער ניט נעמען די מאַכט? פארוואָס זאָל דער פּראָלע־טאריאט ניט אויסנוצן די גינסטיקע צווישנפעלקערלעכע און אינער־לעכע סיטואציע, כדי דורכצוריַיסן דעם פראָנט פון קאפיטאל און פארגיכערן דעם אלגעמיינעם פינאַל? האָט דען מארקס נאָך אין די 50־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט ניט געזאָגט, אז מיט דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע אין דיַיטשלאנד וואָלט די זאך געקאָנט האַלטן „אויסגעצייכנט", ווען מען וואָלט געקאָנט די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע אונטערשטיצן, אזוי צו זאָגן, „דורך א צווייטער אויפלאגע פונעם פויערים־קריג"? איז דען ניט באַקאנט יעדן איינעם, אז פּראָ־לעטאריער איז אין דיַיטשלאנד דעמאָלט געווען פארהעלטנישמעסיק ווייניקער, ווי, למשל, אין רוסלאנד אין 1917 יאָר? האָט דען די פּראַקטיק פון דער רוסישער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע ניט בא־וויזן, אז די דאָזיקע באליבטע דאָגמע פון די העלדן פון II אינטער־נאציאָנאל האָט ניט קיין שום לעבנס־באדיַיטונג פארן פּראָלעטא־ריאט? איז דען ניט קלאָר, אז די פּראַקטיק פונעם רעוואָלוציאָנערן קאמף פון די מאסן שלאָגט און צעקלאפּט אָט די פארשימלטע דאָגמע?

צווייטע דאָגמע: דער פּראָלעטאריאט קאָן ניט איַינהאלטן די מאַכט, אויב ער פארמאָגט ניט קיין גענוגנדיקע צאָל גרייטע קולטור־רעלע און אדמיניסטראטיווע קאדרען, וועלכע זיַינען פעיק צו אָרגאַ־ניזירן ווי געהעריק די פארוואַלטונג מיטן לאנד, — אפריער דאַרף מען די דאָזיקע קאדרען שאפן אין די באדינגונגען פון קאפּיטאליזם און דערנאָך נעמען די מאַכט. זאָל זיַין, אז ס'איז אזוי, ענטפערט לענין. פארוואָס קאָן מען אָבער ניט טאָן אזוי, אז פריער זאָל מען נעמען די מאַכט, שאפן גינסטיקע באדינגונגען פאר דער אנטוויקלונג פונעם פּראָלעטאריאט, און דערנאָך — א לאַז טאָן זיך פאראויס מיט זיבנמיַילעקע טריט צו העכערן דעם קולטורעלן ניוואָ פון די ארבעטנ־דיקע מאסן, צו שאפן פילצאָליקע קאדרען אָנפירער און אדמיניסט־ראטאָרן פון צווישן די ארבעטער? האָט דען די רוסלענדישע פּראַק־טיק ניט באוויזן, אז די קאדרען אָנפירער פון צווישן די ארבעטער וואקסן ביַי דער פּראָלעטארישער מאַכט הונדערט מאָל גיכער און

גרינטלעכער, ווי בײַ דער מאכט פון קאַפּיטאַל? איז דען ניט קלאָר, אַז די פּראַקטיק פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן שלאָגט אָן רחמנות אויך די דאָזיקע טעאָרעטישע דאָגמע פון די אָפּאָרטוניסטן?

דריטע דאָגמע: דער מעטאָד פון אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרײַק איז ניט אָננעמבאַר פאַרן פּראָלעטאַריאַט, ווײַל טעאָרעטיש איז ער גרונטלאָז (זע די קריטיק בײַ ענגעלסן), פּראַקטיש איז ער געפערלעך (ער קאָן צעשטערן דעם געוויינלעכן גאַנג פונעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, ער קאָן אויסליידיקן די קאַסעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען), ער קאָן ניט פאַרבײַטן די פּאַרלאַמענטישע קאַמפּס־פאָרמען — די הויפּט־פאָרם פונעם קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. גוט, ענטפערן די לענינצעס. אָבער, ערשטנס, האָט ענגעלס קריטיקירט ניט יעטווידן אַלגעמיינעם שטרײַק, נאָר בלויז אַ באַשטימטן מין אַלגעמיינעם שטרײַק, דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן שטרײַק פון די אַנאַרכיסטן, וועלכן די אַנאַרכיסטן האָבן אַרויסגעשטעלט אָנשטאָט דעם פּאָליטישן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, — איז וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַהער דער מעטאָד פון אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרײַק? צווייטנס, ווער און וואו האָט דערוויזן, אַז די פּאַרלאַמענטישע פאָרם פון קאַמף איז די הויפּט־פאָרם פונעם קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט? באַווײַזט דען ניט די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז דער פּאַרלאַמענטישער קאַמף איז בלויז אַ שול און אַ הילפס־מיטל צו אָרגאַניזירן דעם אויסער־פּאַרלאַמענטישן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, אַז די גרונט־פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ווערן בײַם קאַפּיטאַליזם געלייזט דורך קראַפט, דורכן אומיטלבאַרן קאַמף פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, דורך זייער אַלגעמיינעם שטרײַק, דורך זייער אויפשטאַנד? דריטנס, פונוואַנען האָט זיך גענומען די פראַגע וועגן פאַרבײַטן דעם פּאַרלאַמענטישן קאַמף אויפן מעטאָד פונעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרײַק? וואו און ווען האָבן די אָנהענגער פונעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרײַק געפּרוּווט פאַרבײַטן די פּאַרלאַמענטישע קאַמפּס־פאָרמען אויף אויסער־פּאַרלאַמענטישע קאַמפּס־פאָרמען? פערטנס, האָט דען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד ניט באַוויזן, אַז דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרײַק איז די גרעסטע שול פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און דאָס בעסטע מיטל צו מאָביליזירן און אָרגאַניזירן די ברייטסטע מאַסן פונעם פּראָלעטאַריאַט ערב דעם שטורעמען די פעסטונגען פון קאַפּיטאַליזם, — איז וואָס פאַר אַ שייכות האָבן אַהער די פיליסטערישע יללות וועגן דער צעשטערונג פונעם געוויינלעכן גאַנג פונעם ווירט־

145—2

שאפּטלעכן לעבן און וועגן די קאסעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פּאראַיי־נען? איז דען ניט קלאָר, אז די פּראקטיק פונעם רעוואָלוציאָנערן קאמף צעקלאפּט אויך די דאָזיקע דאָגמע פון די אָפּאָרטוניסטן?

אאוו. אה״נ.

אָט פּארוואָס לענין האָט געזאָגט, אז „די רעוואָלוציאָנערע טעאָ־ריע איז ניט קיין דאָגמע״, אז זי „בילדעט זיך ענדגילטיק אוים בלויז אין ענגן צוזאמענהאנג מיט דער פּראקטיק פון א ווירקלעך מאסנווע־און ווירקלעך רעוואָלוציאָנערער באוועגונג״ („די קינדער־קראנקייט״), ווייל די טעאָריע דארף דינען דער פּראקטיק, ווייל „די טעאָריע דארף ענטפערן אויף די פראגן, וועלכע ווערן ארויסגערוקט דורך דער פּראקטיק״ („פּריינט פון פאָלק״), ווייל זי דארף קאָנטראָלירט ווערן דורך די אָנגאבן פון דער פּראקטיק.

וואָס איז שייך די פּאָליטישע לאָזונגען און פּאָליטישע באשלוסן פון די פּארטייען פון II אינטערנאציאָנאל, איז גענוג צו דערמאָנען די געשיכטע מיטן לאָזונג „א קריג דעם קריג״, כדי צו פארשטיין די גאנצע פאלשקייט און די גאנצע צעפוילטקייט פון דער פּאָליטי־שער פּראקטיק פון די דאָזיקע פּארטייען, וועלכע פארדעקן זייער אנטירעוואָלוציאָנערע ארבעט מיט פּאָמפּעזע רעוואָלוציאָנערע לאָזונ־גען און רעזאָלוציעס. אלע געדענקען די פּאָמפּעזע דעמאָנסטראציע פו־נעם II אינטערנאציאָנאל אויפן באזעלער קאָנגרעס, ווען ער האָט גע־סטראשעט די אימפּעריאליסטן מיט אלע גרוילן פון אויפשטאנד, אויב די אימפּעריאליסטן וועלן זיך באשליסן אָנצוהייבן א מלחמה, און מיטן דראָענדיקן לאָזונג „א קריג דעם קריג״. ווער געדענקט אָבער ניט, אז אין א געוויסער צייט ארום, פארן סאמע אָנהייב פון דער מלחמה, איז די באזעלער רעזאָלוציע פארמארינירט געוואָרן, און די ארבעטער איז געגעבן געוואָרן א נייער לאָזונג — אויסראָטן איינער דעם אנדערן לשם דעם קאפּיטאליסטישן פאָטערלאנד? איז דען ניט קלאָר, אז רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און רעזאָלוציעס זיינען קיין גראָשן ניט ווערט, אויב זיי ווערן ניט אונטערגעשטיצט מיט מעשים? עס איז גענוג בלויז צו פארגלייכן די לענינישע פּאָליטיק פון פארוואנדלען דעם אימפּעריאליסטישן קריג אין א בירגער־קריג מיט דער פאררעטערישער פּאָליטיק פון II אינטערנאציאָנאל בשעת דער מלחמה, כדי צו פארשטיין די גאנצע געמיינהייט פון די פּאָלי־טיקאנער פונעם אָפּאָרטוניזם, די גאנצע גרויסקייט פונעם מעטאָד פונעם לענעניזם.

איך קאָן נישט ניט ברענגען דאָ איין שטעל פון לענינס

בוך „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי", וואו ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דעם אָפּאָרטוניסטישן פּרואוו פונעם לידער פון II אינטערנאַציאָנאַל ק. קאַוטסקי צו אורטיילן וועגן פּאַרטייען ניט לויט זייערע מעשים, נאָר לויט זייערע פּאַפּירענע לאָזונגען און דאָקומענטן:

„קאַוטסקי פירט דורך אַ טיפּיש בעל־הביתלדיקע, פיליסטערישע פּאָליטיק, ווען ער מיינט... אַז דאָס *אַרויסשטעלן* אַ *לאָזונג* ענדערט בלומרשט די לאַגע. די גאַנצע געשיכטע פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע דעמאַסקירט די דאָזיקע אילוזיע: כדי אָפּצונאַרן דאָס פאָלק, האָבן די בורזשואַזע דעמאָקראַטן שטענדיק אַרויסגערוקט און רוקן שטענדיק אַרויס וועלכע איר ווילט „לאָזונגען". עס גייט דערין, אַז מען זאָל *דורכקאָנטראָלירן* זייער אויפריכטיקייט, אַז מען זאָל די ווערטער פאַרגלייכן מיט די *מעשים*, אַז מען זאָל זיך ניט צופרידנשטעלן מיט קיין אידעאַליסטישער אָדער שאַרלאַטאַנישער *פראַזע*, נאָר מען זאָל זיך זען דערגרונטעווען צו דער *קלאַסן־רעאַלקייט*" (זע ב. XXIII, ז. 377).

איך רייד שוין ניט וועגן דער מורא פון די פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל פאַר זעלבסט־קריטיק, וועגן זייער מאַניר צו באַהאַלטן זייערע פעלערן, צו פאַרטושן ווייטעקדיקע פראַגן, צו פאַרדעקן זייערע דעפעקטן מיט אַן אָנשטעל, אַז אַלץ גייט כשורה, וואָס דאָס פאַרטעמפּט דעם לעבעדיקן געדאַנק און טאָרמאָזירט די אַרבעט פון רעוואָלוציאָנערן דערציִען די פּאַרטיי אויף אירע אייגענע פעלערן, — אַ מאַניר, וועלכע לענין האָט אויסגעלאַכט און צוגענאָגלט צום שאַנדסלופּ. אָט וואָס לענין האָט געשריבן וועגן זעלבסט־קריטיק ביי די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין זיין בראָשור „די קינדער־קראַנקייט":

„די באַציאונג פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי צו אירע פעלערן איז איינער פון די וויכטיקסטע און זיכערסטע קריטעריען פון דעם, ווי ווייט ערנסט די פּאַרטיי איז, און פון דעם, ווי זי פילט *פאַקטיש* אויס אירע פליכטן בנוגע צו איר *קלאַס* און צו די אַרבעטנדיקע *מאַסן*. אָפן אָנערקענען אַ פעלער, אויפדעקן זיינע סיבות, אַנאַליזירן די אומשטענדן, וועלכע האָבן אים אַרויסגערופן, באַטראַכטן אויפמערקזאַם די מיטלען ווי צו פאַרריכטן דעם פעלער — אָט דאָס איז אַ סימן פון אַן ערנסטער פּאַרטיי, אָט דאָס הייסט, אַז זי פילט אויס אירע פליכטן, אָט דאָס הייסט דערציִען און לערנען דעם *קלאַס*, און דערנאָך אויך די *מאַסע*" (זע ב. XXV, ז. 200).

אַנדערע זאָגן, אַז אויפדעקן די אייגענע פעלערן און זעלבסט־קריטיק איז געפערלעך פאַר אַ פּאַרטיי, ווייל דער קעגנער קאָן דאָס אויסנוצן קעגן דער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט. לענין האָט אַזוינע דערווידערונגען געהאַלטן פאַר ניט קיין ערנסטע און פאַר אַבסאָלוט ניט קיין ריכטיקע. אָט וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם נאָך אין

1904 יאָר אין זײַן בראָשור „אַ טראַט פאָראויס", ווען אונדזער פּאַר־טיי איז נאָך געווען אַ שוואַכע און אומבאַדײַטנדיקע:

„זיי (דה. די קעגנערס פון די מאַרקסיסטן. י. ס ט.) האָבן שאָדנפרייד און קרימען זיך, צוזעענדיק אונדזערע שטרײַטן; זיי וועלן זיך, געוויס, באַמיִען אַרויסצוציִען צוליב זייערע צילן איינצלנע שטעלן פון מײַן בראָ־שור, וועלכע איז געווידמעט די פעלערן און בלויזן פון אונדזער פּאַרטיי. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זײַנען שוין גענוג באַשאָסן אין שלאַכטן, אַז זיי זאָלן ניט נתפּעל ווערן פון אַזוינע שפּילקעס, אַז זיי זאָלן ווײַטער פירן, טראָץ דעם, זייער אַרבעט פון זעלבסט־קריטיק און אָנרחמנותדיקן אויפדעקן די אייגענע מינוסן, וועלכע וועלן אומבאַדינגט און אומפאַרמײַדלעך בײַגע־קומען ווערן דורכן וואוקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג" (זע ב. VI, ז. 161).

אָט דאָס זײַנען, אין אַלגעמײן גענומען, די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונעם מעטאָד פון לענינִיזם.

דאָס, וואָס עס איז געגעבן אין לענינס מעטאָד, איז אין גרונט שוין געווען אין מאַרקס' לערע, וועלכע איז, לויט מאַרקס' ווערטער, „אין איר תוך אַ קריטישע און רעוואָלוציאָנערע". טאַקע אָט דער קריטישער און רעוואָלוציאָנערער גײַסט דרינגט דורך פון אָנהייב ביזן סוף לענינס מעטאָד. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אַז לענינס מעטאָד איז אַן איינפאַכע אויפשטעלונג פון דעם, וואָס מאַרקס האָט געגעבן. אין דער אמתן איז לענינס מעטאָד ניט בלויז אַן אויפשטעלונג, נאָר אויך אַ קאָנקרעטיזירונג און ווײַטער־דיקע אַנטוויקלונג פון מאַרקס' קריטישן און רעוואָלוציאָנערן מעטאָד, פון זײַן מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק.

III

די טעאָריע

פון דער דאָזיקער טעמע נעם איך דרײַ פראַגן:

א) וועגן דער באַדײַטונג פון טעאָריע פאַר דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג.

ב) וועגן דער קריטיק פון דער „טעאָריע" פון סטיכישקײַט.

ג) וועגן דער טעאָריע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

1) וועגן דער באַדײַטונג פון טעאָריע. איינִיקע מיינען, אַז לעני־ניזם — דאָס איז פּרימאַט פון פּראַקטיק איבער טעאָריע אין דעם זינען, וואָס דער עיקר אין אים איז — פאַרוואַנדלען די מאַרקסיס־טישע הנחות אין טאַט, „אויספילן" די דאָזיקע הנחות; וואָס איז שייך

ווידער טעאָריע, איז דער לעניניזם אין דעם פּרט כלומרשט גאַנץ זאַרגלאָז. עס איז באַוואוסט, אַז פּלעכאַנאָוו האָט זיך ניט איין מאָל לוסטיק געמאַכט איבער לענינס „זאָרגלאָזיקייט“ בנוגע טעאָריע און באַזונדערס פילאָסאָפיע. עס איז אויך באַוואוסט, אַז אַ סך איצטיקע פּראַקטיקער לענינצעם האַלטן ניט זייער שטאַרק פון טעאָריע, באַזונדערס איבער דעם תהום פּראַקטישער אַרבעט, וואָס זיי זיינען לויט די אומשטענדן געצוואונגען צו טאָן. איך מוז דערקלערן, אַז אָט די מער ווי משונהדיקע מיינונג וועגן לענינען און וועגן דעם לעניניזם איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק און אַנטשפּרעכט אין קיין מאָס ניט דערווירקלעכקייט, אַז די שטרעבונג פון די פּראַקטיקער אַוועקצומאַכן די טעאָריע מיט דער האַנט ווידערשפּרעכט דעם גאַנצן גייסט פונעם לעניניזם און אַנטהאַלט אין זיך גרויסע געפאַרן פאַר דער אַרבעט.

די טעאָריע — דאָס איז די דערפאַרונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע לענדער, גענומען אין איר אַלגעמיינער פאָרם. פאַרשטייט זיך, די טעאָריע פאַרלירט איר ממשות, אויב זי ווערט ניט פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק, פּונקט ווי די פּראַקטיק ווערט בלינד, אויב זי באַלייכט ניט דעם וועג פאַר זיך מיט רעוואָלוציאָנערער טעאָריע. די טעאָריע קאָן אָבער פאַרוואַנדלט ווערן אין דער גרעסטער קראַפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען זי בילדעט זיך אויס אין אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק, ווייל זי, און נאָר זי, קאָן געבן דער באַוועגונג זיכערקייט, אָריענטירונגס־קראַפט און די מעגלעכקייט צו באַגרייפן דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג פון די אַרומיקע געשעענישן, ווייל זי, און נאָר זי, קאָן מיטהעלפן דער פּראַקטיק צו פאַרשטיין ניט בלויז ווי אַזוי און וואוהין עס באַוועגן זיך די קלאַסן איצט, נאָר אויך ווי אַזוי און וואוהין זיי דאַרפן זיך באַוועגן אין דער נאָענטסטער צוקונפט. ניט קיין אַנדערער, נאָר גראָד לענין האָט אַרויסגעזאָגט און צענדליקער מאָל איבערגעחזרט די באַוואוסטע הנחה, אַז:

„אָן רעוואָלוציאָנערער טעאָריע קאָן אויך ניט זיין קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג“ [1] (זע ב. IV, ז. 380).

לענין האָט מער, ווי ווער־עס־איז אַן אַנדערער, פאַרשטאַנען די וויכטיקע באַדייטונג פון טעאָריע, באַזונדערס פאַר אַזאַ פּאַרטיי, ווי אונדזערע, מחמת דעם, וואָס אויף איר איז אויסגעפאַלן דער גורל צו שפּילן די ראָליע פון אַ פאָרגעשריטענעם קעמפער פונעם

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

אינטערנאציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, און מחמת דער קאָמפּליצירט־קייט פון דער אינערלעכער און אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, אין וועלכער זי געפינט זיך. פאַראויסזעענדיק די דאָזיקע באַזונדערע ראָליע פון אונדזער פּאַרטיי נאָך אין 1902 יאָר, האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק שוין דעמלט צו דערמאָנען, אַז:

„די ראָליע פון אַ פאָרגעשריטענעם קעמפער קאָן אויספילן נאָר אַ פּאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ פאָרגעשריטענער טעאָריע" (זע ב. IV, ז. 380).

עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אַז איצט, ווען לענינס פאָר־אויסזאָגונג וועגן דער ראָליע פון אונדזער פּאַרטיי איז שוין פאַר־ווירקלעכט געוואָרן אין לעבן, באַקומט די דאָזיקע הנחה לענינס אַ באַזונדערע קראַפט און אַ באַזונדערע באַדייטונג.

פאַר דעם בולטסטן אויסדרוק פון דער גרויסער באַדייטונג, וואָס לענין האָט צוגעגעבן דער טעאָריע, וואָלט מען אפשר געדאַרפט האַלטן דעם פאַקט, וואָס ניט קיין אַנדערער, נאָר גראָד לענין, האָט זיך גענומען אויספילן די ביז גאָר ערנסטע אויפגאַבע צו פאַראַלגע־מיינערן אויפן געביט פון מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע דאָס וויכ־טיקסטע פון דעם, וואָס די וויסנשאַפט האָט געגעבן אין דעם פעריאָד פון ענגעלסן ביז לענינען, ווי אויך אַלזייטיק צו קריטיקירן די אַנ־טימאַטעריאַליסטישע שטרעמונגען צווישן די מאַרקסיסטן. ענגעלס האָט געזאָגט, אַז „דעם מאַטעריאַליזם קומט אויס אָנצונעמען אַ נייעם אויסזען מיט יעדער נייער גרויסער אַנטדעקונג". עס איז באַוואוסט, אַז די דאָזיקע אויפגאַבע האָט פאַר זיין צייט אויסגעפילט ניט קיין אַנדערער, נאָר גראָד לענין, אין זיין אויסגעצייכנטן בוך „מאַטעריאַ־ליזם און עמפּיריאָקריטיציזם". עס איז באַוואוסט, אַז פּלעכאַנאָוו, וואָס האָט ליב געהאַט זיך לוסטיק צו מאַכן איבער לענינס „זאָרגלאָ־זיקייט" בנוגע פילאָסאָפיע, האָט זיך אפילו ניט אַנטשלאָסן ערנסט צוצוטרעטן צום אויספילן אַזאַ אויפגאַבע.

2) די קריטיק פון דער „טעאָריע" פון ספּאָנטאַנקייט, אָדער וועגן דער ראָליע פונעם אַוואַנגאַרד אין דער באַוועגונג. די „טעאָריע" פון ספּאָנטאַנקייט איז די טעאָריע פון אָפּאָרטוניזם, די טעאָריע פון בוקן זיך פאַר דער ספּאָנטאַנקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, די טעאָריע פון פאַקטישן לייקענען אין דער אָנפירנדיקער ראָליע פונעם אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס, פון דער פּאַרטיי פונעם אַרבע־טער־קלאַס.

די טעאָריע פון בוקן זיך פאַר דער ספּאָנטאַנקייט טרעט אַנטשיידן

ארויס קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זי איז קעגן דעם, אַז די באַוועגונג זאָל געריכט ווערן לויט דער ליניע פון קאַמף קעגן די יסודות פון קאַפּיטאַליזם, — זי איז פאַר דעם, אַז די באַוועגונג זאָל גיין אויסשליסלעך לויט דער ליניע פון פאָדערונגען, וואָס זיינען פאַרן קאַפּיטאַליזם „אויספילבאַר" און „אָננעמבאַר", זי איז אינגאַנצן פאַר דער „ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד". די טעאָריע פון סטיכישקייט איז די אידעאָלאָגיע פון טרעד־יוניאָניזם.

די טעאָריע פון בוקן זיך פאַר דער סטיכישקייט טרעט אַנטשיידן ארויס קעגן דעם, אַז מען זאָל דער סטיכישער באַוועגונג צוגעבן אַ באַוואוסטזיניקן, פּלאַנמעסיקן כאַראַקטער, זי איז קעגן דעם, אַז די פּאַרטיי זאָל גיין פאָראויס פונעם אַרבעטער־קלאַס, אַז די פּאַרטיי זאָל אויפהייבן די מאַסן צום ניוואָ פון באַוואוסטזיניקייט, אַז די פּאַרטיי זאָל פירן נאָך זיך די באַוועגונג, — זי איז דערפאַר, אַז די באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון דער באַוועגונג זאָלן ניט שטערן דער באַוועגונג צו גיין מיט איר וועג, זי איז דערפאַר, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך בלויז צוהערן צו דער סטיכישער באַוועגונג און זאָל זיך נאָכשלעפּן נאָך איר אין עק. די טעאָריע פון סטיכישקייט איז אַ טעאָריע פון פאַרמינערן די ראָליע פונעם באַוואוסטזיניקן עלעמענט אין דער באַוועגונג, זי איז די אידעאָלאָגיע פון „עקיזם" („כוואָסטיזם"), דער לאָגישער יסוד פון יעטווידן אָפּאָרטוניזם.

פּראַקטיש האָט די דאָזיקע טעאָריע, וואָס איז ארויסגעטראָטן אויף דער סצענע נאָך פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, געפירט דערצו, אַז אירע אָנהענגער, די אַזוי־גערופענע „עקאָנאָמיסטן", האָבן געלייקנט אין דער נויטווענדיקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי אין רוסלאַנד, זיי זיינען ארויסגעטראָטן קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס פאַר אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, זיי האָבן געפּריידיקט אַ טרעד־יוניאָניסטישע פּאָליטיק אין דער באַוועגונג און האָבן בכלל געשטעלט די אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דער העגעמאָניע פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

דער קאַמף פון דער אַלטער „איסקראַ" און די גלענצנדיקע קריטיק פון דער טעאָריע פונעם „עקיזם", וועלכע לענין האָט געגעבן אין זיין בראָשור „וואָס דאַרף מען טאָן?", האָבן ניט נאָר צעקלאַפּט דעם אַזוי־גערופענעם „עקאָנאָמיזם", נאָר אויך געשאַפן די טעאָרעטישע

יסודות פאר דער ווירקלעך רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונעם רו־סישן ארבעטער־קלאַס.

אָן דעם דאָזיקן קאַמף איז אפילו ניט געווען וואָס צו טראַכטן וועגן שאַפן א זעלבסטשטענדיקע ארבעטער־פּאַרטיי אין רוסלאַנד און וועגן איר אָנפירנדיקער ראָליע אין דער רעוואָלוציע.

די טעאָריע פון בוקן זיך פאר דער סטיכישקייט איז אָבער ניט בלויז א רוסישע דערשיינונג. זי איז ווייט פאַרשפּרייט, אמת, א ביסל אין אַן אַנדער פאָרם, אין אַלע אָן אויסנאַם פּאַרטייען פונעם II אינ־טערנאַציאָנאַל. איך מיין דאָ די אַזוי־גערופענע טעאָריע פון „פּראָ־דוקטיוו־קרעפטן“, וואָס די לידערס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל האָבן זי פאַרפלאַכט, די טעאָריע, וואָס באַרעכטיקט אַלץ און מאַכט שלום צווישן אַלעמען, וואָס קאָנסטאַטירט פאַקטן און דערקלערט זיי נאָך דעם, ווי זיי זיינען שוין אַלעמען דערעסן געוואָרן, און קאָנסטאַ־טירנדיק, באַרואיקט זי זיך דערויף. מאַרקס האָט געזאָגט, אַז די מאַ־טעריאַליסטישע טעאָריע קאָן זיך ניט באַגרענעצן מיטן דערקלערן די וועלט, אַז זי דאַרף נאָך די וועלט אומענדערן. קאַוטסקין און קאָמפּ. גייט דאָס אָבער ניט אָן, זיי האַלטן פאַר בעסער צו פאַרבלייבן ביים ערשטן טייל פון מאַרקס' פאָרמולע.

אָט איז איינער פון די פיל ביישפּילן, ווי אַזוי מען האָט אָנגעווענדט די דאָזיקע „טעאָריע“. מען זאָגט, אַז פאַר דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה האָבן די פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל געסטראַשעט, אַז זיי וועלן דערקלערן „א קריג דעם קריג“, אויב די אימפּעריאַליסטן וועלן אָנהייבן א מלחמה. מען זאָגט, אַז פאַרן סאַמע אָנהייב פון דער מלחמה האָבן די דאָזיקע פּאַרטייען פאַרשמאַרינירט דעם לאָזונג פון „א קריג דעם קריג“ און האָבן פאַרווירקלעכט א קעגנגעזעצלעכן לאָזונג וועגן „מלחמה פאַרן אימפּעריאַליסטישן פאָטערלאַנד“. מען זאָגט, אַז דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן בייטן די לאָזונגען זיינען געווען מיליאָנען קרבנות פון צווישן די ארבעטער. עס וואָלט אָבער געווען א טעות צו מיינען, אַז דאָ זיינען פאַראַן שולדיקע, אַז עמעצער איז דאָ אומטריי געווען דעם ארבעטער־קלאַס, אָדער ער האָט אים פאַרראַטן. עס הייבט זיך ניט אָן! אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי, ווי דאָס האָט געדאַרפט פאָר־קומען. ערשטנס, דערפאַר, ווייל דער אינטערנאַציאָנאַל איז, ווייזט זיך אַרויס, אַן „אינסטרומענט פון שלום“ און ניט פון מלחמה. צווייטנס, דערפאַר, ווייל ביי דעם „ניוואָ פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן“, וועלכער איז צו יענער צייט געווען, האָט מען קיין שום אַנדער זאַך ניט געקאָנט

מאַכן „שולדיק" זײַנען די „פּראָדוקטיוו־קרעפטן". דאָס דערקלערט „אונדז" פּינקטלעך דער קאַוטסקים „טעאָריע פון פּראָדוקטיוו־קרעפטן". און ווער עס גלייבט ניט אין דער דאָזיקער „טעאָריע", דער איז קיין מאַרקסיסט ניט. די ראָליע פון די פּאַרטייען? זייער באַדײַטונג אין דער באַוועגונג? וואָס קאָן אָבער טאָן די פּאַרטיי מיט אַזאַ אַנטשיידנ־דיקן פאַקטאָר, ווי דער „ניוואָ פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן"?..

אַזעלכע בײַשפּילן פון פאַלסיפיצירן דעם מאַרקסיזם וואָלט מען געקאָנט ברענגען אָן א שיעור.

עס איז קיין נייטיק צו דערווײַזן, אַז אָט דער פאַלסיפיצירטער „מאַרקסיזם", וועלכער איז באַרופן צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט פונעם אָפּאָרטוניזם, איז בלויז אַן אייראָפּעיִשער וואַריאַנט פון דער זעלבער טעאָריע פון „עקיזם", וואָס קעגן איר האָט לענין מלחמה געהאַלטן נאָך פאַר דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

עס איז קיין נייטיק צו דערווײַזן, אַז כדי צו שאַפן ווירקלעך רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטייען אויפן מערב, מוז מען, אַלס פאָרבאַדינג, צעשטערן די דאָזיקע טעאָרעטישע פאַלסיפיקאַציע.

3) די טעאָריע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די לעני־נישע טעאָריע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע גייט אַרויס פון דרײַ גרונט־הנחות.

ערשטע הנחה. די הערשאַפט פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל אין די פאָרגעשריטענע לענדער פונעם קאַפּיטאַליזם; די עמיסיע פון ווערט־פּאַפּירן, אַלס וויכטיקסטע אָפּעראַציע פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל; דער עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל צו די רויסטאָף־קוואַלן, אַלס איינער פון די יסודות פון אימפּעריאַליזם; די אַלמעכטיקייט פון דער פינאַנציעלער אָליגאַרכיע, אַלס רעזולטאַט פון דער הערשאַפט פונעם פינאַנץ־קאַפּי־טאַל, — דאָס אַלץ דעקט אויף דעם גראָב פּאַראַזיטישן כאַראַקטער פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, מאַכט אין הונדערט מאָל פיל־באַרער דעם דרוק מצד די קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן און סינדיקאַטן, פאַרשטאַרקט בײַם אַרבעטער־קלאַס דעם וואוקס פון צאָרן קעגן די יסודות פון קאַפּיטאַליזם, פירט צו די מאַסן צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַלס איינציקע רעטונג (זע לענינס „אימפּעריאַליזם").

דערפון קומט דער ערשטער אויספיר: עס ווערט פאַרשאַרפט דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס אינווייניק אין די קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער, עס וואַקסן אָן אויפרײַס־עלעמענטן אויפן אינערלעכן, פּראָלעטאַ־רישן פראָנט אין די „מעטראָפּאָליעס".

צווייטע הנחה. דער אינטענסיווער עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל אין

די קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער; די פאַרברייטערונג פון די „ווירקונג־ספערן“ און קאָלאָניאַלע באַזיצן, ביז צום אַרומכאַפּן דעם גאַנצן ערדקײַלעך; די פאַרוואַנדלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין אַן אַלוועלטלעכער סיסטעם פון פינאַנציעלן פאַרשקלאַפן און קאָלאָניאַלן אונטערדריקן די גיגאַנטישע מערהײַט באַפעלקערונג פון דער ערד מצד א הײַפל „פאָרגעשריטענע“ לענדער, — דאָס אַלץ האָט, פון איין זײַט, פאַרוואַנדלט די איינצלנע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן און נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס אין רינגען פון איין איינהײַטלעכער קייט, וועלכע הייסט וועלט־ווירטשאַפט, פון דער אַנדערער זײַט — האָט עס צעשפּאָלטן די באַפעלקערונג פונעם ערדקײַלעך אויף צוויי לאַגערן: אויף א הײַפל „פאָרגעשריטענע“ קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע עקספּלואַטירן און אונטערדריקן די קאָלאָסאַלע קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער, און אויף א גוואַלדיקער מערהײַט קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער, וועלכע זײַנען געצוואונגען צו פירן א קאַמף פאַר באַפרײַען זיך פון אונטערן אימפּעריאַליסטישן דרוק (זע „אימ־פּעריאַליזם“).

דערפון קומט דער צווייטער אויספיר: עס ווערט פאַרשאַרפט דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס אין די קאָלאָניאַלע לענדער, עס וואַקסן די עלעמענטן פון צאָרן קעגן דעם אימפּעריאַליזם אויפן אויסערלעכן, קאָלאָניאַלן פראָנט.

דריטע הנחה. דער מאָנאָפּאָל־באַזיץ פון „ווירקונג־ספערן“ און קאָלאָניעס; די ניט־גלײַכמעסיקע אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער, וואָס פירט צו א ווילדן קאַמף פאַר איבער־פאַרטיילן די וועלט צווישן די לענדער, וועלכע האָבן שוין פאַרכאַפּט טעריטאָריעס, און צווישן די לענדער, וועלכע ווילן באַקומען זייער „חלק“; אימפּעריאַליסטישע מלחמות, אַלס דאָס איינציקע מיטל אויפצו־שטעלן דעם צעשטערטן „גלײַכגעוויכט“, — דאָס אַלץ פירט צו דער פאַרשטאַרקונג פונעם דריטן פראָנט, פונעם צווישן־קאַפּיטאַליסטישן פראָנט, וועלכער שוואַכט אָפּ דעם אימפּעריאַליזם און פאַרלײַכטערט די פאַראייניקונג פון די צוויי ערשטע פראָנטן קעגן דעם אימפּעריא־ליזם, פונעם רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישן פראָנט און קאָלאָניאַל־באַפרײַערישן פראָנט (זע „אימפּעריאַליזם“).

דערפון קומט דער דריטער אויספיר: מלחמות בײַם אימפּעריא־ליזם זײַנען א מוז־זאַך און ס'איז אומפאַרמײַדלעך א קאָאַליציע צווישן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין אייראָפּע מיט דער

קאָלאָניאַלער רעוואָלוציע אויפן מזרח, אין איין אייגנהייטלעכן אַל־וועלטלעכן פראָנט פון רעוואָלוציע קעגן דעם אַלוועלטלעכן פראָנט פון אימפּעריאַליזם.

די אַלע אויספירן ווערן ביי לענינען פאַראייניקט אין איין אַל־געמיינעם אויספיר וועגן דעם, אַז „דער אימפּעריאַליזם איז דער ערב פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע"[1] (זע ב. XIX, ז. 71).

אין הסכּם דערמיט ביינט זיך אויך דער עצם צוגאַנג צו דער פראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועגן דעם כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע, וועגן איר פאַרנעם, וועגן איר טיפקייט, עס ביינט זיך די סכעמע פון דער רעוואָלוציע בכלל.

פריער פלעגט מען צום אַנאַליזירן די פאָרהנחות פון דער פּראָ־לעטאַרישער רעוואָלוציע צוגיין געוויינלעך פונעם שטאַנדפּונקט פונעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון דעם אָדער יענעם איינצלנעם לאַנד. איצט איז שוין דער דאָזיקער צוגאַנג ניט גענוג. איצט מוז מען צוגיין צו דעם ענין פון שטאַנדפּונקט פונעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון אַלע אָדער פון דער מערהייט לענדער, פונעם שטאַנדפּונקט פונעם צו־שטאַנד פון דער וועלט־ווירטשאַפט, ווייל איינצלנע לענדער און איינצלנע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן האָבן אויפגעהערט צו זיין זעלבסט־גענוגנדיקע איינסן, זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין רינגען פון איין אייגנהייטלעכער קייט, וועלכע הייסט וועלט־ווירטשאַפט, ווייל דער אַלטער „קולטורעלער" קאַפּיטאַליזם איז אַריבערגעוואַקסן אין אימ־פּעריאַליזם, און דער אימפּעריאַליזם איז אַן אַלוועלטלעכע סיסטעם פון פינאַנציעלן פאַרשקלאַפן און קאָלאָניאַלן אונטערדריקן די גיגאַנ־טישע מערהייט באַפעלקערונג פון דער ערד דורך אַ הייפל „פאָרגע־שריטענע" לענדער.

פריער איז אָנגענומען געווען צו ריידן וועגן דעם, צי ס'זיינען פאַראַן אָדער עס זיינען ניטאָ קיין אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין איינצלנע לענדער, אָדער פּינקטלע־כער — אין דעם אָדער יענעם אַנטוויקלטן לאַנד. איצט איז שוין דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט ניט גענוג. איצט מוז מען ריידן וועגן דעם, צי עס זיינען פאַראַן אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער רעוואָ־לוציע אין דער גאַנצער סיסטעם פון דער אַלוועלטלעכער אימפּעריאַ־ליסטישער ווירטשאַפט, אַלס אַן אייגנהייטלעך גאַנצעס, דערביי קאָן דאָס, וואָס אינעם באַשטאַנד פון דער דאָזיקער סיסטעם זיינען פאַראַן אייניקע לענדער, וועלכע זיינען ניט גענוג אַנטוויקלט אין אינדוסט־

[1] מיין קורסיוו. י. ס ט.

ריִעלער הינזיכט, — ניט דינען אלס אזא שטערונג פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס מען זאָל עס ניט קאָנען גובר זײַן, אויב די סיסטעם איז אינגאנצן גענומען אָדער, ריכטיקער, ווײַל די סיסטעם אינגאנצן גענומען איז שוין רײַף געוואָרן צו א רעוואָלוציע.

פריִער איז אָנגענומען געווען צו ריידן וועגן דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע אין דעם אָדער יענעם אנטוויקלטן לאנד, ווי וועגן אן איינצלנער זעלבסטגעניגנדיקער גרייס, וואָס ווערט אנטקעגנגעשטעלט אן איינצלנעם, נאציאָנאלן פראָנט פון קאפּיטאל, אלס איר אנטיפּאָד. איצט איז שוין דער דאָזיקער שטאנדפּונקט ניט גענוג. איצט מוז מען ריידן וועגן דער אלוועלטלעכער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, ווײַל די איינצלנע נאציאָנאלע פראָנטן פון קאפּיטאל זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין רינגען פון איין איינהײַטלעכער קייט, וואָס הייסט אלוועלטלעכער פראָנט פון אימפּעריאליזם און וואָס איר דאַרף קעגנגעשטעלט ווערן דער אלגעמיינער פראָנט פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג פון אלע לענדער.

פריִער פלעגט מען באטראכטן די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע, ווי א רעזולטאט אויסשליסלעך פון דער אינערלעכער אנטוויקלונג פונעם געגעבענעם לאנד. איצט איז שוין דער דאָזיקער שטאנדפּונקט ניט גענוג. איצט דאַרף מען באטראכטן די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע, פריִער פאַר אלץ, ווי א רעזולטאט פון דער אנטוויקלונג פון די ווידערשפּרוכן אין דער אלוועלטלעכער סיסטעם פון אימפּעריאליזם, ווי א רעזולטאט פונעם צערײַסן די קייט פונעם אלוועלטלעכן אימפּעריאליסטישן פראָנט אין דעם אָדער אין יענעם לאנד.

וואו וועט זיך אָנהייבן די רעוואָלוציע, וואו קאָן פריִער פון אלץ דורכגעריסן ווערן דער פראָנט פון קאפּיטאל, אין וועלכן לאנד?

דאָרט, וואו עס איז מער אנטוויקלט די אינדוסטריע, וואו דער פּראָלעטאריאט בילדעט די מערהײַט, וואו עס איז פאראן מער קולטורעלקײַט, וואו עס איז פאראן מער דעמאָקראטיע, — פלעגט מען געוויינלעך ענטפערן פריִער.

ניין, — דערווידערט די לענינישע טעאָריע פון רעוואָלוציע, — ניט אומבאדינגט דאָרט, וואו די אינדוסטריע איז מער אנטוויקלט, אאַז. דער פראָנט פון קאפּיטאל וועט דורכגעריסן ווערן דאָרט, וואו די קייט פון אימפּעריאליזם איז שוואכער, ווײַל די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע איז א רעזולטאט פונעם צערײַסן די קייט פונעם אלוועלטלעכן אימפּעריאליסטישן פראָנט אין איר שוואכסטן אָרט, דערבײַ קאָן זיך ארויסווײַזן, אז דאָס לאנד, וואָס האָט אָנגעהויבן די רע־

וואָלוציע, דאָס לאַנד, וואָס האָט דורכגעריסן דעם פראָנט פון קאַפּי־טאַל, איז ווייניקער אַנטוויקלט אין קאַפּיטאַליסטישער הינזיכט, איידער אַנדערע, מער אַנטוויקלטע, לענדער, וועלכע זיינען פונדעסט־וועגן פאַרבליבן אין די ראַמען פון קאַפּיטאַליזם.

אין 1917 יאָר איז די קייט פונעם אימפּעריאַליסטישן אַלוועלט־לעכן פראָנט געווען שוואַכער אין רוסלאַנד איידער אין אַנדערע לענ־דער. דאָרט איז זי טאַקע דורכגעריסן געוואָרן און האָט באַפרייט דעם וועג פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל אין רוסלאַנד האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די גרעסטע פאָלקס־רעוואָ־לוציע, וואָס בראָש פון איר איז געגאַנגען דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ ערנסטן פאַרבינדעטן, ווי דאָס פּילמיליאָניקע פּויערטום, וואָס איז אונטערדריקט און עקספּלואַ־טירט געוואָרן דורכן פּריץ. דערפאַר, ווייל קעגן דער רעוואָלוציע איז דאָרט געשטאַנען אַזאַ עקלהאַפטער פאַרשטייער פונעם אימפּע־ריאַליזם, ווי דער צאַריזם, וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט קיין שום מאָראַליש געוויכט און האָט פאַרדינט אַלגעמיינעם האַס פון דער באַ־פעלקערונג. אין רוסלאַנד איז די קייט געווען שוואַכער, כאָטש רוס־לאַנד איז געווען ווייניקער אַנטוויקלט אין קאַפּיטאַליסטישער הינ־זיכט, ווי, לאָמיר זאָגן, פראַנקרייך אָדער דייטשלאַנד, ענגלאַנד אָדער אַמעריקע.

וואו וועט דורכגעריסן ווערן די קייט אין דער נאָענטסטער צו־קונפט? ווידעראַמאָל דאָרט, וואו זי איז שוואַכער. עס איז ניט אויס־געשלאָסן, אַז די קייט קאָן דורכגעריסן ווערן, לאָמיר זאָגן, אין אינדיע. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל דאָרט איז פאַראַן אַ יונגער קעמפערישער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אַזאַ פאַרבינדעטן, ווי די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג, — אָן ספק אַ גרויסער און אָן ספק אַן ערנסטער פאַרבינדעטער. דערפאַר, ווייל די רעוואָלו־ציע האָט דאָרט פאַר זיך אַזאַ, אַלעמען באַקאַנטן, קעגנער, ווי דעם פרעמדלענדישן אימפּעריאַליזם, וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין מאָראַ־לישן קרעדיט און האָט פאַרדינט אַלגעמיינעם האַס מצד די אונטער־דריקטע און עקספּלואַטירטע מאַסן פון אינדיע.

עס איז אויך גאַנץ מעגלעך, אַז די קייט קאָן דורכגעריסן ווערן אין דייטשלאַנד. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל די פאַקטאָרן, וועלכע ווירקן, לאָמיר זאָגן, אין אינדיע, הייבן אָן צו ווירקן אויך אין דייטשלאַנד, דערביי איז פאַרשטענדלעך, אַז דער גוואַלדיקער אונטערשייד אין דער אַנטוויקלונגס־שטופע, וואָס איז פאַראַן צווישן אינדיע און

דײַטשלאַנד, קאָן נישט ניט אַרויפֿלייגן זײַן שטעמפּל אויפֿן גאַנג און אויסגאַנג פֿון דער רעוואָלוציע אין דײַטשלאַנד.

אָט פֿאַרוואָס לענין זאָגט, אַז:

„די מערב-אייראָפּעיִשע קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועלן פֿאַרענדיקן זייער אַנטוויקלונג צום סאָציִאַליזם... ניט דורך דעם, וואָס אין זיי וועט גלײַכ-מעסיק „רײַף" דער סאָציִאַליזם, נאָר דורכן עקספּלואַטירן אייניקע מלוכות מצד אַנדערע, דורכן עקספּלואַטירן די ערשטע מלוכה פֿון צווישן די, וואָס זײַנען באַזיגט געוואָרן בעת דער אימפּעריִאַליסטישער מלחמה, צוגלײַך מיטן עקספּלואַטירן דעם גאַנצן מזרח. און דער מזרח, פֿון דער צווייטער זײַט, איז ענדגילטיק געקומען אין רעוואָלוציִאָנערער באַוועגונג גראָד מחמת דער דאָזיקער ערשטער אימפּעריִאַליסטישער מלחמה, און ער האָט זיך ענדגילטיק ארײַנגעצויגן אינעם אַלגעמיינעם קרײַז-לויף פֿון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציִאָנערער באַוועגונג" (זע ב. XXVII, ז. 415—416).

קורץ געזעדט: די קייט פֿונעם אימפּעריִאַליסטישן פֿראָנט מוז, אַלס כּלל, דורכגעריסן ווערן דאָרט, וואו די רינגען פֿון דער קייט זײַנען שוואַכער, און, אַלנפֿאַלס, איז שוין גאָר קיין מוז ניט, אַז זי זאָל דורכגעריסן ווערן דאָרט, וואו דער קאַפּיטאַליזם איז מער אַנט-וויקלט, וואו עס איז פֿאַראַן פּראָלעטאַריער אַזויפֿיל און אַזויפֿיל פּראָ-צענט, און פּויערים אַזויפֿיל און אַזוי ווײַטער.

אָט פֿאַרוואָס די סטאַטיסטישע חשבונות וועגן דער צאָל פּראָ-צענטן פֿונעם פּראָלעטאַרישן באַשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג אין אַן איינצלנעם לאַנד פֿאַרלירן יענע אויסשליסלעכע באַדײַטונג בײַם לייזן די פֿראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס עס פֿלעגן זיי מיט אַזאַ חשק צוגעבן די לומדים פֿון II אינטערנאַציִאָ-נאַל, וועלכע האָבן ניט פֿאַרשטאַנען דעם אימפּעריִאַליזם און וועלכע האָבן מורא פֿאַר דער רעוואָלוציע, ווי פֿאַר פּעסט.

ווײַטער. די העלדן פֿון II אינטערנאַציִאָנאַל פֿלעגן טענהן (און טענהן נאָך איצט אויך), אַז צווישן דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, פֿון איין זײַט, און דער פּראָלעטאַרישער — פֿון דער אַנדערער, איז פֿאַראַן אַן אָפּגרונט אָדער, אַלנפֿאַלס, אַ כינעזישע וואַנט, וועלכע טיילט אָפּ איינע פֿון דער אַנדערער מיט אַ מער אָדער ווייניקער דויערנדיקן אינטערוואַל, און אין פֿאַרלויף פֿון אָט דעם אינטערוואַל אַנטוויקלט די צו דער מאַכט געקומענע בורזשואַזיע דעם קאַפּיטאַליזם; דער פּראָלעטאַריאַט ווידער זאַמלט אָן כּוחות און גרייט זיך צום „אַנטשיידענעם קאַמף" קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. דער דאָזי-קער אינטערוואַל ווערט געוויינלעך געציילט אין פֿיל צענדליקער יאָרן, אויב ניט מער. עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אַז די דאָזיקע

„טעאָריע" פון א בינעזישער וואנט האָט ניט קיין שום וויסנשאפט־לעכן זינען אין די אומשטענדן פון אימפעריאליזם, אז זי איז, און קאָן נישט ניט זיין, בלויז א צודעק, א פארפוצונג פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע באגערן פון דער בורזשואזיע. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אז אין די אומשטענדן פון אימפעריאליזם, וועלכער איז שוואנגער מיט צוזאמענשטויסן און מלחמות, אין די אומשטענדן פון „ערב סאָציאליסטישער רעוואָלוציע", ווען דער „בליענדיקער" קאפיטאליזם פארוואנדלט זיך אין א „שטארבנדיקן" קאפיטאליזם (לענין), און די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג וואקסט אין אלע לענדער פון דער וועלט, ווען דער אימפעריאליזם פאראייניקט זיך מיט אלע, אָן אויסנאם, רעאקציאָנערע כוחות, דעם צאריזם און דאָס לייב־אייגנטום איינגעשלאָסן, און דערמיט גופא מאכט ער נויטווענדיק די קאָאלירונג פון אלע רעוואָלוציאָנערע כוחות, אָנגעהויבן פון דער פראָלעטארישער באוועגונג אין מערב ביז דער נאציאָנאלער באפרייאונגס־באוועגונג אין מזרח, ווען אראָפווארפן די רעשטן פון די פעאָדאל־לייב־אייגנטימערישע פארהעלטענישן ווערט אוממעגלעך אָן א רעוואָלוציאָנערן קאמף קעגן אימפעריאליזם, — עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אז די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָלוציע, אין א מער אָדער ווייניקער אנטוויקלט לאנד, מוז זיך ביי אזוינע באדינגונגען דערנענטערן צו דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע, אז די ערשטע מוז איבערוואקסן אין דער צווייטער. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט באשיימפערלעך דערוויזן די ריכטיקייט און אומבאשטרייטבארקייט פון דער דאָזיקער הנחה. ניט אומזיסט האָט לענין נאָך אין 1905 יאָר, ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, געשילדערט אין זיין בראָשור „צוויי טאקטיקעס" די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָלוציע און די סאָציאליסטישע איבערקערעניש ווי צוויי רינגען פון איין קייט, ווי אן אייגהייטלעך און פארגאנצט בילד פונעם שוואונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע:

„דער פראָלעטאריאט דארף דורכפירן ביזן סוף די דעמאָקראטישע איבערקערעניש, אָנשליסנדיק צו זיך די מאסע פויערטום, כדי צו דערשטיקן מיט קראפט דעם ווידערשטאנד פון דער זעלבסטהערשונג און פאראליזירן די ניט־שטאנדהאפטיקייט פון דער בורזשואזיע. דער פראָלעטאריאט דארף מאכן די סאָציאליסטישע איבערקערעניש, אָנשליסנדיק צו זיך די מאסע האלב־פראָלעטארי־

שע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, כדי אײַנ־צוברעכן מיט קראַפט דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און פּאַראַליזירן די ניט־שטאַנדהאַפ־טיקייט פונעם פּויערטום און פון דער קלײנ־בורזשואַזיע. אָט דאָס זײַנען די אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס די נײַ־איסקראַווצעס שטעלן אַזוי שמאָל פאָר אין אַלע זייערע חקירות און רעזאָלוציעס וועגן דעם שוואונג פון דער רעוואָלוציע" (זע לענין, ב. VIII, ז. 96).

איך רייד שוין ניט וועגן אַנדערע, שפּעטערדיקע ווערק לענינס, וואו די אידיי פונעם אַריבערוואַקסן פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין אַ פּראָלעטאַרישער טרעט אַרויס מער רעליעף איידער אין די „צוויי טאַקטיקעס", אַלס איינער פון די ווינקלשטיינער פון דער לענינישער טעאָריע פון רעוואָלוציע.

אייניקע חברים, ווײַזט זיך אַרויס, מיינען, אַז לענין איז געקומען צו דער דאָזיקער אידיי ערשט אין 1916 יאָר, אַז ביז יענער צײַט האָט ער כלומרשט גערעכנט, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט זיך פאַרהאַלטן אין בורזשואַזע ראַמען, אַז די מאַכט וועט, הייסט עס, פון די הענט פונעם אָרגאַן פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלע־טאַריאַט און פּויערטום אַריבערגיין אין די הענט פון דער בורזשואַזיע און ניט פונעם פּראָלעטאַריאַט. מען זאָגט, אַז אָט די באַהויפּטונג איז אַרײַנגעדרונגען אַפילו אין אונדזער קאָמוניסטישער פּרעסע. איך מוז זאָגן, אַז די דאָזיקע באַהויפּטונג איז לחלוטין ניט קיין ריכטיקע, אַז זי אַנטשפּרעכט לחלוטין ניט דער ווירקלעכקייט.

איך וואָלט זיך געקאָנט פאַררופן אויף לענינס באַוואוסטער רעדע אויפן III צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי (1905 יאָר), וואו ער האָט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, ד. ה. דעם נצחון פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, קוואַליפיצירט ניט ווי אַן „אָרגאַניזאַציע פון „אָרדענונג""", נאָר ווי אַן „אָרגאַניזאַציע פון קריג" (זע ב. VII, ז. 264).

איך וואָלט זיך, ווײַטער, געקאָנט פאַררופן אויף לענינס באַוואוסטע אַרטיקלען „וועגן דער צײַטווײַליקער רעגירונג" (1905 יאָר), וואו, שילדערנדיק די פּערספּעקטיוו פון דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, שטעלט ער פאַר דער פּאַרטיי די אויפגאַבע „זיך צו דערשלאָגן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע זאָל זײַן ניט קיין באַוועגונג פון עטלעכע חדשים, נאָר אַ באַוועגונג פון אַ סך יאָרן, אַז זי זאָל ברענגען ניט בלויז צו קליינע הנחות מצד די מאַכטהאָבער, נאָר דערצו, אַז די דאָזיקע מאַכט זאָל אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן

ווערן"; ער וויקלט דאָרט ווײַטער פאַנאַנדער די דאָזיקע פּערספּעק־טיוו און, פאַרבינדנדיק זי מיט דער רעוואָלוציע אין אייראָפּע, זעצט ער פאָר:

„און אויב דאָס וועט זיך אײַנגעבן, — דעמלט... דעמלט וועט א רע־וואָלוציאָנערע שׂרפה אָנצינדן אייראָפּע; דער אייראָפּעיִשער ארבעטער, אָן אויסגעמאַטערטער אין דער בורזשואזער רעאַקציע, וועט זיך, פון זײַן זײַט, אויפהייבן און וועט אונדז באַווײַזן, „ווי אזוי מען מאַכט דאָס"; דעמלט וועט דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטײַג פון אייראָפּע האָבן א צוריקווירקונג אויף רוסלאַנד און וועט פון אַן עפּאָכע פון עטלעכע רעוואָלוציאָנערע יאָר מאַכן אַן עפּאָכע פון עטלעכע רעוואָלוציאָנערע יאָרצענדליקער..." (זע דאָרטן, ז. 191).

איך וואָלט זיך, ווײַטער, געקאָנט פאַררופן אויף לענינס באַוואוסטן ארטיקל, פאַרעפנטלעכט אין נאָוועמבער 1915 יאָר, וואו ער שרײַבט:

„דער פּראָלעטאַריאַט קעמפט און וועט מיט מסירת־נפש קעמפן פאַר דעראָבערן די מאַכט, פאַר א רעפּובליק, פאַר קאָנפיסקירן די ערד... פאַר דעם, אז די „ניט־פּראָלעטאַרישע פאָלקס־מאַסן" זאָלן אָנטיילנעמען אינעם באַפרײַען דאָס בורזשואזע רוסלאַנד פון אונטערן מיליטער־ריש־פעאָדאַלן „אימפּעריאַליזם" (= צאַריזם). און מיט דעם דאָזיקן באַפרײַען דאָס בורזשואזע רוסלאַנד פון אונטערן צאַריזם, פון דער אַגראַר־מאַכט פון די פּריצים וועט זיך דער פּראָלעטאַריאַט תיכּף[1] באַנוצן ניט כדי צו העלפן די פאַרמעגלעכע פּויערים, אין זייער קאַמף קעגן דעם דאָר־פישן ארבעטער, נאָר — כדי דורכצופירן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין בונד מיט די פּראָלעטאַריער פון אייראָפּע" (זע ב. XVIII, ז. 318).

איך וואָלט זיך, ענדלעך, געקאָנט פאַררופן אויף דער באַוואוסטער שטעל אין לענינס בראָשור „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי", וואו ער פאַררופט זיך אויף דער אויבן געבראַכ־טער ציטאַטע פון די „צוויי טאַקטיקעס" וועגן דעם שוואונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און קומט צו אזא אויספיר:

„עס האָט זיך באַקומען טאַקע אזוי, ווי מיר האָבן געזאָגט. דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט באַשטעטיקט די ריכטיקײַט פון אונדזער שטאַנד־פּונקט. צוערשט צוזאַמען מיטן „גאַנצן" פּויערטום קעגן דער מאָנאַר־כיע, קעגן די פּריצים, קעגן דעם מיטלאַלטער (און אויף אזויפיל פאַרבלײַבט די רעוואָלוציע א בורזשואזע, א בורזשואז־דעמאָקראַטישע). דערנאָך, צוזאַמען מיטן אָרעמסטן פּויערטום, צוזאַמען מיטן האַלב־פּראָלעטאַריאַט, צוזאַמען מיט אַלע עקספּלואַטירטע, קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, דער־רונטער אויך קעגן די דאָרפישע גבירים, בעלי־גופים, ספּעקולאַנטן, און אויף אזויפיל ווערט די רעוואָלוציע א סאָציאַליסטישע. פּרואוון

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

אוועקשטעלן א קינסטלעכע פינעזישע וואנט צווישן איינער און דער אנדערער, אפטיילן זיי איינע פון דער אנדערער מיט עפעס־וואס אנדערש, א חוץ דעם גראד צוגעגרייטקײט פונעם פראלעטאריאט און דעם גראד פון זײן פאראייניקונג מיט דער דארפישער אָרעמשאפט, הייסט מוראדיק פארקריפלען דעם מארקסיזם, פארפלאכן אים, פארבײטן אים אויף ליבעראליזם" (זע ב. XXIII, ז. 391).

דאכט זיך, גענוג.

גוט, וועט מען אונדז זאגן, אבער אויב אזוי, פארוואס האט לענין מלחמה געהאלטן קעגן דער אידיי פון „פערמאנענטער (אנאיבעררײסלעכער) רעוואלוציע"?

דערפאר, ווײל לענין האט פארגעלייגט „אויסצושעפן" די רעוואלוציאנערע פעיקײטן פונעם פויערטום און אויסנוצן ביזן גרונט זײן רעוואלוציאנערע ענערגיע צוליב דער פולשטענדיקער ליקווידאציע פונעם צאריזם, צוליבן אריבערגאנג צו דער פראלעטארישער רעוואלוציע, דאן ווען די אנהענגער פון „פערמאנענטער רעוואלוציע" האבן ניט פארשטאנען די ערנסטע ראליע פונעם פויערטום אין דער רוסישער רעוואלוציע, האבן ניט דערשאצט די קראפט פון דער רעוואלוציאנערער ענערגיע פונעם פויערטום, האבן ניט דערשאצט די קראפט און פעיקײט פונעם רוסישן פראלעטאריאט צו פירן נאך זיך דאס פויערטום און האבן אזוי־ארום פארשווערט דאס ארויסבאפרײען דאס פויערטום פון אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואזיע, דאס באהעפטן דאס פויערטום ארום דעם פראלעטאריאט.

דערפאר, ווײל לענין האט פארגעלייגט צו באקרוינען די רעוואלוציע מיטן אריבערגאנג פון דער מאכט צום פראלעטאריאט, דאן ווען די אנהענגער פון דער „פערמאנענטער" רעוואלוציע האבן געמיינט אנצוהייבן דעם ענין גלײך פון דער מאכט פונעם פראלעטאריאט, ניט פארשטייענדיק, אז דערמיט אליין פארמאכן זיי די אויגן אויף אזא „קלייניקײט", ווי די רעשטן לײב־אייגנטום, און נעמען ניט אין באטראכט אזא ערנסטע קראפט, ווי דאס רוסישע פויערטום, ניט פארשטייענדיק, אז אזא פאליטיק קאן בלויז טארמאזירן צו געווינען דאס פויערטום אויף דער זײט פונעם פראלעטאריאט.

לענין האט, אלזא, מלחמה געהאלטן קעגן די אנהענגער פון „פערמאנענטער" רעוואלוציע ניט איבער דער פראגע וועגן אנאיבעררײסלעכקײט, ווײל לענין אליין איז געשטאנען אויפן שטאנדפונקט פון אנאיבעררײסלעכער רעוואלוציע, נאר איבער דעם, וואס זיי האבן ניט דערשאצט די ראליע פונעם פויערטום, — דעם גרעסטן רעזערוו

פונעם פראָלעטאַריאַט, — וואָס זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די אידיי פון דער העגעמאָניע פונעם פראָלעטאַריאַט.

די אידיי פון „פּערמאַנענטער" רעוואָלוציע דאַרף מען ניט באַטראַכטן אַלס נייע אידיי. צום ערשטן מאָל האָט זי אַרויסגערוקט מאַרקס צום סוף פון די 40־ער יאָרן אין זיין באַקאַנטער „ווענדונג" צום „בונד פון קאָמוניסטן" (1850 י.). פון דעם דאָזיקן דאָקומענט האָבן עס אונדזערע „פּערמאַנענטניקעס" גענומען די אידיי פון אָנאָיבעררייסלעכער רעוואָלוציע. מען דאַרף באַמערקן, אַז נעמענדיק די דאָזיקע אידיי ביי מאַרקסן, האָבן אונדזערע „פּערמאַנענטניקעס" זי אַ ביסל אומגעענדערט, און אומענדערנדיק, האָבן זיי זי „קאַליע געמאַכט", געמאַכט זי אַזוי, אַז זי טויג ניט פאַרן פּראַקטישן געברויך. עס איז נייטיק געווען לענינס דערפאַרענע האַנט אויף צו פאַרריכטן אָט דעם פעלער, צו נעמען מאַרקס' אידיי פון אָנאָיבעררייסלעכער רעוואָלוציע אין איר ריינער פאָרם און מאַכן זי פאַר איינעם פון די ווינקלשטיינער פון זיין טעאָריע פון רעוואָלוציע.

אָט וואָס מאַרקס זאָגט אין זיין „ווענדונג" וועגן דער אָנאָיבעררייסלעכער (פּערמאַנענטער) רעוואָלוציע, נאָך דעם, ווי ער רעכנט אויס אַ ריי רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, וואָס צום דערגרייכן זיי רופט ער די קאָמוניסטן:

„אין דער צייט, ווען די דעמאָקראַטישע קליינבירגער ווילן מיטן דורכפירן אַ מעגלעך גרעסערע צאָל אויבן אָנגעוויזענע פאָדערונגען ווי אַמשנעלסטן פאַרענדיקן די רעוואָלוציע, באַשטייען אונדזערע אינטערעסן און אונדזערע אויפגאַבן דערין, אַז מיר זאָלן מאַכן די רעוואָלוציע פאַר אַן אָנאָיבעררייסלעכער אַזוי לאַנג, ביז אַלע מער אָדער ווייניקער באַזיצנדיקע קלאַסן וועלן ניט באַזייטיקט ווערן פון דער הערשאַפט, ביז דער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט דערגרייכן די מלוכה־מאַכט, ביז די אַסאָציאַציעס פון פּראָלעטאַריער ניט נאָר אין איין לאַנד, נאָר אין אַלע הערשנדיקע לענדער פון דער וועלט וועלן זיך ניט אַנטוויקלען אויף אַזויפיל, אַז די קאָנקורענץ צווישן די פּראָלעטאַריער פון די דאָזיקע לענדער וועט אויפהערן, און ביז, ווייניקסטנס, די אַנטשיידנדיקע פּראָדוקטיוו־קרעפטן וועלן ניט קאָנצענטרירט זיין אין די הענט פון די פּראָלעטאַריער".

אַנדערש גערעדט:

א) מאַרקס האָט בכלל ניט פאָרגעלייגט אָנצוהייבן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד אין די 50־ער יאָרן גלייך פון אַ פּראָלעטאַרישער מאַכט טראָץ די פּלענער פון אונדזערע רוסישע „פּערמאַנענטניקעס";

ב) מאַרקס האָט פאָרגעלייגט בלויז צו באַקרוינען די רעוואָלוציע דורך דער פּראָלעטאַרישער מלוכה־מאַכט, אַראָפּשטויסנדיק טראָט

נאָך טראָט פון דער הייך פון מאכט איין פראַקציע פון דער בורזשואַ־זיע נאָך דער אַנדערער, כדי דערנאָך, נאָכן דערשלאָגן זיך צו דער מאכט פונעם פראָלעטאַריאַט, צעפלאַקערן די רעוואָלוציע אין אַלע לענדער, — אין פולן הסכם מיט דעם אַלעם, וואָס עס האָט געלערנט לענין און וואָס ער האָט פאַרווירקלעכט אין גאַנג פון אונדזער רעוואָ־לוציע, לויט זיין טעאָריע פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין די אומשטענדן פון אימפּעריאַליזם.

קומט אויס, אַז אונדזערע רוסישע „פּערמאַנענטניקעס" האָבן ניט בלויז ניט דערשאַצט די ראָליע פונעם פּויערטום אין דער רוסי־שער רעוואָלוציע און די באַדייטונג פון דער אידיי פון העגעמאָניע פונעם פראָלעטאַריאַט, נאָר זיי האָבן נאָך אומגעענדערט (צום ער־גערן) מאַרקס' אידיי פון „פּערמאַנענטער" רעוואָלוציע און געמאַכט זי אַזוי, אַז זי טויג ניט פאַר דער פּראַקטיק.

אַט פאַרוואָס לענין האָט אויסגעלאַכט די טעאָריע פון אונדזערע „פּערמאַנענטניקעס", גערופן זי „אָריגינעלע" און „גרויסאַרטיקע" און האָט זיי באַשולדיקט אין ניט וועלן „א טראַכט טאָן וועגן דעם, איבער וועלכע סיבות איז דאָס לעבן אין משך פון גאַנצע צען יאָר געגאַנגען פאַרביי דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער טעאָריע" (לענינס אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין 1915 יאָר, אין 10 יאָר אַרום נאָך דעם, ווי אין רוסלאַנד האָט זיך באַוויזן די טעאָריע פון די „פּערמאַ־נענטניקעס", — זע ב. XVIII, ז. 317).

אַט פאַרוואָס לענין האָט געהאַלטן די דאָזיקע טעאָריע פאַר א האַלב־מענשעוויסטישער, זאָגנדיק, אַז זי „נעמט ביי די באָלשעווי־קעס דעם רוף צו אַן אַנטשלאָסענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונעם פראָלעטאַריאַט און צו דער דערגאָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורך אים, און ביי די מענשעוויקעס — דאָס „לייקענען" אין דער ראָליע פונעם פּויערטום" (זע לענינס אַרטיקל „וועגן צוויי ליניעס פון דער רעוואָלוציע", דאָרטן).

אַזוי האַלט עס מיט לענינס אידיי וועגן דעם איבערוואַקסן פון דער בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין א פּראָלעטאַרי־שער, וועגן אויסנוצן די בורזשואַזע רעוואָלוציע צוליבן איבערגיין „תיכף" צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

ווייטער. פריער האָט מען געהאַלטן דעם זיג פון דער רעוואָלו־ציע אין איין לאַנד פאַר ניט מעגלעך, מיינענדיק, אַז צוליב א זיג איבער דער בורזשואַזיע איז נייטיק א געמיינזאַמע אַרויסטרעטונג פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע פאָרגעשריטענע לענדער אָדער, אַלנ־

פאלס, פון דער מערהייַט אזעלכע לענדער. איצט אנטשפרעכט שוין ניט דער דאָזיקער שטאנדפונקט דער ווירקלעכקייַט. איצט דארף מען ארויסגיין פון דעם, אז אזא זיג איז מעגלעך, ווייַל דער ניט־גלייַכמעסיקער און שפרונגארטיקער כאראקטער פון דער אנטוויקלונג פון פארשיידענע קאפיטאליסטישע לענדער אין די אומשטענדן פון אימפעריאליזם, די אנטוויקלונג פון קאטאסטראָפאלע ווידערשפרוכן אינעווייניק אינעם אימפעריאליזם, וואָס פירן צו אומפארמייַדלעכע מלחמות, דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין אלע לענדער פון דער וועלט, — אָט דאָס אלץ פירט ניט בלויז צו דער מעגלעכקייַט, נאָר אויך צו דער נויטווענדיקייַט פונעם זיג פונעם פראָלעטאריאט אין איינצלנע לענדער. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד איז א בולטער באווייַז דערצו. עס איז נאָר נייטיק דערבייַ צו געדענקען, אז דאָס אראָפּווארפן די בורזשואזיע קאָן מיט דערפאָלג דורכגעפירט ווערן בלויז אין דעם פאל, אויב עס זייַנען פאראן אייניקע, אבסאָלוט נייטיקע באדינגונגען, וואָס אָן זיי קאָן מען אפילו ניט טראכטן וועגן דעם, אז דער פראָלעטאריאט זאָל נעמען די מאכט.

אָט וואָס לענין זאָגט וועגן די דאָזיקע באדינגונגען אין זייַן בראָשור „די קינדער־קראנקייַט“:

„דער גרונט־געזעץ פון דער רעוואָלוציע, וועלכער איז באשטעטיקט געוואָרן דורך אלע רעוואָלוציעס און בפרט דורך אלע דרייַ רוסישע רעוואָלוציעס אינעם XX יאָרהונדערט, באשטייט אָט אין וואָס: צוליב א רעוואָלוציע איז ניט גענוג, אז די עקספּלואטירטע און אונטערדריקטע מאסן זאָלן באנעמען די אוממעגלעכקייַט צו לעבן אויפן אלטן שטייגער און זאָלן אָנהייבן פאָדערן ענדערונגען; צוליב א רעוואָלוציע איז נייטיק, אז די עקספּלואטאטאָרס זאָלן ניט קאָנען לעבן און רעגירן אויפן אלטן שטייגער. ערשט דאן, ווען די *„אונטערשטע שיכטן“ ווילן ניט* דאָס אלטע און ווען די „אויבערשטע שיכטן“ *קאָנען ניט אויפן אלטן שטייגער*, ערשט דאן קאָן די רעוואָלוציע זיגן. דער דאָזיקער אמת קאָן אנדערש אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער: *א רעוואָלוציע איז אוממעגלעך אָן אן אלגעמיין־נאציאָנאלן קריזיס* (*וואָס רירט אָן סייַ די עקספּלואטירטע סייַ די עקספּלואטאטאָרס*)[1]. הייסט עס, אז צוליב א רעוואָלוציע דארף מען זיך, ערשטנס, דערשלאָגן, אז די מערהייַט ארבעטער (אָדער, אלנפאלס, די מערהייַט באוואוסטזיניקע, דענקענדיקע, פאָליטיש אקטיווע ארבעטער) זאָל פולקום פארשטיין די נייטיקייַט פון אן איבערקערעניש און זאָל גרייט זייַן צו גיין אויף טויט צוליב איר; צווייטנס, אז די רעגירנדיקע קלאסן זאָלן איבערלעבן א רעגירונג־קריזיס, וועלכער ציט אריַין אין דער פאָליטיק

[1] מייַן קורסיוו. י. סט.

אפילו די סאַמע אָפּגעשטאַנענע מאַסן..., שוואַכט אָפּ די רעגירונג און מאַכט מעגלעך פאַר די רעוואָלוציאָנערן דאָס גיכע אַראָפּוואַרפן זי״ (זע ב. XXV, ז. 222).

אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און אוועקשטעלן די מאַכט פונעם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד הייסט נאָך אָבער ניט — זיכערן דעם פולשטענדיקן זיג פונעם סאָציאַליזם. האָבנדיק פאַרפעסטיקט זײַן מאַכט און פירנדיק נאָך זיך דאָס פּויערטום, קאָן און מוז דער פּראָלעטאַריאַט פונעם לאַנד, וואָס האָט געזיגט, אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. צי באַטײַט דאָס אָבער, אַז דערמיט גופא וועט ער דערגרייכן דעם פולשטענדיקן, ענדגילטיקן זיג פונעם סאָציאַליזם, ד.ה. צי באַטײַט דאָס, אַז ער קאָן מיט די קרעפטן בלויז פון איין לאַנד פאַרפעסטיקן ענדגילטיק דעם סאָציאַליזם און פולשטענדיק גאַראַנטירן דאָס לאַנד קעגן אן אינטערווענציע, און, דאָס הייסט, אויך קעגן רעסטאַווראַציע? ניין, עס באַטײַט ניט. צוליב דעם איז נייטיק דער זיג פון דער רעוואָלוציע וויניקסטנס אין עטלעכע לענדער. דעריבער איז דאָס אַנטוויקלען און אונטערשטיצן די רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער אַ וועזנטלעכע אויפגאַבע פון דער זיגרײַכער רעוואָלוציע. דעריבער דאַרף די רעוואָלוציע פונעם לאַנד, וואָס האָט געזיגט, באַטראַכטן זיך ניט ווי אַ זעלבסטגענוגנדיקע גרייס, נאָר ווי אַן אָנשפּאַר, ווי אַ מיטל צו פאַרגיכערן דעם זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין אַנדערע לענדער.

לענין האָט דעם דאָזיקן געדאַנק אויסגעדריקט אין צוויי ווערטער, ווען ער האָט געזאָגט, אַז די אויפגאַבע פון דער זיגרײַכער רעוואָלוציע באַשטייט אין דורכפירן „דעם מאַקסימום, וואָס עס איז מעגלעך צו פאַרווירקלעכן אין איין לאַנד, כדי צו אַנטוויקלען, אונטערשטיצן, אויפוועקן די רעוואָלוציע אין אַלע לענדער״ (זע ב. XXIII, ז. 385).

אָט דאָס זײַנען, אין אַלגעמיין גענומען, די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער לענינישער טעאָריע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

IV

די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט

פון אָט דער טעמע נעם איך דרײַ גרונט־פראַגן:

א) די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס געצײַג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע;

ב) די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט אלס הערשאפט פונעם פראָלעטאריאט איבער דער בורזשואזיע;

ג) די סאָוועטן־מאכט אלס מלוכה־פאָרם פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט.

1) די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט אלס געצייַג פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע. די פראגע וועגן דער פראָלעטארישער דיקטאטור איז פריִער פאר אלץ א פראגע וועגן דעם גרונט־אינהאלט פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע. די פראָלעטארישע רעוואָלוציע, איר באוועגונג, איר שוואונג, אירע דערגרייכונגען באקומען בלוט און פלייש נאָר דורך דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט. די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט איז דאָס געצייַג פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע, איר אָרגאן, איר וויכטיקסטער שטיצפונקט, וועלכער איז ארויסגערופן געוואָרן צום לעבן, ערשטנס, כדי צו דערשטיקן דעם ווידערשטאנד פון די אראָפּגעוואָרפענע עקספּלואטאטאָרס און פארפעסטיקן די אייגענע דערגרייכונגען, צווייטנס, כדי צו דערפירן ביזן סוף די פראָלעטארישע רעוואָלוציע, דערפירן די רעוואָלוציע ביזן פולשטענדיקן זיג פונעם סאָציאַליזם. באזיגן די בורזשואזיע, אראָפּוואַרפן איר מאכט וועט די רעוואָלוציע קאָנען אויך אָן דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט. אָבער דערשטיקן דעם ווידערשטאנד פון דער בורזשואזיע, אייַנהיטן דעם זיג און זיך לאָזן ווייַטער צום ענדגילטיקן זיג פונעם סאָציאַליזם איז שוין די רעוואָלוציע נישט אימשטאנד, אויב זי וועט אויף א געוויסער שטופע פון איר אנטוויקלונג ניט שאפן קיין ספּעציעלן אָרגאן אין דער פאָרם פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט, אלס גרונט־שטיצע אירע.

„די פראגע וועגן דער מאכט איז די גרונט־פראגע פון יעדער רעוואָלוציע" (לענין). צי הייסט דאָס, אז דאָ ווערט באגרענעצט די זאך מיטן נעמען די מאכט, מיטן פארכאפּן זי? ניין, דאָס הייסט ניט אזוי. דאָס נעמען די מאכט איז נאָר אן אָנהייב פון דער ארבעט. די בורזשואזיע, אראָפּגעוואָרפן אין איין לאנד, פארבלייַבט נאָך, מחמת פיל סיבות, אויף לאנג שטארקער פונעם פראָלעטאריאט, וואָס האָט זי אראָפּגעוואָרפן. דעריבער באשטייט די גאנצע זאך דערין, אז מען זאָל אייַנהאלטן די מאכט, פארפעסטיקן זי, מאכן זי פאר אומבאזיגבאר. וואָס דארף מען האָבן אויף צו דערשלאָגן זיך צו דעם דאָזיקן ציל? דערצו איז נייטיק אויסצופילן, ווייניקסטנס, דרייַ הויפּט־אויפגאבן, וועלכע שטעלן זיך פאר דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט „אויף מאָרגן" נאָכן נצחון:

א) איינברעכן דעם ווידערשטאנד פון די גוטבאזיצער און קאפיטאליסטן, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אראָפּגעוואָרפן און עקספּראָפּריאירט, ליקווידירן אלע און אלערליי פּרואוון זייערע ווידער־אויפצושטעלן די מאכט פונעם קאפּיטאל;

ב) אָרגאַניזירן די בויאונג אין גייסט פון באַהעפטן אלע ארבעטנדיקע ארום דעם פּראָלעטאריאט און נעמען פירן די דאָזיקע ארבעט אין דער ריכטונג, וואָס גרייט צו די ליקווידירונג, די פארניכטונג פון די קלאסן;

ג) באוואָפּענען די רעוואָלוציע, אָרגאַניזירן אן ארמיי פון דער רעוואָלוציע צום קאמף קעגן די אויסערלעכע שונאים, צום קאמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם.

די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט איז נייטיק, כּדי דורכצופירן, אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאַבן.

„דער אריבערגאנג פון קאפּיטאליזם צו קאָמוניזם, — זאָגט לענין, — איז א גאנצע היסטאָרישע עפּאָכע. כל־זמן זי איז נית פארענדיקט, פארבלייבט אומפארמיידלעך ביי די עקספּלואטאטאָרס די האָפענונג אויף רעסטאווראציע, און די דאָזיקע האָפענונג ווערט פארוואנדלט אין פּרואוון פון רעסטאווראציע. און נאָך דער ערשטער ערנסטער מפּלה וואַרפן זיך די אראָפּגעוואָרפענע עקספּלואטאטאָרס, וועלכע האָבן זיך נית גערעכנט, אז מען זאָל זיי אראָפּוואַרפן, וועלכע האָבן נית געגלייבט דעריין, נית דערלאָזן דעם געדאנק וועגן דעם, זיי וואַרפן זיך אין שלאכט מיט א פארצענפאכטער ענערגיע, מיט ווילדער ליידנשאפט, מיט האס, וואָס איז אויסגעוואקסן אין הונדערט מאָל מער, כּדי צוריק צו באקומען דעם אָפּגענומענעם „גן־עדן“, פאר די פאמיליעס זייערע, וועלכע האָבן אזוי זיס געלעבט און וועלכע דער „פּאָשוטנער המון“ פארמישפּט איצט אויף רואינירונג און דלות (אָדער אויף „פּראָסטער“ ארבעט...). און נאָך די עקספּלואטאטאָרס די קאפּיטאליסטן ציט זיך די ברייטע מאסע קליינבירגערטום, וואָס צענדליקער יאָרן היסטאָרישע דערפארונג פון אלע לענדער זאָגן וועגן איר עדות, אז זי קווענקלט זיך און וואקלט זיך, היינט גייט זי נאָך דעם פּראָלעטאריאט, מאָרגן דערשרעקט זי זיך פאר די שוועריקייטן פון דער איבערקערעניש, פאלט אריין אין פּאניק ביי דער ערשטער מפּלה אָדער האלבער מפּלה פון די ארבעטער, נערווירט זיך, וואַרפט זיך, קרעכצט, לויפט אריבער פון איין לאגער אין צווייטן“ (זע ב. XXIII, ז. 355).

די בורזשואזיע האָט אירע גרונטן צו מאכן פּרואוון פון רעסטאווראציע, ווייל נאָך א לאנגע צייט נאָך דעם, ווי זי ווערט אראָפּגעוואָרפן, פארבלייבט זי שטארקער פונעם פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט זי אראָפּגעוואָרפן.

„אויב די עקספּלואטאטאָרס זיינען צעקלאפּט נאָר אין איין לאנד, — זאָגט לענין, — און דאָס איז, פארשטייט זיך, דער טיפּישער פאל, ווייל א

גלײַכצײַטיקע רעוואָלוציע אין אַ ריי לענדער איז אַ זעלטענער אויסנאַם, — בלײַבן זײַ פּונדעסטוועגן שטאַרקער פון די עקספּלואַטירטע" (זע דאָרטן, ז. 354).

אין וואָס באַשטייט די קראַפט פון דער אָראָפּגעוואָרפענער בור־זשואַזיע?

ערשטנס, „אין דער קראַפט פונעם צוווישנפעלקערלעכן קאַפּיטאַל, אין דער קראַפט און פעסטקײט פון די צוווישנפעלקערלעכע פאַרבינדונגען פון דער בורזשואַזיע" (זע ב. XXV, ז. 173).

צווייטנס, דעריך, וואָס „בײַ די עקספּלואַטאַטאָרס פאַרבלײַבט אומפאַר־מײַדלעך אויף אַ לאַנגער צײַט נאָך דער איבערקערעניש אַ ריי קאָלאָסאַלע פאַקטישע פאָרצוגן: בײַ זײַ פאַרבלײַבט דאָס געלט (פאַרניכטן דאָס געלט מיטאַמאָל קאָן מען ניט), אַ וועלכעס־ניט־איז באַוועגלעך פאַרמעגן, אָפטמאָל אַ באַדײַטנדיקס, עס פאַרבלײַבן די פאַרבינדונגען, די געניטקײט אין אָרגאַ־ניזאַציע און פאַרוואַלטונג, דאָס וויסן אַלע „סודות" (זיטן, גענג, מיטלען, מעגלעכקײטן) פון פאַרוואַלטונג, עס פאַרבלײַבט אַ העכערע בילדונג, די נאָענטקײט צום טעכנישן העכערן (וואָס לעבט און דענקט אויף אַ בורזשואַזן אופן) פערסאָנאַל, עס פאַרבלײַבט די אָן ערך גרעסערע געניט־קײט אינעם קריגס־וועזן (דאָס איז זייער וויכטיק) און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער" (זע ב. XXIII, ז. 354).

דריטנס, „אין דער קראַפט פון דער געוווינהײט, אין דער קראַפט פון דער קליין־פּראָדוקציע. ווײַל קליין־פּראָדוקציע איז נאָך, צום באַדויערן, פאַרבליבן אויף דער וועלט זייער און זייער אַ סך, און די קליין־פּראָדוקציע רופט אַרויס צום לעבן קאַפּיטאַליזם און בורזשואַזיע שטענדיק, יעדן טאָג, יעדע שעה, סטיכיש און אין אַ מאַסן־מאַס־שטאַב"... ווײַל „פאַרניכטן די קלאַסן—הייסט ניט בלויז פאַרטרײַבן די גוט־באַזיצער און קאַפּיטאַליסטן, — דאָס האָבן מיר פאַרהעלטניסמעסיק לײַכט דורכגעמאַכט, — דאָס הייסט אויך פאַרניכטן די קליינע סחורה־פּראָדוצירער, און זײַ קאָן מען ניט פאַרטרײַבן, זײַ קאָן מען ניט אונטערדריקן, מיט זײַ מוז מען הויזן, זײַ קאָן מען (און מען דאַרף) איבערמאַכן, איבערדערציִען בלויז דורך זייער אַ דויערנדיקער, לאַנגזאַמער, פאָרזיכטיקער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט" (זע ב. XXV, ז. 173 און 189).

אָט פאַרוואָס לענין זאָגט, אַז:

„די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז די סאַמע מסירת־נפשדיקע און סאַמע אָנרחמנותדיקע מלחמה פונעם נײַעם קלאַס קעגן דעם מער מעכטיקן פײַנט, קעגן דער בורזשואַזיע, וואָס איר ווידערשטאַנד איז פאַרצענפאַכט דורך דעם, וואָס זי איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן".

אַז „די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז אַ האַרטנעקיקער קאַמף, אַ בלוט־טיקער און אַ בלוטלאָזער, אַ גוואַלדזאַמער און אַ פרידלעכער, אַ מיליִ־טערישער און אַ ווירטשאַפטלעכער, אַ פּעדאַגאָגישער און אַן אַדמיניסטראַ־טאָרישער, קעגן די קרעפטן און טראַדיציעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט" (זע דאָרטן, ז. 173 און 190).

עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אז אויספילן אָט די אויפגאַבן אין אַ קורצן טערמין, דורכפירן דאָס אַלץ אין עטלעכע יאָר — איז ניטאָ קיין שום מעגלעכקייט. דעריבער דאַרף מען די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, דעם איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו קאָמוניזם באַטראַכטן ניט ווי אַ גיך־פאַריבערגייענדיקן פעריאָד, אין דער פאָרם פון אַ ריי „רעוואָלוציאָנערסטע" אַקטן און דעקרעטן, נאָר ווי אַ גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכע, פול מיט בירגער־קריגן און אויסערלעכע צוזאַמענשטויסן, מיט עקשנותדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט אוןווירטשאַפטלעכער בויאונג, אָנגריפן און צוריקטריטן, נצחונות און מפּלות. די דאָזיקע היסטאָרישע עפּאָכע איז נייטיק ניט בלויז כּדי צו שאַפן די ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פאָרהנחות פארן פולשטענדיקן נצחון פונעם סאָציאַליזם, נאָר אויך כּדי צו געבן דעם פּראָלעטאַריאַט די מעגלעכקייט, ערשטנס — צו דערציִען און פאַרהאַרטעווען זיך אַלס קראַפט, וואָס זאָל זײַן פעיִק אָנצופירן מיטן לאַנד, צווייטנס — כּדי צו איבערדערציִען און איבערמאַכן די קליינבירגערלעכע שיכטן אין דער ריכטונג, וואָס זיכערט די אָרגאַניזירונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע.

„איר דאַרפט — האָט מאַרקס געזאָגט צו די אַרבעטער, — דורכמאַכן 15, 20, 50 יאָר בירגער־קריג און צווישנפעלקערלעכע שלאַכטן, ניט בלויז כּדי צו ענדערן די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטעניסן, נאָר אויך כּדי צו ענדערן זיך אַליין און ווערן פעיִק צו פּאָליטישער הערשאַפט" (זע ווערק פון ק. מאַרקס און פ. ענגעלס, ב. VIII, ז. 506).

פאָרזעצנדיק און אַנטוויקלענדיק ווײַטער מאַרקס' געדאַנק, שרײַבט לענין:

„בײַ דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט וועט אויסקומען צו איבערדערציִען מיליאָנען פויערים און קליינע בעלי־בתּימלעך, הונדערטער טויזנטער אָנגעשטעלטע, באַאַמטע, בורזשואַזע אינטעליגענטן, אונטעראָרדענען זיי אַלע דער פּראָלעטאַרישער מלוכה און דער פּראָלעטאַרישער אָנפירונג, באַזיגן אין זיי די בורזשואַזע געוואוינהייטן און טראַדיציעס", פונקט ווי עס וועט נייטיק זײַן צו „...איבערדערציִען... אין דויערנדיקן קאַמף, אויפן באָדן פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, אויך די פּראָלעטאַריער גופא, וועלכע באַפרײַען זיך פון זייערע קליינבירגערלעכע פאָראורטיילן ניט מיטאַמאָל, ניט דורך אַ נס, ניט לויטן געבאָט פון רבונו־של־עולם, ניט לויטן געבאָט פון אַ לאָזונג, רעזאָלוציע, דעקרעט, נאָר בלויז אין לאַנגן און שווערן מאַסן־קאַמף קעגן די מאַסנהאַפטע קליינבירגערלעכע אײַנפלוסן" (זע ב. XXV, ז. 248 און 247).

2) די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס הערשאַפט פונעם

פראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשואזיע. שוין פונעם געזאָגטן קאָן מען זען, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין פּשוטער אומבייט פון פּערזאָנען אין דער רעגירונג, ניט קיין אומבייט פון אַ „קאַבינעט" אאַוו., ווען עס בלייבן אומבאַרירט די אַלטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרהעלטעניש. די מענשעוויקעס און אָפּאָרטוניסטן פון אַלע לענדער, וועלכע האָבן מורא פאַר דיקטאַטור, ווי פאַר פייער, און פאַרבייטן אויס שרעק דעם באַגריף דיקטאַטור אויפן באַגריף „דעראָבערונג פון דער מאַכט", רעדוצירן געוויינלעך די „דעראָבערונג פון דער מאַכט" צו אַן אומבייט פון אַ „קאַבינעט", דערצו, וואָס ביי דער מאַכט שטעלט זיך אַוועק אַ ניי מיניסטעריום פון אַזוינע מענטשן, ווי שיידעמאַן און נאָסקע, מאַקדאָנאַלד און הענדערסאָן. עס איז קוים נייטיק צו דערקלערן, אַז אַזוינע און ענלעכע אומביימן פון קאַבינעטן האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, מיט דעראָבערן די ווירקלעכע מאַכט דורכן ווירקלעכן פּראָלעטאַריאַט. די מאַקדאָנאַלדס און די שיידעמאַנס ביי דער מאַכט, דאַן ווען עס בלייבן די אַלטע בורזשואזע פאַרהעלטענישן, זייערע, אַזוי צו זאָגן, רעגירונגען קאָנען ניט זיין קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ באַדינונג-אַפּאַראַט אין די הענט פון דער בורזשואזיע, נאָר אַ צודעק פאַר די מכות פונעם אימפּעריאַליזם, נאָר אַ געצייג אין די הענט פון דער בורזשואזיע קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע מאַסן. זיי, אָט די רעגירונגען, זיינען נייטיק דעם קאַפּיטאַל, ווי אַ שירמע, ווען אים איז ניט באַקוועם, עס לוינט אים ניט, עס איז אים שווער צו אונטערדריקן און עקספּלואַטירן די מאַסן אָן אַ שירמע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס, וואָס אַזוינע רעגירונגען קומען אויף, איז אַ סימן, אַז „ביי זיי דאָרט" (ד.ה. ביי די קאַפּיטאַליסטן) איז ניט אַלץ בשורה, אָבער ניט געקוקט דעראויף פאַרבלייבן דאָך אַזוינע רעגירונגען אומפאַרמיידלעך צוגעפּוצטע רעגירונגען פונעם קאַפּיטאַל. פון אַ מאַקדאָנאַלד- אָדער אַ שיידעמאַן-רעגירונג ביז דער דעראָבערונג פון דער מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט איז פּונקט אַזוי ווייט, ווי פון דער ערד ביז צום הימל. די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין רעגירונג-אומבייט, נאָר אַ נייע מלוכה, מיט נייע מאַכט-אָרגאַנען אין צענטער און אויף די ערטער, אַ מלוכה פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז אַנטשטאַנען אויף די חורבות פון דער אַלטער מלוכה, פון דער מלוכה פון דער בורזשואזיע.

די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אַנטשטייט ניט אויפן יסוד פון דער בורזשואזער אָרדענונג, נאָר אין גאַנג פון צעברעכן זי, נאָכן

אראָפּוואַרפן די בורזשואזיע, אין גאַנג פון עקספּראָפּריאירן די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן, אין גאַנג פון סאָציאַליזירן די גרונטיקע פּראָדוציר־געצייג און פּראָדוציר־מיטלען, אין גאַנג פון דער גוואַלדזאַמער רעוואָלוציע פונעם פּראָלעטאַריאַט. די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז א מאַכט א רעוואָלוציאָנערע, וואָס שטיצט זיך אויף גוואַלדטאַט איבער דער בורזשואזיע.

די מלוכה איז א מאַשין אין די הענט פונעם הערשנדיקן קלאַס צו אונטערדריקן דעם ווידערשטאַנד פון זיינע קלאַסן־קעגנער. אין דער הינזיכט אונטערשיידט זיך די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין תוך מיט גאָרניט פון דער דיקטאַטור פון יעדן אַנדערן קלאַס, ווייל די פּראָלעטאַרישע מלוכה איז א מאַשין צו אונטערדריקן די בורזשואזיע. דאָ איז אָבער פאַראַן איין וועזנטלעכער אונטערשייד. ער באַשטייט דערין, וואָס אַלע קלאַסן־מלוכות, וועלכע האָבן ביז אַהער עקזיסטירט, זיינען געווען א דיקטאַטור פון דער עקספּלואַטירנדיקער מינדערהייט איבער דער עקספּלואַטירטער מערהייט, דאַן ווען די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז א דיקטאַטור פון דער עקספּלואַטירטער מערהייט איבער דער עקספּלואַטירנדיקער מינדערהייט.

קורץ גערעדט: די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט — דאָס איז די הערשאַפט פונעם פּראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשואזיע, א הערשאַפט, וואָס איז ניט באַגרענעצט דורכן געזעץ און שטיצט זיך אויף געוואַלט און וואָס האָט די סימפּאַטיע און די אונטערשטיצונג פון די אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסן (לענין. „מלוכה און רעוואָלוציע").

דערפון דרינגען אַרויס צוויי גרונט־אויספירן:

דער ערשטער אויספיר. די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט זיין קיין „פולשטענדיקע" דעמאָקראַטיע, קיין דעמאָקראַטיע פאַר אַלעמען, סיי פאַר רייכע סיי פאַר אָרעמע, — די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט „מוז זיין א מלוכה, וואָס איז אויף א נייעם שטייגער א דעמאָקראַטישע (פאַר [1] די פּראָלעטאַריער און פאַר די אומפאַרמעגלעכע בכלל) און אויף א נייעם שטייגער א דיקטאַטאָרישע — (קעגן [1] דער בורזשואזיע)" (זע ב. XXI, ז. 393). די ריידערייען פון קאַוטסקי און קאָמפּ. וועגן אַלגעמיינער גלייכהייט, וועגן „ריינער" דעמאָקראַטיע, וועגן „פולקומער" דעמאָקראַטיע אאַוו. זיינען א בור־

[1] מיין קורסיוו. י. ס ט.

זשוואזע פארשלייערונג פון דעם בפירושן פאקט, אז קיין גלייכהייט צווישן עקספלואטירטע און עקספלואטאטארס קאן ניט זיין. די טעאריע פון „ריינער" דעמאקראטיע איז א טעאריע פונעם אויבערשיכט פונעם ארבעטער־קלאס, פון דעם אויבערשיכט, וואס איז אויסדרעסירט און ווערט אונטערגעהאדעוועט דורך די אימפעריאליסטישע רויבער. זי איז ארויסגערופן געווארן צום לעבן, כדי צו פארדעקן די מכות פונעם קאפיטאליזם, צופוצן דעם אימפעריאליזם און געבן אים מאראלישע קראפט אינעם קאמף קעגן די עקספלואטירטע מאסן. עס זיינען ניטא און עס קאנען ניט זיין ביים קאפיטאליזם קיין ווירקלעכע „פרייהייטן" פאר די עקספלואטירטע, כאטשבי דערפאר אליין, וואס די לאקאלן, דרוקעריען, פאפיר־לאגערס אאוו., וועלכע זיינען נייטיק אויף אויסצונוצן די „פרייהייטן", זיינען א פריווילעגיע פון די עקספלואטאטארס. עס איז ניטא און עס קאן ניט זיין ביים קאפיטאליזם קיין ווירקלעכע באטייליקונג פון די עקספלואטירטע מאסן אין דער פארוואלטונג מיטן לאנד, כאטשבי דערפאר אליין, וואס ביי די סאמע דעמאקראטישע פארהעלטענישן אין די באדינגונגען פון קאפיטאליזם ווערן די רעגירונגען געשטעלט ניט דורכן פאלק, נאר דורך די ראטשילדס און סטינעסעס, ראקפעלערס און מארגאנס. די דעמאקראטיע ביים קאפיטאליזם איז א דעמאקראטיע א קאפיטאליסטישע, א דעמאקראטיע פון דער עקספלואטאטארישער מינדערהייט, א דעמאקראטיע, וואס באזירט זיך אויפן באגרענעצן די רעכט פון דער עקספלואטירטער מערהייט און איז געווענדט קעגן אט דער מערהייט. בלויז ביי דער פראלעטארישער דיקטאטור זיינען מעגלעך ווירקלעכע פרייהייטן פאר די עקספלואטירטע און א ווירקלעכע באטייליקונג פון די פראלעטאריער און פויערים אין דער פארוואלטונג מיטן לאנד. די דעמאקראטיע ביי דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט איז א דעמאקראטיע א פראלעטארישע, א דעמאקראטיע פון דער עקספלואטירטער מערהייט, א דעמאקראטיע, וואס באזירט זיך אויפן באגרענעצן די רעכט פון דער עקספלואטאטארישער מינדערהייט און איז געווענדט קעגן אט דער מינדערהייט.

דער צווייטער אויספיר. די דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט קאן ניט אנטשטיין אלס רעזולטאט פון דער פרידלעכער אנטוויקלונג פון דער בורזשואזער געזעלשאפט און בורזשואזער דעמאקראטיע, — זי קאן אנטשטיין בלויז אין רעזולטאט פון צעברעכן די בורזשואזע מלוכה־מאשין, די בורזשואזע ארמיי, דעם בורזשואזן באאמטן־אפאראט, די בורזשואזע פאליציי.

„דער ארבעטער־קלאס קאָן ניט פשוט באהערשן די פאַרטיקע מלוכה־מאשין און לאָזן זי אין גאנג צוליב זײַנע אייגענע צוועקן“, — זאָגן מארקס און ענגעלס אינעם פאָרוואָרט צום „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי“. — די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע דארף „...ניט איבערגעבן פון איינע הענט אין די אנדערע די ביוראָקראטיש־מיליטערישע מאשין, ווי עס פלעגט פאָרקומען ביז אהער, נאָר צעברעכן זי... — אָט דאָס איז דער פאָרבאדינג פאר יעדער ווירקלעכער פאָלקס־רעוואָלוציע אויפן קאָנטינענט“, — זאָגט מארקס אין זײַן בריוו צו קוגעלמאנען אין 1871 יאָר.

מארקס באגרענעצנדיקע פראזע וועגן קאָנטינענט האָט געגעבן די אָפּאָרטוניסטן און מענשעוויקעס פון אלע לענדער א סמך צו פּיל־דערן, אז מארקס האָט, הייסט עס, דערלאָזט אזא מעגלעכקייט, אז די בורזשואזע דעמאָקראטיע זאָל זיך פרידלעך אנטוויקלען אין א דע־מאָקראטיע א פּראָלעטארישער, לכל־הפּחות בנוגע איניקע לענדער, וועלכע גייען ניט אַרײַן אין באשטאנד פונעם אייראָפּעיִשן קאָנטי־נענט (ענגלאנד, אמעריקע). ווירקלעך, מארקס האָט דערלאָזט אזא מעגלעכקייט, און ער האָט געהאט פאר דעם א גרונט בנוגע ענגלאנד און אמעריקע אין די 70־ער יאָרן פונעם פאַרגאנגענעם יאָרהונדערט, בשעת עס איז נאָך ניט געווען קיין מאָנאָפּאָליסטישער קאפּיטאליזם, עס איז ניט געווען קיין אימפּעריאליזם, און די דאָזיקע לענדער האָבן נאָך, מחמת די ספּעציפישע באדינגונגען פון זייער אנטוויקלונג, ניט געהאט קיין אנטוויקלטן מיליטאריזם און ביוראָקראטיזם. אזוי איז עס געווען ביז ס'איז אויפגעקומען דער אנטוויקלטער אימפּעריאליזם. דערנאָך אָבער, מיט 30—40 יאָר שפּעטער, ווען די אומשטענדן אין די דאָזיקע לענדער האָבן זיך ראדיקאל געענדערט, ווען דער אימפּע־ריאליזם האָט זיך אנטוויקלט און האָט ארומגעכאפּט אלע קאפּיטא־ליסטישע לענדער אָן אויסנאם, ווען דער מיליטאריזם און ביוראָקרא־טיזם זײַנען אויפגעקומען אויך אין ענגלאנד און אין אמעריקע, ווען די ספּעציפישע באדינגונגען פון פרידלעכער אנטוויקלונג פון ענגלאנד און אמעריקע זײַנען פארשוואונדן, — האָט די באגרענעצונג בנוגע די דאָזיקע לענדער במילא געמוזט אָפּפאלן.

„איצט, — זאָגט לענין, — אין 1917 יאָר, אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער גרויסער אימפּעריאליסטישער מלחמה, פאלט אָפּ די דאָזיקע מארקס' באגרענעצונג. סײַ ענגלאנד סײַ אמעריקע, וואָס זײַנען אויף דער גאנצער וועלט די גרעסטע און לעצטע פאָרשטייער פון דער ענגליש־זאקסישער „פרײַהייט“ אין דעם זינען, וואָס דאָרט איז ניט געווען קיין מיליטאריזם און קיין ביוראָקראטיזם, האָבן זיך פולשטענדיק אראָפּגעקײַקלט אין דעם אלגעמיין־אייראָפּעיִשן שמוציקן, בלוטיקן זומפּ פון ביוראָקראטיש־מיליטערישע אינסטיטוציעס, וועלכע ווארפן אלץ

אונטער אונטער זיך, אונטערדריקן אלץ. איצט איז סט אין ענגלאנד סט אין אמעריקע „דער פאַרבאַדינג פאר יעדערווירקלעכער פאָלקס־רעוואָלוציע" — צעברעכן, צעשטערן די „פארטיקע מלוכה־מאשין" (וועלכע איז אין די יאָרן 1914—1917 דאָרט דערפירט געוואָרן ביז „אייראָפּעישער", אלגעמיין־אימפּעריאַליסטישער, פולקומקייט)" (זע ב. XXI, ז. 395).

אנדערש גערעדט, דער גזועץ וועגן דער גוואלדזאמער רעוואָלוציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער גזועץ וועגן צעברעכן די בורזשואזע מלוכה־מאשין, ווי וועגן א פאַרבאַדינג פאר אזא רעוואָלוציע, איז אן אומפאַרמיידלעכער גזועץ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער פון דער וועלט.

פאַרשטייט זיך, אין דער ווייטער צוקונפט, אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיגן אין די וויכטיקסטע לענדער פון קאַפּיטאַליזם און אויב די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע ארומרינגלונג וועט פאַרביטן ווערן מיט א סאָציאַליסטישער ארומרינגלונג, איז פולשטענדיק מעגלעך א „פרידלעכער" אנטוויקלונגס־וועג פאר אייניקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס זייערע קאַפּיטאַליסטן וועלן, מחמת דער „אומגינסטיקער" צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע, האַלטן פאר צוועקמעסיק „פרייוויליק" צו גיין אויף ערנסטע הנחות דעם פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע השערה איז אָבער שייך בלויז צו דער ווייטער און מעגלעכער צוקונפט. פאר דער נאָענטסטער צוקונפט האָט די דאָזיקע השערה קיין שום, אבסאָלוט קיין שום גרונט ניט.

דערפאַר איז לענין גערעכט, ווען ער זאָגט:

„די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז אוממעגלעך אָן דעם גוואלדזאמען צעשטערן די בורזשואזע מלוכה־מאשין און אָן דעם פאַרבייטן זי מיט א נ י ע ר" (זע ב. XXIII, ז. 342).

3) די סאָוועטן־מאַכט אלס מלוכה־פאָרם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער זיג פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט באַטייט — אונטערדריקן די בורזשואזיע, צעברעכן די בורזשואזע מלוכה־מאשין, פאַרבייטן די בורזשואזע דעמאָקראַטיע מיט א דעמאָקראַטיע א פּראָלעטאַרישער. דאָס איז קלאָר. וואָסערע זיינען אָבער די אָרגאַניזאַציעס, וואָס מיט זייער הילף קאָן דורכגעפירט ווערן אָט די קאָלאָסאַלע אַרבעט? אז די אַלטע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אויפן גרונט פונעם בורזשואזן פּאַרלאַמענטאַריזם, זיינען ניט גענוג פאר אזא אַרבעט, — דערין קאָן מען קוים צווייפלען. איז וועלכע זיינען עס די נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָלן זיין

אימשטאנד צו שפילן די ראָליע פונעם קברן פון דער בורזשואזער מלוכה־מאשין, וואָס זאָלן זײַן אימשטאַנד ניט בלויז צו צעברעכן די דאָזיקע מאשין און ניט בלויז צו פארבײַטן די בורזשואזע דע־מאָקראַטיע מיט א דעמאָקראַטיע א פראָלעטארישער, נאָר אויך ווערן דער יסוד פון דער פראָלעטארישער מלוכה־מאכט?

אָט די נײַע פאָרם פון אָרגאניזאציע פונעם פראָלעטאריאט זײַנען די סאָוועטן.

אין וואָס באשטייט די קראפט פון די סאָוועטן אין פארגלײַך מיט די אלטע אָרגאניזאציע־פאָרמען?

דערין, וואָס די סאָוועטן זײַנען די סאמע ברייטסטע מאסן־אָרגאניזאציעס פונעם פראָלעטאריאט, ווײַל זיי, און נאָר זיי, נעמען ארום אלע ארבעטער אָן אויסנאם.

דערין, וואָס די סאָוועטן זײַנען די איינציקע מאסן־אָרגאניזא־ציעס, וועלכע פאראייניקן אלע אונטערדריקטע און עקספּלואטירטע, די ארבעטער און פּויערים, די סאָלדאטן און מאטראָסן, און וואו די פּאָ־ליטישע אָנפירונג מיטן קאמף פון די מאסן מצד דעם אוואנגארד פון די מאסן, מצד דעם פראָלעטאריאט, קאָן דעריבער פארווירק־לעכט ווערן אמלײַכטסטן און אמפולסטן.

דערין, וואָס די סאָוועטן זײַנען די סאמע מעכטיקע אָרגאנען פון רעוואָלוציאָנערן קאמף פון די מאסן, פון די פּאָליטישע ארויסטרעטונ־גען פון די מאסן, פונעם אויפשטאַנד פון די מאסן, אָרגאנען, וועלכע זײַנען אימשטאַנד צו צעברעכן די אלמעכטיקייט פונעם פינאנץ־קאפּיטאל און פון זײַנע פּאָליטישע צוגאָבן.

דערין, וואָס די סאָוועטן זײַנען אוממיטלבארע אָרגאניזאציעס פון די מאסן גופא, ד.ה. די סאמע דעמאָקראַטישע, און, במילא, די סאמע אויטאָריטעטע אָרגאניזאציעס פון די מאסן, וואָס פארלײַכטערן פאר זיי מאקסימאל אָנטייל צו נעמען אין דער אײַנאָרדענונג פון דער נײַער מלוכה און אין דער אָנפירונג מיט איר און וואָס מאכן מאקסי־מאל פרײַ די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, די איניציאטיוו, די שעפע־רישע פעיקייטן פון די מאסן אינעם קאמף פאר דער צעשטערונג פון דער אלטער סיסטעם, אינעם קאמף פאר א נײַער, פראָלעטארי־שער סיסטעם.

די סאָוועטן־מאכט איז א פאראייניקונג און אויספורעמונג פון די אָרטיקע סאָוועטן אין איין אלגעמיינער מלוכה־אָרגאניזאציע, אין א מלוכה־אָרגאניזאציע פונעם פראָלעטאריאט, אלס דעם אוואנגארד פון די אונטערדריקטע און עקספּלואטירטע מאסן און אלס דעם

הערשנדיקן קלאַס, — אַ פאַראייניקונג אין אַ רעפּובליק פון סאָ־וועטן.

דער תוך פון דער סאָוועטן־מאַכט באַשטייט דערין, וואָס די סאַמע מאַסעווע און סאַמע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס גראָד פון יענע קלאַסן, וועלכע זיינען אונטערדריקט געוואָרן דורך די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, — זיינען איצט „די שטענדיקע און איינציקע באַזע פון דער גאַנצער מלוכה־מאַכט, פונעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט“, וואָס „גראָד יענע מאַסן, וואָס אפילו אין די סאַמע דעמאָקראַטישע בור־זשואַזע רעפּובליקן“, וואו זיי זיינען לויטן געזעץ גלייכבאַרעכטיקט, פלעגן זיי „אין דער ווירקלעכקייט דורך טויזנטערליי מיטלען און שפּיצלעך באַזייטיקט ווערן פונעם אָנטייל אינעם פּאָליטישן לעבן און פונעם באַנוצן זיך מיט די דעמאָקראַטישע רעכט און פרייַ־הייטן“, — גראָד אָט די מאַסן „ווערן איצט צוגעצויגן צום שטענ־דיקן און אומבאַדינגטן, דערביי אַנטשיידנדיקן, אָנטיילנעמען אינעם דעמאָקראַטישן פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה“[1] (זע לענין, ב. XXIV, ז. 13).

אָט פאַרוואָס די סאָוועטן־מאַכט איז אַ נייַע פאָרם פון מלוכה־אָרגאַניזאַציע, וואָס אונטערשיידט זיך פּרינציפּיעל פון דער אַל־טער, בורזשואַז־דעמאָקראַטישער און פּאַרלאַמענטאַרישער פאָרם, אַ נייַער טיפּ מלוכה, וואָס איז צוגעפּאַסט ניט צו די אויפגאַבן פון עקספּלואַטירן און אונטערדריקן די אַרבעטנדיקע מאַסן, נאָר צו די אויפגאַבן פון באַפרייַען זיי פולשטענדיק פון יעטווידער אונ־טערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, צו די אויפגאַבן פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

לענין איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז מיטן אויפקום פון דער סאָוועטן־מאַכט „האָט זיך די עפּאָכע פונעם בורזשואַז־דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענטאַריזם פאַרענדיקט, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַער קאַ־פּיטל אין דער וועלט־געשיכטע: די עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור“.

אין וואָס באַשטייען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער סאָוועטן־מאַכט?

דערין, וואָס די סאָוועטן־מאַכט איז די סאַמע מאַסעווע און סאַמע דעמאָקראַטישע מלוכה־אָרגאַניזאַציע פון צווישן אַלע מעגלעכע מלוכה־אָרגאַניזאַציעס אין די באַדינגונגען פון עקזיסטענץ פון קלאַסן, ווייַל

[1] דער קורסיוו איז אומעטום מייַנער. י. ס ט.

זײַענדיק אן אָרענע פאַרן צוזאַמענשלוס און מיטאַרבעט פון די אַרבעטער און עקספּלואַטירטע פויערים אינעם קאַמף קעגן די עקספּלואַטאַטאָרם און שטיצנדיק זיך אין איר אַרבעט אויף אָט דעם צוזאַמענשלוס און אָט דער מיטאַרבעט, איז זי דערמיט גופא די מאַכט פון דער מערהײַט באַפעלקערונג איבער דער מינדערהײַט, די מלוכה פון דער דאָזיקער מערהײַט, דער אויסדרוק פון איר דיקטאַטור.

דערין, וואָס די סאָוועטן-מאַכט איז די סאַמע אינטערנאַציאָנאַליסטישע פון אַלע מלוכה-אָרגאַניזאַציעס פון דער קלאַסן-געזעלשאַפט, ווײַל צעשטערנדיק יעטווידן נאַציאָנאַלן דרוק און שטיצנדיק זיך אויף דער מיטאַרבעט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פאַרשײדענע נאַציאָנאַליטעטן, פאַרגרינגערט זי דערמיט אַליין די פאַראײניקונג פון די דאָזיקע מאַסן אין אן אײנהײַטלעכן מלוכה-פאַרבאַנד.

דערין, וואָס די סאָוועטן-מאַכט פאַרלײַכטערט, לויט דער עצם סטרוקטור אירער, די אָנפירונג מיט די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע מאַסן מצד דעם אוואַנגאַרד פון די דאָזיקע מאַסן, מצד דעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס דעם סאַמע באַהעפטן און סאַמע באַוואוסטזיניקן קערן פון די סאָוועטן.

„די דערפאַרונג פון אַלע רעוואָלוציעס און פון אַלע באַוועגונגען פון די אונטערדריקטע קלאַסן, די דערפאַרונג פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג לערנט אונדז, — זאָגט לענין, — אַז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז אימשטאַנד צו פאַראײניקן און פירן נאָך זיך די צעשטויבטע און אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער און עקספּלואַטירטער באַפעלקערונג“ (זע ב. XXIV, ז. 14). די זאַך איז די, וואָס די סטרוקטור פון דער סאָוועטן-מאַכט פאַרלײַכטערט צו פאַרווירקלעכן די אָנווײַזונגען פון דער דאָזיקער דערפאַרונג.

דערין, וואָס די סאָוועטן-מאַכט, דורך דעם, וואָס זי פאַראײניקט די געזעצגעבערישע און אויספירערישע מאַכט אין אן אײנהײַטלעכער מלוכה-אָרגאַניזאַציע און פאַרבײַט די טעריטאָריעלע וואַל-קרײַזן מיט פּראָדוקציר-אײנסן, זאַוואָדן און פאַבריקן,—בינדט זי אוממיטלבאַר צונויף די אַרבעטער און בכלל די אַרבעטנדיקע מאַסן מיט די אַפּאַראַטן פון דער מלוכה-פאַרוואַלטונג, לערנט זײ פאַרוואַלטן מיטן לאַנד.

דערין, וואָס נאָר די סאָוועטן-מאַכט איז אימשטאַנד צו באַפרײַען די אַרמיי פון אונטערגעוואָרפנקײַט אונטער דער בורזשואַזער קאָמאַנדירונג און פאַרוואַנדלען זי פון א געצײַג צו אונטערדריקן דאָס פאָלק, ווי זי איז בײַ דער בורזשואַזער אָרדענונג, אין א געצײַג

צו באפרייען דאָס פאָלק פון אונטערן יאָך פון דער בורזשואזיע, דער אייגענער און דער פרעמדער.

דערין, וואָס „נאָר די סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע פון דער מלוכה איז אימשטאַנד ווירקלעך צו צעקלאַפּן מיטאַמאָל און צעשמעטערן ענדגילטיק דעם אַלטן, ד.ה. דעם בורזשואַזן, באַאַמטן־אַפּאַראַט און ריכטער־אַפּאַראַט" (זע דאָרטן).

דערין, וואָס נאָר די סאָוועטישע פאָרם פון דער מלוכה, וועלכע ציט צו די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע צום שטענדיקן און אומבאַדינגטן אָנטיילנעמען אין דער מלוכה־פאַרוואַלטונג, נאָר זי איז אימשטאַנד צוצוגרייטן די אָפּשטאַרבונג פון דעם מלוכהשאַפט, וועלכע איז איינער פון די גרונטעלעמענטן פון דער צוקונפטיקער אָנמלוכהשער, קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

די סאָוועטן־רעפּובליק איז אַזוי־אַרום יענע געזוכטע און, ענדלעך, געפונענע פּאָליטישע פאָרם, וואָס אין אירע ראַמען דאַרף דורכגעפירט ווערן די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער פולער זיג פונעם סאָציאַליזם.

די פּאַריזשער קאָמונע איז געווען דער עמבריאָן פון דער דאָזיקער פאָרם, די סאָוועטן־מאַכט — דאָס איז איר אַנטוויקלונג און באַקרוינונג.

אָט פאַרוואָס לענין זאָגט, אַז:

„די רעפּובליק פון די סאָוועטן פון אַרבעטער־, סאָלדאַטן־ און פּויערים־דעפּוטאַטן איז ניט נאָר אַ פאָרם פון אַ העכערן טיפּ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס..., נאָר אויך די איינציקע[1] פאָרם, וועלכע איז אימשטאַנד צו זיכערן דעם סאַמע שמערצלאָזן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם" (זע ב. XXII, ז. 131).

V

די פּויערים־פראַגע

פון דער דאָזיקער טעמע נעם איך פיר פראַגן:

א) די שטעלונג פון דער פראַגע;

ב) דאָס פּויערטום בעת דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע;

ג) דאָס פּויערטום בעת דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע;

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

ד) דאָס פויערטום נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטן־מאַכט.

1) די שטעלונג פון דער פראַגע. אייניקע מיינען, אַז דאָס עיקר־דיקע אינעם לעניניזם — דאָס איז די פויערים־פראַגע, אַז דער אויס־גאַנגס־פונקט פונעם לעניניזם איז די פראַגע וועגן דעם פויערטום, וועגן זיין ראָליע, זיין ספּעציפישן געוויכט. דאָס איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק. די גרונט־פראַגע אינעם לעניניזם, זיין אויסגאַנגס־פונקט איז ניט די פויערים־פראַגע, נאָר די פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועגן די באַדינגונגען פון דעראָבערן זי, וועגן די באַדינגונגען פון פאַרפעסטיקן זי. די פויערים־פראַגע, אַלס פראַגע וועגן דעם פאַרבינדעטן פונעם פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר דער מאַכט, איז אַן אַרויסדרינגענדיקע פראַגע.

דער דאָזיקער אומשטאַנד נעמט אָבער ביי איר כלל ניט אָפּ יענע ערנסטע, אַקטועלע באַדייטונג, וועלכע זי האָט, אָן ספק, פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. עס איז באַוואוסט, אַז ערנסט פאַנאַנ־דעראַרבעטן די פויערים־פראַגע האָט מען אין די רייען פון די רו־סישע מאַרקסיסטן אָנגעהויבן גראָד ערב דער ערשטער רעוואָלוציע (פון 1905 יאָר), ווען די פראַגע וועגן אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם און דורכפירן די העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געשטעלט פאַר דער פּאַרטיי אין איר גאַנצער גרייס, און די פראַגע וועגן דעם פאַרבינדעטן פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרשטייענדיקער בור־זשואַזער רעוואָלוציע האָט באַקומען אַן אַקטועלן כאַראַקטער. עס איז אויך באַוואוסט, אַז די פויערים־פראַגע האָט אין רוסלאַנד באַקומען אַ נאָך מער אַקטועלן כאַראַקטער בעת דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־לוציע, ווען די פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועגן דעראָבערן און איינהאַלטן זי האָט געבראַכט צו דער פראַגע וועגן די פאַרבינדעטע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרשטייענדי־קער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. און עס איז טאַקע פאַרשטענדלעך: ווער עס גייט און גרייט זיך צו דער מאַכט, דער קאָן זיך נישט ניט אינטערעסירן מיט דער פראַגע וועגן זיינעווירקלעכע פאַרבינדעטע.

אין דעם זינען איז די פויערים־פראַגע אַ טייל פון דער אַלגע־מיינער פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, און, אַלס אַזעלכע, איז זי איינע פון די סאַמע אַקטועלע פראַגן פונעם לעניניזם.

די גלייכגילטיקע אָדער פשוט די נעגאַטיווע באַציאונג צו דער פויערים־פראַגע מצד די פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל דער־

קלערט זיך ניט בלויז מיט די ספּעציפישע אַנטוויקלונג־באַדינגונגען אויפן מערב. זי דערקלערט זיך פריִער פאַר אַלץ דערמיט, וואָס די דאָזיקע פּאַרטייען גלויבן ניט אין דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, האָבן מורא פאַר רעוואָלוציע און האָבן ניט בדעה צו פירן דעם פּראָ־לעטאַריאַט צו דער מאַכט. און ווער עס האָט מורא פאַר רעוואָלוציע, ווער עס האָט ניט בדעה צו פירן די פּראָלעטאַריער צו דער מאַכט, דער קאָן זיך ניט אינטערעסירן מיט דער פראַגע וועגן די פאַרבינדעטע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע, — פאַר דעם איז די פראַגע וועגן די פאַרבינדעטע אַן אינדיפערענטע, ניט קיין אַקטועלע פראַגע. די איראָנישע באַציאונג פון די העלדן פון II אינטערנאַציאָנאַל צו דער פויערים־פראַגע רעכנט זיך בײַ זיי פאַר אַ סימן פון אַ גוטן טאָן, פאַר אַ סימן פון „עכטן" מאַרקסיזם. אין דער אמתן איז דאָ ניטאָ אפילו קיין טראָפּן מאַרקסיזם, ווײַל די גלײַכגילטיקײַט צו אַזאַ וויכ־טיקער פראַגע, ווי די פויערים־פראַגע, ערב דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז די אַנדערע זײַט פונעם לייקענען אין דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, איז אַ בפירושער סימן פון אָפּן פאַרראַטן דעם מאַרקסיזם.

די פראַגע שטייט אַזוי: צי זײַנען שוין אויסגעשעפּט די רעוואָלו־ציאָנערע מעגלעכקייטן, וועלכע זײַנען פאַרבאָרגן אין די טיפעניש פונעם פויערטום, מחמת געוויסע באַדינגונגען פון זײַן עקזיסטענץ, אָדער ניט, און אויב זיי זײַנען ניט אויסגעשעפּט, צי איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַ גרונט אויסצונוצן די דאָזיקע מעגלעכקײַטן צוליב דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פאַרוואַנדלען דאָס פויערטום, זײַן עקס־פּלואַטירטע מערהײַט, פון אַ רעזערוו פון דער בורזשואַזיע, וואָס אַזאַ איז דאָס געווען בעת די בורזשואַזע רעוואָלוציעס אויפן מערב און וואָס אַזאַ פאַרבלײַבט דאָס אויך איצט, — אין אַ רעזערוו פונעם פּראָ־לעטאַריאַט, אין זײַנעם אַ פאַרבינדעטן?

דער לעניניזם ענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע פּאָזיטיוו, ד.ה. אין גײַסט פון אָנערקענען אין די רייען פון דער מערהײַט פויער־טום רעוואָלוציאָנערע פעיקײַטן און אין גײַסט פון דער מעגלעכקײַט אויסצונוצן זיי אין די אינטערעסן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַ־טור.

די געשיכטע פון די דרײַ רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד באַשטעטיקט פולשטענדיק די אויספירן פונעם לעניניזם אין דעם פּרט.

דערפון קומט דער פּראַקטישער אויספיר וועגן שטיצן די אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם פויערטום אין זייער קאַמף

קעגן פארשקלאפונג און עקספלואטאציע, אין זייער קאמף פאר באַ־פרייען זיך פון אונטערדריקונג און דלות. דאָס באַטייט ניט, פאַר־שטייט זיך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף שטיצן יעטווידע פּויערים־באַוועגונג. עס רעדט זיך דאָ וועגן שטיצן אַזאַ באַוועגונג און אַזאַ קאַמף פונעם פּויערטום, וועלכע פאַרלייכטערן דירעקט אָדער אומדי־רעקט די באַפרייאונגס־באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע גיסן אַזוי אָדער אַנדערש וואַסער אויף די מיל־רעדער פון דער פּראָלעטאַ־רישער רעוואָלוציע, וועלכע העלפן פאַרוואַנדלען דאָס פּויערטום אין א רעזערוו און א פאַרבינדעטן פונעם אַרבעטער־קלאַס.

2) דאָס פּויערטום בעת דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָ־לוציע. דער דאָזיקער פּעריאָד נעמט אַרום דעם צייט־אָפּשניט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905 י.) ביז דער צווייטער (פעב־רואַר 1917 י.) איינגעשלאָסן. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם דאָזיקן פּעריאָד — דאָס פּויערטום באַפרייט זיך פון אונטערן איינ־פלוס פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, דאָס פּויערטום גייט אָפּ פון די קאַדעטן, דאָס פּויערטום קערט זיך אויס צום פּראָלעטאַריאַט, צו דער פּאַרטיי פון די באָלשעוויקעס. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן פּעריאָד איז די געשיכטע פונעם קאַמף צווישן די קאַדעטן (די ליבע־ראַלע בורזשואַזיע) און די באָלשעוויקעס (דער פּראָלעטאַריאַט) פאַרן פּויערטום. דעם גורל פון דעם דאָזיקן קאַמף האָט אַנטשיידט דער דומע־פּעריאָד, ווייל דער פּעריאָד פון די פיר דומעס האָט געדינט אַלס אַנשויילעכע לעקציע פאַרן פּויערטום, און די דאָזיקע לעקציע האָט באַשטימפּערלעך באַוויזן די פּויערים, אַז זיי וועלן ניט באַקומען פון די הענט פון די קאַדעטן ניט קיין ערד, ניט קיין פרייהייט, אַז דער צאַר איז אינגאַנצן פאַר די פּריצים, און די קאַדעטן שטיצן דעם צאַר, אַז די איינציקע קראַפט, אויף וועמענס הילף מען קאָן אויס־רעכענען, — דאָס זיינען די שטאָטישע אַרבעטער, דער פּראָלעטאַ־ריאַט. די אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט בלויז באַשטעטיקט די לעקציע, וועלכע עס האָט געגעבן דער דומע־פּעריאָד, — זי האָט דערפירט ביזן סוף דעם פּויערטומס אָפּגאַנג פון דער בור־זשואַזיע, דערפירט ביזן סוף די איזאָליאַציע פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, ווייל די מלחמה־יאָרן האָבן באַוויזן די גאַנצע פּוסט־קייט, די גאַנצע אילוזאָרישקייט פון די האָפענונגען צו באַקומען א שלום ביים צאַר און ביי זיינע בורזשואַזע פאַרבינדעטע. אָן די אַנ־שוילעכע לעקציעס פונעם דומע־פּעריאָד וואָלט די העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט געווען אוממעגלעך.

אָט אזוי האָט זיך אויסגעבילדעט דער בונד צווישן די ארבעטער און די פויערים אין דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָלוציע. אָט אזוי האָט זיך אויסגעבילדעט די העגעמאָניע (אָנפירונג) פונעם פּראָלעטאריאט איגעם געמיינזאמען קאמף פאר אראָפּווארפן דעם צאַריזם, די העגעמאָניע, וועלכע האָט געבראכט צו דער פעברואר־רעוואָלוציע פון 1917 יאָר.

די בורזשואזע רעוואָלוציעס פון מערב (ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך) זיינען, ווי באוואוסט, אוועק מיט אן אנדער וועג. דאָרט האָט די העגעמאָניע אין דער רעוואָלוציע געהערט ניט דעם פּראָלעטאריאט, וועלכער איז מחמת זיין שוואכקייט גיט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין קיין זעלבסשטענדיקע פּאָליטישע קראפט, נאָר דער ליבעראלער בורזשואזיע. דאָרט האָט דאָס פויערטום די באפרייאונג פון די לייב־אייגנטימערישע פּאָראָנדקעס באקומען ניט פון די הענט פונעם פּראָלעטאריאט, וועלכער איז געווען קליין אין צאָל און ניט אָרגאניזירט, נאָר פון די הענט פון דער בורזשואזיע. דאָרט איז דאָס פויערטום געגאנגען קעגן די אלטע פּאָראָנדקעס צוזאמען מיט דער ליבעראלער בורזשואזיע. דאָרט איז דאָס פויערטום געווען א רעזערוו פון דער בורזשואזיע. דאָרט האָט דעריבער די רעוואָלוציע געבראכט צו א גוואלדיקער פארשטארקונג פונעם פּאָליטישן געוויכט פון דער בורזשואזיע.

פארקערט, אין רוסלאנד האָט די בורזשואזע רעוואָלוציע געגעבן פונקט קעגנזעצלעכע רעזולטאטן. די רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט געבראכט ניט צו דער פארשטארקונג, נאָר צו דער אָפּשוואכונג פון דער בורזשואזיע, אלס פּאָליטישער קראפט, ניט צו דער פארמערונג פון אירע פּאָליטישע רעזערוון, נאָר דערצו, אז זי האָט פארלאָרן איר גרונט־רעזערוו, אז זי האָט פארלאָרן דאָס פויערטום. די בורזשואזע רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט ניט די ליבעראלע בורזשואזיע, נאָר דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט, באהעפטנדיק ארום אים דאָס פילמיליאָניקע פויערטום.

דערמיט, אגב, דערקלערט זיך טאקע דער פאקט, וואָס די בורזשואזע רעוואָלוציע איז אין רוסלאנד אריבערגעוואקסן אין א פּראָלעטארישער רעוואָלוציע אין א פארהעלטניסמעסיק קורצער צייט. די העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאריאט איז געווען דער עמבריאָן און די איבערגאנג־שטופע צו דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט.

מיט וואָס קאָן מען דערקלערן אָט די אייגנארטיקע דערשיינונג אין דער רוסישער רעוואָלוציע, א דערשיינונג, וועלכע האָט ניט קיין

פרעצעדענטן אין דער געשיכטע פון די בורזשואזע רעוואָלוציעס אויפן מערב? פונוואנען האָט זיך גענומען אָט די אייגנאַרטיקייט?

זי דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די בורזשואזע רעוואָלוציע האָט זיך אין רוסלאַנד פאַנאַנדערגעוויקלט ביי מער אנטוויקלטע באַדינגונגען פון קלאַסן־קאַמף, איידער אויפן מערב, דערמיט, וואָס דער רוסישער פראָלעטאַריאַט האָט שוין באַוויזן צו אָט דער צייט זיך צו פאַרוואַנדלען אין א זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער קראַפט, בשעת די ליבעראַלע בורזשואזיע, אנגעשראָקן פון דער רעוואָלוציאָנערקייט פונעם פראָלעטאַריאַט, האָט אָנגעוואָרן אפילו די ענלעכקייט צו א וועלכער־ניט־איז רעוואָלוציאָנערקייט (באַזונדערס נאָך די לעקציעס פון 1905 יאָר) און האָט א קער געטאָן צו א בונד מיטן צאַר און מיט די פּריצים קעגן דער רעוואָלוציע, קעגן די ארבעטער און פּויערים.

מען דאַרף נעמען אין אכט די פאָלגנדיקע אומשטענדן, וועלכע האָבן באַשטימט די אייגנאַרטיקייט פון דער רוסישער בורזשואזער רעוואָלוציע:

א) די אויסערגעוויינלעכע קאָנצענטראַציע פון דער רוסישער אינדוסטריע ערב דער רעוואָלוציע. עס איז, למשל, באַוואוסט, אז אין אונטערנעמונגען מיט א צאָל ארבעטער איבער 500 מאַן האָבן אין רוסלאַנד געאַרבעט 54% פון אלע ארבעטער, בשעת אין אזא אנטוויקלט לאַנד, ווי צפון־אַמעריקע, האָבן אין אנאַלאָגישע אונטערנעמונגען געאַרבעט סך־הכל 33% פון אלע ארבעטער. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אז שוין דער דאָזיקער אומשטאַנד אליין, ביי דער עקזיסטענץ פון אזא רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, ווי די פּאַרטיי באָלשעוויקעס, האָט פאַרוואַנדלט דעם ארבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד אין דער גרעסטער קראַפט פונעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד.

ב) די העסלעכע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע אין די אונטערנעמונגען פּליוס דער אומדערטרעגלעכער פּאָליצייאישער רעזשים פון די צאַרישע קייט־הינט, — און אומשטאַנד, וועלכער האָט יעדן ערנסטן שטרייק פון די ארבעטער פאַרוואַנדלט אין א קאָלאָסאַלן פּאָליטישן אקט און האָט פאַרהאַרטעוועט דעם ארבעטער־קלאַס, ווי א קראַפט, וואָס איז רעוואָלוציאָנער ביזן סוף.

ג) די פּאָליטישע שלאַבעריקייט פון דער רוסישער בורזשואזיע, א שלאַבעריקייט, וואָס האָט זיך נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר פאַרוואַנדלט אין לאַקייאישקייט צום צאַריזם און אין אָפענער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערקייט. וואָס מען קאָן דערקלערן ניט בלויז מיט

דער רעוואָלוציאָנערקייט פונעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אָפּגעוואָרפן די רוסישע בורזשואַזיע אין די אָרעמס פונעם צאַריזם, נאָר אויך דערמיט, וואָס די דאָזיקע בורזשואַזיע איז דירעקט געווען אָפּהענגיק פון די רעגירונגס-באַשטעלונגען.

ד) די סאַמע העסלעכע און סאַמע אומדערטרעגלעכע רעשטן פון ליַיב-אייגנטימערישע פּאַראָנדקעס אין דאָרף, דערגאַנצט דורך דער אומבאַגרענעצטער מאַכט פונעם פּריץ, — אַן אומשטאַנד, וואָס האָט געוואָרפן דאָס פּויערטום אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע.

ה) דער צאַריזם, וועלכער האָט געשטיקט אַלדאָס לעבעדיקע און האָט מיט זיַין ווילקיר פאַרשטאַרקט דעם דרוק פונעם קאַפּיטאַליסט און גוטבאַזיצער, — אַן אומשטאַנד, וואָס האָט פאַראייניקט דעם קאַמף פון די אַרבעטער און פּויערים אין אַן איינהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן שטראָם.

ו) די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, וועלכע האָט צונויפגעגאָסן די אַלע ווידערשפּרוכן פונעם פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד אין אַ טיפן רעוואָלוציאָנערן קריזיס און האָט צוגעגעבן דער רעוואָלוציע אַן אויסערגעוויינלעכע דראַנגס-קראַפט.

וואוהין האָט זיך דאָס פּויערטום געקאָנט ווענדן ביַי אַזוינע באַדינגונגען? ביַי וועמען זוכן שטיצע קעגן דער אומבאַגרענעצטער מאַכט פונעם פּריץ, קעגן דעם ווילקיר פונעם צאַר, קעגן דער שוידערלעכער מלחמה, וואָס האָט רואינירט זיַין ווירטשאַפט? ביַי דער ליבעראַלער בורזשואַזיע? זי איז אָבער אַ שונא, — דערויף האָט עדות געזאָגט די לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון אַלע פיר דומעס. ביַי די עסערן? די עסערן זיַינען, פאַרשטייט זיך, „בעסער" פון די קאַדעטן, און די פּראָגראַם איז ביַי זיי „עפּעס אַ פּאַסיקע", כמעט אַ פּויערישע, אָבער וואָס קאָנען געבן די עסערן, אויב זיי מיינען זיך שטיצן נאָר אויף די פּויערים אַליין און אויב זיי זיַינען שוואַך אין שטאָט, וואו עס שעפּט פריִער פון אַלץ זיַינע כוחות דער קעגנער? וואו איז די ניַיע קראַפט, וועלכע וועט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן ניט אין דאָרף, ניט אין שטאָט, וועלכע וועט גיין דרייסט אין די ערשטע רייען קעמפן קעגן דעם צאַר און פּריץ, וועלכע וועט העלפן דעם פּויערטום זיך אַרויסריַיסן פון פאַרשקלאַפונג, פון ערדלאָזיקייט, פון אונטערדריקונג, פון דער מלחמה? צי איז בכלל געווען אַזאַ קראַפט אין רוסלאַנד? יאָ, עס איז געווען. דאָס איז געווען דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט באַוויזן זיַין קראַפט, זיַין

קענען קעמפן ביזן סוף, זײַן דרייסטקייט, זײַן רעוואָלוציאָנערקייט נאָך אין 1905 יאָר.

אלנפאלס, קיין אנדער קראפט אזא איז ניט געווען, און נעמען זי איז ניט געווען פונוואנען.

אָט פארוואָס, ווען דאָס פויערטום איז אָפּגעגאנגען פון די קא-דעטן און צוגעשטאנען צו די עסערן, איז עס צוזאמען דערמיט געקומען צו דער נייטיקייט זיך אונטערצוּוואַרפן דער אָנפירונג פון אזא מוטיקן פירער פון דער רעוואָלוציע, ווי דער רוסישער פּראָלעטאריאט.

אָט דאָס זײַנען די אומשטענדן, וועלכע האָבן באשטימט די אייגנ-ארטיקייט פון דער רוסישער בורזשואזער רעוואָלוציע.

3) דאָס פויערטום בעת דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. דער דאָזיקער פעריאָד נעמט ארום דעם צײַט-אָפּשניט פון דער פעברואר-רעוואָלוציע (פון 1917 יאָר) ביז דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע (פון 1917 יאָר). דער דאָזיקער פעריאָד איז פארהעלטנישמעסיק ניט קיין לאנגער, סך-הכל אכט חדשים, — אָבער פונעם שטאנדפּונקט פון פּאָליטישער אויפקלערונג און רעוואָלוציאָנערער דערציאונג פון די מאסן קאָנען די דאָזיקע אכט חדשים דרייסט צוגעגליכן ווערן צו גאנצע יאָר-צענדליקער פון געוויינלעכער קאָנסטיטוציאָנעלער אנטוויקלונג, ווײַל זיי זײַנען אכט חדשים רעוואָלוציע. דער כאראקטעריסטישער שטריך פון דעם דאָזיקן פעריאָד: די רעוואָלוציאָניזירונג פונעם פויערטום גייט ווײַטער, עס אנטוישט זיך אין די עסערן, דאָס פויערטום גייט אָפּ פון די עסערן, דאָס פויערטום גיט זיך א נײַעם קער צום דירעקטן באהעפטן זיך ארום דעם פּראָלעטאריאט, אלס איינציקער ביזן סוף רעוואָלוציאָנערער קראפט, וועלכע איז אימשטאנד צו ברענגען דאָס לאנד צו שלום. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן פעריאָד איז א געשיכטע פון קאמף צווישן די עסערן (קליינבירגערלעכע דע-מאָקראטיע) און די באָלשעוויקעס (פּראָלעטארישע דעמאָקראטיע) פארן פויערטום, פאר געווינען די מערהייט פונעם פויערטום. דעם גורל פון דעם דאָזיקן קאמף האָט אנטשיידט דער קאָאַליציע-פעריאָד, דער פעריאָד פון דער קערענשטשינע, דאָס, וואָס די עסערן און מענשעוויקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קאָנפיסקירן די גוטבאזיצערישע ערד, דער קאמף פון די עסערן און מענשעוויקעס פאר פירן ווײַטער די מלחמה, דער יוני-אָנגריף אויפן פראָנט, די טויט-שטראָף פאר די סאָלדאטן, קאָרנילאָווס אויפשטאנד.

אויבן פריער, אינעם פאָריקן פעריאָד, איז די גרונט-פראגע פון דער רעוואָלוציע געווען — אראָפּוואַרפן דעם צאר און די פּריצישע

מאכט, איז איצט, אינעם פעריאָד נאָך דער פעברואר־רעוואָלוציע, ווען קיין צאַר איז שוין ניט געווען און די פארשלעפטע מלחמה האָט א תל געמאכט פון דער ווירטשאפט פונעם לאנד, אינגאנצן רואינירנדיק דאָס פויערטום, — איז איצט די גרונט־פראגע פון דער רעוואָלוציע געוואָרן די פראגע וועגן ליקווידירן די מלחמה. דער שווערפונקט איז באשײַמפערלעך אריבערגעטראָגן געוואָרן פון די פראגן, וואָס האָבן א ריין־אינערלעכן כאראקטער, צו דער גרונט־פראגע — וועגן דער מלחמה. „מאכן א סוף צו דער מלחמה״, „ארויסרײַסן זיך פון דער מלחמה״ — אָט דאָס איז געווען דער אלגעמיינער געשריי פונעם אויסגעמאטערטן לאנד און, פריער פאר אלץ, פונעם פויערטום.

כדי ארויסצורײַסן זיך פון דער מלחמה, האָט מען אָבער געמוזט אראָפּווארפן די צײַטווײַליקע רעגירונג, האָט מען געמוזט אראָפּווארפן די מאכט פון דער בורזשואזיע, האָט מען געמוזט אראָפּווארפן די מאכט פון די עסערן און מענשעוויקעס, ווײַל זיי און נאָר זיי האָבן געוואָלט פארציִען די מלחמה ביז א „זיגרײַכן סוף״. קיין אנדער וועג ארויסצוגיין פון דער מלחמה, ווי אראָפּווארפן די בורזשואזיע, איז אין דער פראקטיק ניט געווען.

דאָס איז געווען א נײַע רעוואָלוציע, א רעוואָלוציע א פראָלעטארישע, ווײַל זי האָט אראָפּגעוואָרפן פון דער מאכט די לעצטע, די עקסט־לינקע פראקציע פון דער אימפעריאליסטישער בורזשואזיע, די פארטייי עסערן און מענשעוויקעס, כדי צו שאפן א נײַע, א פראָלעטארישע מאכט, די מאכט פון די סאָוועטן, כדי אוועקצושטעלן בײַ דער מאכט די פארטייי פונעם רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאריאט, די פארטייי באָלשעוויקעס, די פארטייי פון רעוואָלוציאָנערן קאמף קעגן דער אימפעריאליסטישער מלחמה פאר א דעמאָקראטישן שלום. די מערהײַט פונעם פויערטום האָט געשטיצט דעם קאמף פון די ארבעטער פאר שלום, פאר דער מאכט פון די סאָוועטן.

קיין אנדער אויסוועג איז פארן פויערטום ניט געווען. קיין אנדער אויסוועג האָט גאָר ניט געקאָנט זײַן.

דער פעריאָד פון דער קערענשטשינע איז אַזוי־ארום געווען די גרעסטע אָנשוילעכע לעקציע פאר די ארבעטנדיקע מאסן פונעם פויערטום, ווײַל ער האָט באשײַמפערלעך באוויזן, אז בײַ דער מאכט פון די עסערן און מענשעוויקעס וועט זיך דאָס לאנד ניט ארויסרײַסן פון דער מלחמה, וועלן די פויערים ניט זען ניט קיין ערד און ניט קיין פרײַהײַט, אז די מענשעוויקעס און עסערן אונטערשיידן זיך פון

די קאַרעטן נאָר מיט זיסע רייד און פאַלשע צוזאָגן, פאַקטיש אָבער פירן זיי דורך די זעלביקע אימפּעריאַליסטישע, קאַדעטישע פּאָליטיק, אַז די איינציקע מאַכט, וועלכע איז אימשטאַנד אַרויסצופירן דאָס לאַנד אויף אַ וועג, קאָן זײַן נאָר די מאַכט פון די סאָוועטן. דאָס ווײַ־טערדיקע פאַרציִען די מלחמה האָט בלויז באַשטעטיקט די ריכטיקײַט פון אָט דער לעקציע. האָט אונטערגעטריבן די רעוואָלוציע און אונטערגעיאָגט די מיליאָניקע מאַסן פּויערים און סאָלדאַטן אויפן וועג פון אומניטלבאַרער באַהעפטונג אַרום דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־לוציע. די איזאָליאַציע פון די עסערן און מענשעוויקעס איז געוואָרן אַן אומבאַשטרײַטלעכער פאַקט. אָן די אָנשוילעכע לעקציעס פונעם קאָאַליציע־פּעריאָד וואָלט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט גע־ווען אוממעגלעך.

אָט דאָס זײַנען די אומשטענדן, וועלכע האָבן פאַרלײַכטערט דעם פּראָצעס פונעם אַריבערוואַקסן פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין אַ רעוואָלוציע אַ פּראָלעטאַרישער.

אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַ־ריאַט אין רוסלאַנד.

4) דאָס פּויערטום נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטן־מאַכט. אויב פריִער, אינעם ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, האָט זיך געהאַנדלט הויפּטזאַכלעך וועגן אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, און דערנאָך, נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, האָט זיך פריִער פון אַלץ געהאַנדלט וועגן אַרויסגיין פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה דורכן אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע, איז איצט, נאָך דעם, ווי עס איז ליקווידירט געוואָרן דער בירגער־קריג און עס האָט זיך פאַר־פעסטיקט די סאָוועטן־מאַכט, — זײַנען אין פאָדערגרונט אַרויסגע־טראָטן די פראַגן פוןווירטשאַפטלעכער בויאונג. פאַרשטאַרקן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריע; פאַרבינדן צוליב דעם די אינדוסטריע מיט דער פּויערשער ווירטשאַפט דורכן האַנדל, וועל־כער ווערט רעגולירט דורך דער מלוכה; פאַרבײַטן די פּראָדראַזוויאָר־סטקע* דורך דערנערונג־שטײַער [פּראָדנאַלאָג], כדי דערנאָך, ביס־לעכווײַז פאַרקלענערנדיק די גרייס פונעם דערנערונג־שטײַער, דער־פירן די זאַך צום אויסטויש פון די אינדוסטריע־פאַבריקאַטן אויף פּראָדוקטן פון דער פּויערשער ווירטשאַפט; אויפלעבן דעם האַנדל און

* פּראָדראַזוויאָרסטקע — סיסטעם פון דערנערונג־פאַרגרייטונג אין פּעריאָד פונעם קריגס־קאָמוניזם (1918—1921 י. י.), ווען מען האָט בײַ די פּויערים, חוץ דער אָרעמשאַפט, אויף אַן אָבליגאַטאָרישן אופן גענומען די מותרות פון די לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן. איבערז.

אנטוויקלען די קאאפעראציע, ארײַנציענדיק אין איר מיליאנען פונעם פויערטום, — אט ווי לענין האט געמאָלט די אָרדנטלעכע אויפגאבן פון דער ווירטשאפטלעכער בויאונג אויפן וועג צום אויסבויען דעם פונדאמענט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק.

מען זאגט, אז די דאָזיקע אויפגאבע קאן זײַן איבער די כוחות פאר אזא פויעריש לאנד, ווי רוסלאנד. אייניקע סקעפטיקער ריידן אפילו וועגן דעם, אז זי איז פשוט אוטאָפּיש, ניט אויספירבאר, ווײַל פויערטום בלײַבט פויערטום, — עס באשטייט פון קליין־פּראָ־דוצירער, און עס קאן דעריבער ניט אויסגענוצט ווערן צו אָרגאניזירן דעם פונדאמענט פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע.

די סקעפּטיקער האבן אבער א טעות, ווײַל זיי נעמען ניט אין אכט אייניקע אומשטענדן, וועלכע האבן אין דעם געגעבענעם פאל אן אנטשיידנדיקע באדײַטונג. לאָמיר באטראכטן די וויכטיקסטע פון זיי.

ערשטנס, מען טאר ניט צונויפמישן דאס פויערטום פונעם סאָ־וועטן־פארבאנד מיטן פויערטום פון מערב. דאס פויערטום, וואס האט דורכגעמאכט א שול פון דרײַ רעוואָלוציעס, וואס האט גע־קעמפט קעגן דעם צאר און קעגן דער בורזשואזער מאכט צוזאמען מיטן פּראָלעטאריאט און בראש מיטן פּראָלעטאריאט, דאס פויער־טום, וואס האט באקומען ערד און שלום פון די הענט פון דער פּראָ־לעטארישער רעוואָלוציע און וואס איז מחמת דעם געוואָרן א רע־זערוו פונעם פּראָלעטאריאט, — אט דאס פויערטום קאן נישט ניט אונטערשיידן זיך פונעם פויערטום, וואס האט אין דער צײַט פון דער בורזשואזער רעוואָלוציע געקעמפט בראש מיט דער ליבעראלער בור־זשואזיע, האט באקומען ערד פון די הענט פון דער דאָזיקער בור־זשואזיע און איז דעריבער געוואָרן א רעזערוו פון דער בורזשואזיע. עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אז דאס סאָוועטישע פויערטום, וואס איז געוואוינט צו שעצן די פּאָליטישע פרײַנטשאפט און די פּאָליטישע מיטארבעט מיטן פּראָלעטאריאט און וואס האט פאר זײַן פרײַהייט צו פארדאנקען אט דער פרײַנטשאפט און אט דער מיטאר־בעט, — קאן ניט זײַן קיין אויסשליסלעך גינסטיקער מאטעריאל פאר דער עקאָנאָמישער מיטארבעט מיטן פּראָלעטאריאט.

ענגעלס האט געזאגט, אז „די דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאכט דורך דער סאָציאַליסטישער פארטיי איז געוואָרן א זאך פון דער נאָענטער צוקונפט", אז „כדי זי צו דעראָבערן, דארף די פארטיי אפריִער גיין פון שטאט אין דארף ארײַן און ווערן שטארק אין דארף" (זע ענגעלסעס „פויערים־פראגע", אויסגאבע פון 1922 י.). ער האט

וועגן דעם געשריבן אין די 90־ער יאָרן פונעם פאָרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אין זינען האָבנדיק דאָס מערבדיקע פויערטום. צי דען דאַרף מען דערוויַזן, אַז די רוסישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין דער הינזיכט דורכגעמאַכט א קאָלאָסאַלע ארבעט אין משך פון דריַ רעוואָלוציעס, האָבן שוין באַוויזן צו שאַפן זיך אין דאָרף אַזאַ איַנפלוס און אַזאַ אָנשפּאַר, וועגן וועלכע עס וואָגן אפילו ניט צו טרוימען אונדזערע מערבדיקע חברים? ווי קאָן מען לייקענען, אַז דער דאָזיקער אומשטאַנד קאָן ניט ניט פאַרלייַכטערן אויף א ראַדיקאַלן אופן דאָס איַנרעגולירן די עקאָנאָמישע מיטאַרבעט צווישן דעם ארבעטער־קלאַס און דעם פויערטום פון רוסלאַנד?

די סקעפּטיקער טענהן וועגן די קליינפויערים, ווי וועגן א פאַקטאָר, וועלכער בינדט זיך ניט מיט סאָציאַליסטישער בויאונג. הערט אָבער, וואָס ענגעלס זאָגט וועגן די קליינפויערים פונעם מערב:

„מיר שטייען אַנטשיידן אויף דער זיַט פונעם קליינפויער; מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, כדי אים זאָל זיך לעבן דערטרעגלעכער, כדי צו פאַרלייַכטערן פאַר אים דעם אריבערגאַנג צו א געמיינשאַפט, אין פאַל, אויב ער וועט זיך דערויף אַנטשליסן; אין דעם פאַל ווידער, אויב ער וועט נאָך ניט אומשטאַנד זיַן אָנצונעמען דעם דאָזיקן באַשלוס, וועלן מיר זיך באַמיִען צו געבן אים וואָס מער ציַט זיך צו באַטראַכטן אויף זיַן שטיקל ערד. מיר וועלן אַזוי טאָן ניט נאָר דערפאַר, וויַל מיר האַלטן פאַר מעגלעך, אַז דער זעלבסטשטענדיק ארבעטנדיקער קליינפויער זאָל אריבערגיין אויף אונדזער זיַט, נאָר אויך ארויסגייענדיק פון די אומיטלבאַרע פאַרטיי־אינטערעסן. וואָס גרעסער עס וועט זיַן די צאָל פויערים, וועלכע מיר וועלן ניט לאָזן זיך אַראָפּלאָזן ביזן צושטאַנד פון פּראָלעטאַריער און וועלכע מיר וועלן צוציִען אויף אונדזער זיַט נאָך אַלס פויערים, אַלץ גיכער און לייַכטער וועט פאָרקומען די געזעלשאַפטלעכע איבערגעשטאַלטונג. עס וואָלט אומנוצלעך געווען פאַר אונדז צו וואַרטן מיט דער דאָזיקער איבערגעשטאַלטונג ביז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע וועט זיך אומעטום אַנטוויקלען ביז איִרע לעצטע קאָנסעקווענצן, ווען אויך דער לעצטער קליינהאַנטווערקער און דער לעצטער קליינפויער וועלן פאַלן אַלס קרבנות פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. די מאַטעריעלע קרבנות, וועלכע עס וועט אויסקומען אין דעם זינען צו ברענגען פון די געזעלשאַפטלעכע מיטלען צוליב די אינטערעסן פון די פויערים, קאָנען פון שטאַנדפּונקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק מאַכן אַן איַנדרוק פון ארויסגעוואָרפן געלט — און דאָך איז עס אַן אויסגעצייכנטע פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל, וויַל די דאָזיקע מאַטעריעלע קרבנות וועלן איַנשפּאָרן אפשר א צען מאָל גרעסערע סומע ביַ די הוצאות אויף דער געזעלשאַפטלעכער רעאָרגאַניזאַציע אינגאַנצן גענומען. אין דעם זינען קאָנען מיר, אַלזאָ, זיַן זייער מילד בנוגע די פויערים“ (זע דאָרטן).

אזוי האָט געזאָגט ענגעלס, אין זינען האָבנדיק דאָס מערבדיקע פויערטום. איז אָבער דען ניט קלאָר, אז דאָס, וואָס ענגעלס האָט געזאָגט, קאָן אין ערגעץ ניט פארווירקלעכט ווערן אזוי לײַכט און אזוי פולשטענדיק, ווי אינעם לאַנד פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט? איז דען ניט קלאָר, אז נאָר אין סאָוועטן־רוסלאַנד קאָנען שוין איצט און פולשטענדיק פארווירקלעכט ווערן אי „דער אָריבערגאַנג פונעם זעלבסטשטענדיק ארבעטנדיקן קלײַנפויער אויף אוגהזער זײַט״, אי די דערצו נויטווענדיקע „מאטעריעלע קרבנות״, אי די דערצו נייטיקע „מילדקײַט בנוגע די פויערים״, אז די דאָזיקע און ענלעכע מאָסמיטלען לטובת די פויערים ווערן שוין דורכגעפירט אין רוסלאַנד? ווי קאָן מען לייקענען, אז אָט דער אומשטאַנד, ווידער, דארף פארלײַכטערן און א רוק טאָן פאָראויס די ווירטשאפטלעכע בויאונג פונעם סאָוועטן־לאַנד?

צווייטנס. מען טאָר ניט צונויפמישן די לאַנדווירטשאפט פון רוסלאַנד מיט דער לאַנדווירטשאפט פון מערב. דאָרט גייט די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאפט לויט דער געוויינלעכער ליניע פון קאפיטאליזם, אין באַדינגונגען פון טיפער דיפערענצירונג פונעם פויערטום, מיט גרויסע גיטער און פריוואט־קאפיטאליסטישע לאטיפונדיעס אויף איין פאָליוס, און פאופעריזם, אָרעמקײַט און לוין־שקלאפערײַ — אויפן צווייטן. דאָרט זײַנען דעריבער די צעפאַלונג און צעלייגונג גאַנץ נאטירלעך. ניט אזוי איז אין רוסלאַנד. בײַ אונדז קאָן די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאפט ניט גיין מיט אזא וועג שוין דערפאַר אליין, ווײַל די עקזיסטענץ פון סאָוועטן־מאכט און די נאציאָנאליזאציע פון די גרונטיקע פראָדוציר־געצײַג און פראָדוציר־מיטלען דערלאָזן ניט אזא אנטוויקלונג. אין רוסלאַנד מוז די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאפט גיין מיט אן אנדער וועג, מיטן וועג פון קאָאָפערירן די מיליאָנען פונעם קליין־ און מיטל־פויערטום, מיטן וועג פון אנטוויקלען אין דאָרף א מאסן־קאָאָפעראציע, וועלכע ווערט געשטיצט פון דער מלוכה דורך פריווילעגירטער קרעדיטירונג. לענין האָט ריכטיק אָנגעוויזן אין זײַנע ארטיקלען וועגן קאָאָפעראציע, אז די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאפט מוז בײַ אונדז גיין מיט א נײַעם וועג, מיטן וועג פון ארײַנציִען די מערהײַט פויערים אין דער סאָציאליסטישער בויאונג דורך דער קאָאָפעראציע, מיטן וועג פון אײַנפלאנצן ביסלעכווײַז אין דער לאַנדווירטשאפט די יסודות פון קאָלעקטיוויזם צוערשט אויפן געביט פון אָפזאַץ, דערנאָך —

אויפן געביט פון אויסארבעטן די פּראָדוקטן פון דער לאַנד־ווירטשאַפט.

ביז גאָר אינטערעסאַנט זײַנען אין אַט דער הינזיכט אייניקע נײַע דערשײַנונגען אין דאָרף אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבעט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע. עס איז באַוואוסט, אַז איטוויינניק אינעם אַלרוסלענדישן פאַרבאַנד פון דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער קאָאָפּעראַציע זײַנען אַנטשטאַנען נײַע גרויסע אָרגאַניזאַציעס לויט די צווײַגן פון לאַנדווירטשאַפט, — לײַן, קאַרטאָפל, פּוטער אאַ., וועלכע האָבן אַ גרויסע צוקונפט. פון זיי פאַראייניקט, למשל, דער „לײַן־צענטער" אַ גאַנצע נעץ פּראָדוציר־געזעלשאַפטן פון פּויערים לײַן־ציכטלער. דער „לײַן־צענטער" פאַרנעמט זיך דערמיט, וואָס ער באַ־זאָרגט די פּויערים מיט זריעה און פּראָדוציר־געצײַג, דערנאָך קויפט ער אָפּ בײַ די זעלביקע פּויערים די גאַנצע לײַן־פּראָדוקציע, זעצט זי אָפּ אין אַ מאַסן־מאַסשטאַב אויפן מאַרק; גאַראַנטירט די פּויערים זייער באַטייליקונג אין די ריווחים און פאַרבינדט אַזוי־אַרום די פּוי־ערישע ווירטשאַפט דורכן אַלרוסלענדישן פאַרבאַנד פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע מיט דער מלוכהשער אינדוסטריע. ווי זאָל מען אָנרופן אַזאַ פאָרם פון אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע? דאָס איז, לויט מײַן מיינונג, אַ היימישע סיס־טעם פון גרויסער מלוכהש־סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט. איך רייד דאָ וועגן אַ היימישער סיס־טעם פון מלוכהש־סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע לויט דער אַנאַלאָגיע מיט דער היימישער סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם אויפן געביט, לאָמיר זאָגן, פון דער טעקסטיל־פּראָדוקציע, וואו די קוסטאַרן, וועלכע פלעגן באַקומען פונעם קאַפּיטאַליסט רוישטאָף און געצײַג און אָפּ־געבן אים זייער גאַנצע פּראָדוקציע, זײַנען פאַקטיש געווען האַלבע לוין־אַרבעטער בײַ זיך אין דער היים. דאָס איז איינער פון די פיל צײַגערס דערפון, מיט וואָס פאַר אַ וועג עס מוז בײַ אונדז גיין די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. איך רייד שוין דאָ ניט וועגן אַנדערע צײַגערס פונעם זעלביקן מין אויף אַנדערע געביטן פון דער לאַנדווירטשאַפט.

עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אַז די גוואַלדיקע מערהייט פונעם פּויערטום וועט זיך גערן שטעלן אויף דעם דאָזיקן נײַעם אַנטוויקלונגס־וועג און וועט אָפּוואַרפן דעם וועג פון פּריוואַט־קאַפּי־טאַליסטישע לאַטיפונדיעס און לוין־שקלאַפערײַ, דעם וועג פון דלות און רואינירונג.

אַט וואָס עס זאָגט לענין וועגן די אַנטוויקלונגס־וועגן פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט:

„די מאַכט פון דער מלוכה אויף אַלע גרויסע פּראָדוציר־מיטלען, די מאַכט פון דער מלוכה אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער בונד פון אָט דעם פּראָלעטאַריאַט מיט די פיל מיליאָנען קליינע און גאָר דריב־נע פּויערים, דאָס זיכערן פאַר דעם דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט די אָנפירונג בנוגע דעם פּויערטום אאַז"וו. — צי דען איז דאָס ניט אַלץ, וואָס עס איז נייטיק, כדי פון דער קאָאָפּעראַציע, בלויז פון דער קאָאָפּעראַציע אַליין, וועלכע מיר האָבן פריער טרעטירט, ווי אַ הענדלערישע, און וועלכע מיר האָבן דאָס רעכט פון אַ געוויסער זײַט אַזוי צו טרעטירן אויך איצט בײַם נעפּ, צי דען איז דאָס ניט אַלץ, וואָס עס איז נייטיק אויף אויסצו־בויען אַ פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט? דאָס איז נאָך ניט די אויסבויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָס איז אָבער אַלץ, וואָס עס איז נייטיק און גענוג פאַר דער דאָזיקער אויסבויאונג" (זע ב. XXVII, ז. 392).

רײדנדיק ווײַטער וועגן דער נייטיקייט צו געבן פינאַנציעלע און אַנדערע שטיצע דער קאָאָפּעראַציע, אַלס „נײַעם פּרינציפּ פון אָר־גאַניזירן די באַפעלקערונג" און נײַער „געזעלשאַפטלעכער אָרדע־נונג" בײַ דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, זאָגט לענין ווײַטער:

„יעדע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אַנטשטייט בלויז בײַ דער פינאַנצי־עלער שטיצע מצד אַ באַשטימטן קלאַס. עס איז איבעריק צו דערמאָנען די הונדערטער און הונדערטער מיליאָנען רובל, וועלכע עס האָט גע־קאָסט דאָס געבורט פונעם „פרײַען" קאַפּיטאַליזם. איצט דאַרפן מיר באַנעמען און פאַרוואַנדלען אין טאַט, אַז די קאָאָפּעראַטיווע אָרדע־נונג — דאָס איז בײַ הײַנטיקן טאָג די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וועל־כע מיר דאַרפן שטיצן מער ווי געוויינלעך. אָבער שטיצן זי דאַרף מען אינעם ווירקלעכן זין פון וואָרט, דה. די דאָזיקע שטיצע איז ניט גענוג צו פאַרשטיין אַזוי, אַז מען דאַרף שטיצן יעטווידן קאָאָפּעראַטיוון אומ־זאַץ, — די דאָזיקע שטיצע דאַרף מען פאַרשטיין אַלס שטיצע פון אַזאַ קאָאָפּעראַטיוון אומזאַץ, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך ווירקלעך די ווירקלעכע מאַסן באַפעלקערונג" (זע דאָרטן, ז. 393).

וועגן וואָס רײדן אָט די אַלע אומשטענדן?

וועגן דעם, אַז די סקעפּטיקער זײַנען ניט גערעכט.

וועגן דעם, אַז גערעכט איז דער לעניניזם, וועלכער באַטראַכט די אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם פּויערטום אַלס רעזערוו פונעם פּראָ־לעטאַריאַט.

וועגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער שטייט בײַ דער מאַכט, קאָן און דאַרף אויסנוצן דעם דאָזיקן רעזערוו, כדי צוזאַמענ־

שליסן די אינדוסטריע מיט דער לאנדווירטשאפט, אויפהייבן די סאָציאַליסטישע בויאונג און שאפן פאר דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט יענעם גייטיקן פונדאמענט, וואָס אָן אים איז אוממעגלעך דער אריבערגאנג צו דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק.

VI

די נאציאָנאלע פראגע

פון דער האָזיקער טעמע נעם איך צוויי הויפּט־פראגן:

א) די שטעלונג פון דער פראגע.

ב) די באפרײאונגס־באוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער און די פראָלעטארישע רעוואָלוציע.

1) די שטעלונג פון דער פראגע. אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר איז אין דער נאציאָנאלער פראגע פאָרגעקומען א ריי ביז גאָר ערנסטע ענדערונגען. די נאציאָנאלע פראגע אינעם פעריאָד פון II אינטערנאציאָנאל און די נאציאָנאלע פראגע אינעם פעריאָד פון לעניניזם איז ווײַט ניט איינס און דאָס זעלבע. זיי אונטערשיידן זיך טיף איינע פון דער אנדערער ניט בלויז לויטן פארנעם, נאָר אויך לויט זייער אינערלעכן כאראקטער.

פריער פלעגט די נאציאָנאלע פראגע געוויינלעך באגרענעצט ווערן מיט אַן ענגן קרײַז פראגן, וועלכע זײַנען שייך דער עיקר די „קולטורעלע" נאציאָנאליטעטן. די אירלענדער, אונגארן, פּאָליאקן, פינען, סערבן און אייניקע אנדערע נאציאָנאליטעטן פון אייראָפּע — אָט דאָס איז דער קרײַז ניט־פולבארעכטיקטע פעלקער, וואָס מיט זייער גורל האָבן זיך אינטערעסירט די טוער פון II אינטערנאציאָנאל. די צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען פון די אזיאטישע און אפריקאנישע פעלקער, וועלכע לײַדן פון נאציאָנאלן דרוק אין דער סאמע ברוטאלער און אכזריותדיקער פאָרם, פלעגן געוויינלעך ניט גענומען ווערן אין באטראכט. ווײַסע און שווארצע, „קולטורעלע" און „אומקולטורעלע" האָט מען זיך ניט אנטשלאָסן צו שטעלן אויף איין ברעט. צוויי—דרײַ פוסטע און זיס־זויערע רעזאָלוציעס, וועלכע מײַדן זאָרגזאם אויס די פראגע וועגן דער באפרײַאונג פון די קאָלאָניעס, — אָט דאָס איז אלץ, מיט וואָס עס האָבן זיך געקאָנט באַרימען די טוער פון II אינטערנאציאָנאל. איצט דארף מען די דאָזיקע צווייאיקײַט און האלביקײַט אין דער נאציאָנאלער פראגע

האַלטן פאַר ליקווידירט. דער לעניניזם האָט אויפגעדעקט אַז די
גוואַלדיקע דיספּראָפּאָרץ, האָט צעשטערט די וואַנט צווישן די ווײַסע און
שוואַרצע, צווישן די אייראָפּייער און אַזיאַטן, צווישן די „קולטור-
רעלע" און „אומקולטורעלע" שקלאַפן פונעם אימפּעריאַליזם און
האָט אַזוי-אַרום צונויפגעבונדן די נאַציאָנאַלע פראַגע מיט דער
פראַגע וועגן די קאָלאָניעס. דערמיט גופא איז די נאַציאָנאַלע פראַגע
פון אַ פּרט-פראַגע און אינערלעך-מלוכהשער פראַגע פאַרוואַנדלט געוואָרן
אין אַ פראַגע אַן אַלגעמיינער און אינטערנאַציאָנאַלער, אין אַ
וועלט-פראַגע וועגן דער באַפרײַאונג פון די אונטערדריקטע פעל-
קער אין די אָפּהענגיקע לענדער און קאָלאָניעס פון אונטערן יאָך
פונעם אימפּעריאַליזם.

פריִער פלעגט דער פּרינציפּ פון זעלבסט-באַשטימונג פון נאַ-
ציעס געוויינלעך אויסגעטײַטשט ווערן ניט ריכטיק, ער פלעגט ניט
זעלטן פאַרשמעלערט ווערן ביזן רעכט פון די נאַציעס אויף אויטאָ-
נאָמיע. אייניקע לידערס פון II אינטערנאַציאָנאַל זײַנען אַפילו דער-
גאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן דאָס רעכט אויף זעלבסט-באַשטימונג
פאַרוואַנדלט אין רעכט אויף קולטור-אויטאָנאָמיע, דה. אין דעם
רעכט פון די אונטערדריקטע נאַציעס צו האָבן זייערע קולטור-אינ-
סטיטוציעס, איבערלאָזנדיק די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט אין די
הענט פון דער הערשנדיקער נאַציע. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט
געפירט דערצו, אַז די אידיי פון זעלבסט-באַשטימונג האָט פון אַ
קאַמף-געצײַג קעגן אַנעקסיעס ריזיקירט צו פאַרוואַנדלט ווערן אין
אַ געצײַג אויף באַרעכטיקן אַנעקסיעס. איצט דאַרף מען דעם
דאָזיקן פּלאָנטער האַלטן פאַר אַ בײַגעקומענעם. דער לעניניזם האָט
פאַרברייטערט דעם באַגריף זעלבסט-באַשטימונג, אויסטײַטשנדיק
אים, ווי דאָס רעכט פון די אונטערדריקטע פעלקער פון די אָפּהענ-
גיקע לענדער און קאָלאָניעס אינגאַנצן זיך אָפּצוטיילן, ווי דאָס רעכט
פון די נאַציעס אויף זעלבסטשטענדיקער מלוכהשער עקזיסטענץ. דער-
מיט גופא איז אויסגעשלאָסן געוואָרן די מעגלעכקײַט צו באַרעכ-
טיקן אַנעקסיעס דורכן אויסטײַטשן דאָס רעכט אויף זעלבסט-באַשטי-
מונג, ווי אַ רעכט אויף אויטאָנאָמיע. דער עצם פּרינציפּ פון
זעלבסט-באַשטימונג איז אַזוי-אַרום פון אַ געצײַג אויף אָפּצונאַרן די
מאַסן, וואָס אַזוינס איז ער, אָן ספק, געווען אין די הענט פון די
סאָציאַל-שאָוויניסטן בעת דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, פאַר-
וואַנדלט געוואָרן אין אַ געצײַג אויף צו דעמאַסקירן אַלע און אַלערליי
אימפּעריאַליסטישע באַגערן און שאָוויניסטישע מאַכינאַציעס, אין אַ

געצייג פון פּאָליטישער אויפקלערונג פון די מאסן אינעם גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

פריער פלעגט די פראגע וועגן די אונטערדריקטע נאַציעס גע־וויינלעך באַטראַכט ווערן, ווי א פראגע א ריין רעכטלעכע. פייער־לעכע פראָקלאַמירונג פון „נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטיקונג", אָנצאָ־ליקע דעקלאַראַציעס וועגן „גלייכהייט פון נאַציעס" — אָט מיט וואָס עס פלעגן אָפּקומען די פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע פאַרשמירן דעם פאַקט, אַז „גלייכהייט פון נאַציעס" ביים אימפּעריאַ־ליזם, ווען איין גרופּע נאַציעס (די מינדערהייט) לעבט אויפן חשבון פון עקספּלואַטירן א צווייטע גרופּע נאַציעס, — איז א חוזק איבער די אונטערדריקטע פעלקער. איצט דאַרף מען אָט דעם בורזשואַזי־רעכטלעכן שטאַנדפּונקט אין דער נאַציאָנאַלער פראגע האַלטן פאַר דעמאַסקירט. דער לעניניזם האָט די נאַציאָנאַלע פראגע אראָפּגעצויגן פון די הייכן פון פּאָמפּעזע דעקלאַראַציעס און זי אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד, דערמיט, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז דעקלאַראַציעס וועגן „גלייכהייט פון נאַציעס", אויב זיי ווערן מצד די פּראָלע־טאַרישע פּאַרטייען ניט דערגאַנצט מיט דירעקטן שטיצן דעם באַ־פרייאונגס־קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער, — זיינען זיי פּוסטע און פאַלשע דעקלאַראַציעס. דערמיט אליין איז די פראגע וועגן די אונטערדריקטע נאַציעס געוואָרן א פראגע וועגן שטיצן, וועגן העלפן, ווירקלעך און באַשטענדיק העלפן די אונטערדריקטע נאַציעס אין זייער קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם פאַר דער ווירקלעכער גלייכ־הייט פון נאַציעס, פאַר זייער זעלבסטשטענדיקער מלוכהשער עקזיס־טענץ.

פריער פלעגט די נאַציאָנאַלע פראגע באַטראַכט ווערן רעפאָרמיס־טיש, ווי א באַזונדערע זעלבסטשטענדיקע פראגע, אויסערן צוזאַמענ־האַנג מיט דער אַלגעמיינער פראגע וועגן דער מאַכט פון קאַפּיטאַל, וועגן אראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם, וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. מען האָט שווייגעוודיק אָנגענומען, אַז דער זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין אייראָפּע איז מעגלעך אָן א דירעקטן בינד מיט דער באַפרייאונגס־באַוועגונג אין די קאָלאָניעס, אַז די לייזונג פון דער נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלער פראגע קאָן דורכגעפירט ווערן שטילערהייט, דורך „זעלבסטשטראָם", אָן א זייט פונעם גרויסן שליאַך פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אָן א רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם. איצט דאַרף מען אָט דעם אַנטירעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט האַלטן פאַר דעמאַסקירט. דער לעניניזם האָט דערוויזן,

און די אימפּעריאַליסטישע מלחמה און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָבן באַשטעטיקט, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע קאָן געלייזט ווערן נאָר אין צוזאַמענהאַנג און אויפן באָדן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַז דער וועג פון נצחון פון דער רעוואָלוציע אויפן מערב גייט דורכן רעוואָלוציאָנערן בונד מיט דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער קעגן דעם אימפּעריאַליזם. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז א טייל פון דער אַלגעמיינער פראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, א טייל פון דער פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די פראַגע שטייט אַזוי: צי זײַנען שוין אויסגעשעפּט די רעוואָלוציאָנערע מעגלעכקייטן, וועלכע זײַנען פאַראַן אין די טיפענישן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע לענדער, און אויב זיי זײַנען ניט אויסגעשעפּט, — צי איז פאַראַן א האָפענונג, א גרונט אויסצונוצן די דאָזיקע מעגלעכקייטן פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פאַרוואַנדלען די אָפּהענגיקע און קאָלאָניאַלע לענדער פון א רעזערוו פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע אין א רעזערוו פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, אין זײַנעם א פאַרבינדעטן?

דער לעניניזם ענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע פּאָזיטיוו, ד. ה. אינעם גײַסט פון אָנערקענען, אַז אין די טיפענישן פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע לענדער זײַנען פאַראַן רעוואָלוציאָנערע פּאָטענצן, און אינעם גײַסט פון אָנערקענען די מעגלעכקייט אויסצונוצן זיי, כדי אַראָפּצוּוואַרפן דעם געמיינזאַמען שונא, כדי אַראָפּצוּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם. די מעכאַניק פון דער אַנטוויקלונג פונעם אימפּעריאַליזם, די אימפּעריאַליסטישע מלחמה און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד באַשטעטיקן אינגאַנצן די אויספירן פונעם לעניניזם מכוח דעם.

דערפון דרינגט די נויטווענדיקייט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון די „גרויסמעכטישע" נאַציעס זאָל שטיצן, אַנטשיידן און אַקטיוו שטיצן די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע און אָפּהענגיקע פעלקער.

דאָס הייסט ניט, נאַטירלעך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף שטיצן יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אומעטום און שטענדיק, אין אַלע באַזונדערע קאָנקרעטע פאַלן. עס האַנדלט זיך וועגן שטיצן אַזוינע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וועלכע זײַנען געווענדט צום אָפּשוואַכן, אַראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם און ניט צום פאַרפעסטיקן און אײַנ־

היטן אים. עס טרעפֿן פֿאַלן, ווען די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פֿון איינצלנע אונטערדריקטע לענדער קומען אין צוזאַמענשטויס מיט די אינטערעסן פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אין אַזוינע פֿאַלן קאָן אפֿילו קיין רייד ניט זײַן וועגן אונטערשטיצונג. די פֿראַגע וועגן רעכט פֿון די נאַציעס איז ניט קיין איזאָלירטע, קיין פֿראַגע פֿאַר זיך גענומען, נאָר א טייל פֿון דער אַלגעמיינער פֿראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, א טייל, וואָס איז אונטערגעוואָרפֿן דעם גאַנצן און פֿאָדערט, אַז ער זאָל באַטראַכט ווערן פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון אָט דעם גאַנצן. אין די 40־ער יאָרן פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז מאַרקס געווען פֿאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פֿון די פּאָליאַקן און אונגאַרן קעגן דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פֿון די טשעכן און דרומדיקע סלאַוון. פֿאַרוואָס? דערפֿאַר, ווײַל די טשעכן און די דרומדיקע סלאַוון זײַנען דעמאָלט געווען „רעאַקציאָנערע פֿעלקער“, „רוסישע פֿאָרפּאָסטנס“ אין אייראָפּע, פֿאָרפּאָסטנס פֿונעם אַבסאָלוטיזם, בעת די פּאָליאַקן און אונגאַרן זײַנען געווען „רעוואָלוציאָנערע פֿעלקער“, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן דעם אַבסאָלוטיזם. דערפֿאַר, ווײַל שטיצן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג פֿון די טשעכן און דרומדיקע סלאַוון האָט דעמאָלט געהייסן אומדירעקט שטיצן דעם צאַריזם, דעם געפֿערלעכסטן שונא פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אייראָפּע.

„די איינצלנע פֿאָדערונגען פֿון דער דעמאָקראַטיע, — זאָגט לענין, — דערונטער אויך די זעלבסט־באַשטימונג, זײַנען ניט קיין אַבסאָלוט, נאָר א ט י י ל ע כ ל פֿון דער אַלגעמיין־דעמאָקראַטישער (איצט: אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער) א ל ו ו ע ל ט ל ע כ ע ר באַוועגונג. מעגלעך, אַז אין באַזונדערע קאָנקרעטע פֿאַלן ווידערשפּרעכט דאָס טיילעכל דעם גאַנצן, דעמאָלט דאַרף מען עס אָפּוואַרפֿן“ (זע ב. XIX, ז. 257—258).

אָט אַזוי האַלט עס מיט דער פֿראַגע וועגן איינצלנע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וועגן דעם מעגלעכן רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פֿון די דאָזיקע באַוועגונגען, אויב, נאַטירלעך, מען שאַצט זיי אָפּ ניט פֿון פֿאָרמעלן שטאַנדפּונקט, ניט פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון אַבסטראַקטע רעכט, נאָר קאָנקרעט, פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דאָס זעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פֿון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען בכלל. די צווייפֿללאָזע רעוואָלוציאָנערקייט פֿון דער גוואַלדיקער מערהייט נאַציאָנאַלע באַוועגונגען איז פּונקט אַזוי רעלאַטיוו און אייגנאַרטיק, ווי רעלאַטיוו און אייגנאַרטיק עס איז די מעגלעכע רעאַקציאָנערקייט פֿון

איינציקע באזונדערע נאציאָנאַלע באַוועגונגען. דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער נאציאָנאַלער באַוועגונג אין די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג זעצט כּלל ניט פאָראויס, אַז די באַוועגונג האָט אין זיך אומבאַדינגט פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, אַז זי פאַרמאָגט אומבאַדינגט אַ רעוואָלוציאָנערע אָדער רעפּובליקאַנישע פּראָגראַם, אַ דעמאָקראַטישן יסוד. דער קאַמף פונעם אַפגאַנישן עמיר פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אַפגאַניסטאַן איז אָביעקטיוו אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמף, ניט געקוקט אויפן מאָנאַרכיסטישן אָרט אָנשויאונגען פונעם עמיר און זיינע מיטקעמפער, ווייל אָט דער קאַמף שוואַכט אָפּ, דעזאָרגאַניזירט, טאָטשעט אונטער דעם אימפּעריאַליזם, בשעת דער קאַמף פון אַזעלכע „פאַרביסענע" דעמאָקראַטן און „סאָציאַליסטן", „רעוואָלוציאָנערן" און רעפּובליקאַנער, ווי, לאָמיר זאָגן, קערענסקי און צערעטעלי, רענאָדעל און שיידעמאַן, טשערנאָוו און דאַן, הענדערסאָן און קליינס, בעת דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, איז געווען אַ קאַמף אַ רעאַקציאָנערער, ווייל ער האָט געבראַכט צו אַ צופּוצונג, פאַרפעסטיקונג, צום זיג פונעם אימפּעריאַליזם. דער קאַמף פון די עגיפּטישע סוחרים און בורזשואַזע אינטעליגענטן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון עגיפּטן איז, מחמת די זעלבע סיבות, אָביעקטיוו אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמף, ניט געקוקט אויף דער בורזשואַזער אָפּשטאַמונג און בורזשואַזן שטאַנד פון די לידערס פון דער עגיפּטישער נאציאָנאַלער באַוועגונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי זיינען קעגן סאָציאַליזם, בשעת דער קאַמף פון דער ענגלישער „אַרבעטער"-רעגירונג פאַר איינהיטן די אָפּהענגיקע לאַגע פון עגיפּטן איז, מחמת די זעלבע סיבות, אַ רעאַקציאָנערער קאַמף, ניט געקוקט אויף דער פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג און פּראָלעטאַרישן שטאַנד פון די מיטגלידער פון דער דאָזיקער רעגירונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי זיינען „פאַר" סאָציאַליזם. איך רייד שוין ניט וועגן דער נאציאָנאַלער באַוועגונג פון אַנדערע, גרעסערע, קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער, ווי אשטייגער אינדיע און כינע, וואָס יעדער טראָט זייערער אויפן וועג צו באַפרייאונג, ווען אפילו ער איז עובר אויף די פאָדערונגען פון דער פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, איז ער אַ קלאַפּ פון אַ דאַמף-האַמער איבערן אימפּעריאַליזם, דה. אַ טראָט, אָן ספק, אַ רעוואָלוציאָנערער.

לענין איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די נאציאָנאַלע באַוועגונג פון די אונטערדריקטע לענדער דאַרף מען אָפּשאַצן ניט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, נאָר פונעם שטאַנדפּונקט

פון די פאקטישע רעזולטאטן אין דעם אלגעמײנעם באלאנס פון קאמף קעגן דעם אימפעריאליזם, דה. „ניט איזאלירט, נאר אינעם אלוועלטלעכן מאסשטאב" (זע ב. XIX, ז. 257).

2) די באפרײַאונגס־באוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער און די פראלעטארישע רעוואלוציע. בײַם לייזן די נאציאנאלע פראגע גייט דער לענינים ארויס פון פאלגנדיקע הנחות:

א) די וועלט איז צעטײלט אויף צוויי לאגערן: אויף א לאגער פון א הײַפל ציוויליזירטע נאציעס, וועלכע פארמאגן פינאנץ־קאפיטאל און עקספלואטירן די גוואלדיקע מערהײַט באפעלקערונג פונעם ערדקײַלעך, און א לאגער אונטערדריקטע און עקספלואטירטע פעלקער פון די קאלאניעס און אפהענגיקע לענדער, וועלכע בילדן די דאזיקע מערהײַט;

ב) די קאלאניעס און אפהענגיקע לענדער, וועלכע ווערן אונטערדריקט און עקספלואטירט דורכן פינאנץ־קאפיטאל, בילדן א זייער גרויסן רעזערוו און א זייער וויכטיקן קוואל פון די כוחות פונעם אימפעריאליזם;

ג) דער רעוואלוציאנערער קאמף פון די אונטערדריקטע פעלקער פון די אפהענגיקע און קאלאניאלע לענדער קעגן דעם אימפעריאליזם איז דער אײנציקער וועג פאר זייער באפרײַאונג פון אונטערדריקונג און עקספלואטאציע;

ד) די וויכטיקסטע קאלאניאלע און אפהענגיקע לענדער זײַנען שוין ארויסגעטראטן אויפן וועג פון דער נאציאנאלער באפרײַאונגס־באוועגונג, וועלכע קאן נישט ניט ברענגען צום קריזיס פונעם אלוועלטלעכן קאפיטאליזם;

ה) די אינטערעסן פון דער פראלעטארישער באוועגונג אין די אנטוויקלטע לענדער און פון דער נאציאנאלער באפרײַאונגס־באוועגונג אין די קאלאניעס פאדערן, אז אט די בײדע מינים רעוואלוציאנערע באוועגונג זאלן פאראייניקט ווערן אין איין אלגעמײנעם פראנט קעגן דעם געמײנזאמען שונא, קעגן דעם אימפעריאליזם;

ו) דער זיג פונעם ארבעטער־קלאס אין די אנטוויקלטע לענדער און די באפרײַאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער פון אונטערן יאך פונעם אימפעריאליזם זײַנען ניט מעגלעך אן דער אויסבילדונג און פארפעסטיקונג פון אן אלגעמײנעם רעוואלוציאנערן פראנט;

ז) די אויסבילדונג פון אן אלגעמײנעם רעוואלוציאנערן פראנט איז ניט מעגלעך, אויב דער פראלעטאריאט פון די אונטערדריקנדיקע נאציעס זאל ניט געבן קײן דירעקטע און אנטשײדענע שטיצע דער

באַפרײַאונגס־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער קעגן דעם „פּאַטערלענדישן“ אימפּעריאַליזם, ווײַל „עס קאָן ניט זײַן פרײַ א פאָלק, וואָס אונטערדריקט אַנדערע פעלקער“ (ענגעלס);

ח) די דאָזיקע שטיצע באַטײַט: אויסקעמפן, פאַרטיידיקן, פאַרווירקלעכן דעם לאָזונג — רעכט פון די נאַציעס אויף אָפּטיילן זיך, אויף זעלבסטשטענדיקער מלוכהשער עקזיסטענץ;

ט) אָן דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן לאָזונג איז אוממעגלעך צו אָרגאַניזירן ווי געהעריק די פאַראייניקונג און מיטאַרבעט פון די נאַציעס אין אַן אײנהײטלעכער וועלט־ווירטשאַפט, וועלכע בילדעט די מאַטעריעלע באַזע פאַרן זיג פונעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם;

י) די דאָזיקע פאַראייניקונג קאָן זײַן נאָר א פרײַוויליקע, אַזאַ, וואָס זאָל אַנטשטיין אויפן גרונט פון קעגנזײַטיקן צוטרוי און ברידערלעכע קעגנזײַטיקע באַציאונגען צווישן די פעלקער.

דערפון שטאַמען צוויי זײַטן, צוויי טענדענצן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע: די טענדענץ פּאָליטיש צו באַפרײַען זיך פון די אימפּעריאַליסטישע פענטעס און צו אויסבילדן א זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע מלוכה, א טענדענץ, וועלכע איז אַנטשטאַנען אויפן גרונט פון דער אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג און פון דער קאָלאָניאַלער עקספּלואַטאַציע, — און די טענדענץ צו דער ווירטשאַפטלעכער דערנעענטערונג פון די נאַציעס, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסבילדונג פונעם וועלט־מאַרק און פון דער וועלט־ווירטשאַפט.

„דער קאַפּיטאַליזם אין זײַן אַנטוויקלונג, — זאָגט לענין, — ווייסט פון צוויי היסטאָרישע טענדענצן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די ערשטע: דאָס איז די דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלן לעבן און פון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, דער קאַמף קעגן יעטווידער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, די שאַפונג פון נאַציאָנאַלע מלוכות. די צווייטע: דאָס איז די אַנטוויקלונג און פאַראָפטערונג פון אַלערלײ באַציאונגען צווישן די נאַציעס, דאָס צעברעכן די נאַציאָנאַלע מחיצות, די אויסבילדונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אײנהײט פון קאַפּיטאַל, פונעם עקאָנאָמישן לעבן בכלל, פון דער פּאָליטיק, וויסנשאַפט אאַז״וו.

ביידע טענדענצן זײַנען אַן אַלוועלטלעכער געזעץ פונעם קאַפּיטאַליזם. די ערשטע פּרעוואַלירט אין אָנהייב פון זײַן אַנטוויקלונג, די צווייטע כאַראַקטעריזירט דעם רײַפן קאַפּיטאַליזם, וועלכער גייט צום פאַרוואַנדלט ווערן אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט“ (זע ב. XVII, ז. 139—140).

פאַרן אימפּעריאַליזם זײַנען די דאָזיקע צוויי טענדענצן אומדערלייזבאַרע ווידערשפּרוכן, ווײַל דער אימפּעריאַליזם קאָן ניט לעבן אָן עקספּלואַטאַציע און אָן גוואַלדזאַמען אײַנהאַלטן די קאָלאָניעס

אין די ראמען פון אן „איינהייטלעכן גאנצן", ווייל דער אימפעריאַ־ליזם קאָן דערנעענטערן די נאציעס נאָר דורך אנעקסיע און דורך קאָלאָניאַלע פארכאפונגען, וואָס אָן דעם קאָן ער, בכלל גערעדט, ניט געמאָלט זיין.

פארן קאָמוניזם זיינען, פארקערט, די דאָזיקע טענדענצן בלויז צוויי זייטן פון איין זאך, — פון דער זאך פון באפרייען די אונטער־דריקטע פעלקער פון אונטערן יאָך פון אימפעריאַליזם, ווייל דער קאָ־מוניזם ווייסט, אז פאראייניקן די פעלקער אין אן איינהייטלעכער וועלט־ווירטשאפט איז מעגלעך בלויז אויף די יסודות פון קעגנזיי־טיקן צוטרוי און פרייוויליקער פארשטענדיקונג, אז דער וועג צום אויסבילדן א פרייוויליקע פעלקער־פאראייניקונג גייט דורך אָפטיילן די קאָלאָניעס פונעם „איינהייטלעכן" אימפעריאַליסטישן „גאנצן", דורך פארוואנדלען זיי אין זעלבסטשטענדיקע מלוכות.

דערפון דרינגט די נויטווענדיקייט צו פירן אן עקשנותדיקן, אָנאויפהערלעכן, אנטשיידענעם קאמף קעגן דעם גרויס־מעכטישן שאָ־וויניזם פון די „סאָציאַליסטן" פון די הערשנדיקע נאציעס (ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקע, איטאליע, יאפּאַניע אא.), וואָס ווילן ניט קעמפן קעגן זייערע אימפעריאַליסטישע רעגירונגען, ווילן ניט שטיצן דעם קאמף פון די אונטערדריקטע פעלקער פון „זייערע" קאָלאָניעס פאר באפרייען זיך פון אונטערדריקונג, פאר אָפטיילן זיך מלוכהש.

אָן אזא קאמף איז אוממעגלעך צו דערציען דעם ארבעטער־קלאס פון די הערשנדיקע נאציעס אין גייסט פון ווירקלעכן אינטערנאציאָ־נאליזם, אין גייסט פון דערנעענטערונג מיט די ארבעטנדיקע מאסן פון די אָפּהענגיקע לענדער און פון די קאָלאָניעס, אין גייסט פון ווירקלעכער צוגרייטונג פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע אין רוסלאנד וואָלט ניט געזיגט און קאָלטשאק מיט דע־ניקינען וואָלטן ניט צעקלאפּט געוואָרן, ווען דער רוסישער פּראָלע־טאריאט זאָל ניט געווען האָבן קיין סימפּאטיע און אונטערשטיצונג מצד די אונטערדריקטע פעלקער פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפעריע. כדי אָבער צו געווינען די סימפּאטיע און אונטערשטי־צונג פון די דאָזיקע פעלקער, האָט ער פריער פאר אלץ געמוזט צע־קלאפּן די קייטן פונעם רוסישן אימפעריאַליזם און באפרייען די דאָזיקע פעלקער פון נאציאָנאַלער אונטערדריקונג.

אָן דעם וואָלט אוממעגלעך געווען צו פארפעסטיקן די סאָוועטן־מאכט, איינפלאנצן ווירקלעכן אינטערנאציאָנאַליזם און באשאפן אָט די מערקווירדיקע אָרגאניזאציע פון מיטארבעט פון פעלקער, וועלכע

רופט זיך פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן און וועלכע איז אַ לעבעדיק פאַרבילד פון דער צוקינפטיקער פאַראייניקונג פון די פעלקער אין אַן איינהייטלעכער וועלט־ווירטשאַפט.

דערפון דרינגט די נויטווענדיקייט צו פירן אַ קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אָפּגעשלאָסנקייט, שמאָלקייט, אָפּגעזונדערטקייט פון די סאָציאַליסטן פון די אונטערדריקטע לענדער, וועלכע ווילן זיך ניט אויפהייבן העכער פון זייער נאַציאָנאַלן קלייזל און פאַרשטייען ניט די פאַרבינדונג צווישן דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון זייער לאַנד מיט דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג פון די הערשנדיקע לענדער.

אָן אַזאַ קאַמף איז ניט דענקבאַר צו דערהאַלטן זיך צו אַ זעלבסט־שטענדיקער פּאָליטיק פונעם פּראָלעטאַריאַט פון די אונטערדריקטע נאַציעס און די קלאַסן־סאָלידאַריטעט פונעם דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט מיטן פּראָלעטאַריאַט פון די הערשנדיקע לענדער אין קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם געמיינזאַמען שונא, אין קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם.

אָן אַזאַ קאַמף וואָלט דער אינטערנאַציאָנאַליזם געווען אוממעג־לעך.

אָט דאָס איז דער וועג צו דערציִען די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די הערשנדיקע און פון די אונטערדריקטע נאַציעס אין גייסט פון רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליזם.

אָט וואָס עס זאָגט לענין וועגן דער דאָזיקער צווייזייטיקער אַר־בעט פונעם קאָמוניזם צו דערציִען די אַרבעטער אין גייסט פון אינ־טערנאַציאָנאַליזם:

„צי קאָן די דאָזיקע דערציאונג... זיין קאָנקרעט איינע און די זעלבע ביי נאַציעס גרויסע און אונטערדריקנדיקע און ביי נאַציעס קליינינקע, אונטערדריקטע? ביי נאַציעס אַנעקסירנדיקע און ביי נאַציעס אַנעקסירטע?

קלאָר, אַז ניט. דער וועג צו איין ציל: צו דער פולשטענדי־קער גלייכבאַרעכטיקונג, צו דער ענגסטער דערנעענטערונג און ווי־טערדיקער צונויפגיסונג פון אַלע נאַציעס גייט דאָ, ווי ס'איז קלאָר, מיט פאַרשיידענע קאָנקרעטע וועגן, — אַלצאַיינס, ווי דער וועג, לאָמיר זאָגן, צו אַ פּונקט, וועלכער געפינט זיך אינמיטן פונעם געגעבענעם זייטל, גייט אויף לינקס פון איין קאַנט זיינעם און אויף רעכטס פונעם פאַרקערטן קאַנט. אויב אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט פון אַ גרויסער, אונטער־דריקנדיקער, אַנעקסירנדיקער נאַציע, זייענדיק בכלל אַן אָנהענגער פון צו־נויפגיסן די נאַציעס, זאָל כאָטש אויף איין מינוט פאַרגעסן, אַז „זיין" ניקאָליי דער II, „זיין" ווילהעלם, געאָרג, פּואַנקאַרע אאַ. זיינען אויך פאַר צונויפגיסן זיך מיט די קליינע נאַציעס (דורך אַנעקסיעס) —

ניקאָלײַ דער II — פאַר „צונויפגיסן זיך" מיט גאַליציע, ווילהעלם דער II — פאַר „צונויפגיסן זיך" מיט בעלגיע אא., — וועט אַזאַ סאָציאַל־דעמאָקראַט זײַן אַ לעכערלעכער דאָקטרינער אין דער טעאָריע, אַ מיטהעלפער פונעם אימפּעריאַליזם אין דער פּראַקטיק.

דער שטאַנדפּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער דערציאונג פון די אַרבעטער אין די אונטערדריקנדיקע לענדער מוז אומבאַדינגט באַשטיין דערין, אַז די אַרבעטער זאָלן פאָדערן און פאַרטיידיקן די פרײַהייט פון די אונטערדריקטע לענדער זיך אָפּצוטיילן. אָן דעם איז ניטאָ קיין אינטערנאַציאָנאַליזם. מיר האָבן דאָס רעכט און זײַנען מחויב יעדן סאָציאַל־דעמאָקראַט פון אַן אונטערדריקנדיקער נאַציע, וועלכער פירט ניט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע, צו טרעטירן אַלס אימפּעריאַליסט און מנוול. דאָס איז אַן אומבאַדינגטע פאָדערונג, ווען אַפילו דער פאַל פון אָפּטיילן זיך וואָלט געווען מעגלעך און וואָלט געקאָנט „פאַרווירקלעכט ווערן" ביזן סאָציאַליזם בלויז אין איין פאַל פון טויזנט...:

פאַרקערט. אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט פון אַ קליינער נאַציע דאַרף דעם שווערפּונקט פון זײַן אַגיטאַציע לייגן אויפן צווייטן וואָרט פון אונדזער אַלגעמיינער פאָרמולע: „פרײַוויליקע פאַראייניקונג" פון נאַציעס. ניט עובר זײַענדיק אויף זײַנע פליכטן, אַלס אינטערנאַציאָנאַליסט, קאָן ער זײַן אי פאַר דער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון זײַן נאַציע אי פאַר דעם, אַז זי זאָל אײַנגעשלאָסן ווערן אין דער שכנישער מלוכה X, Y, Z, אא. אָבער אין אַלע פאַלן דאַרף ער קעמפן קעגן דער קליינלעך־נאַציאָנאַלער שמאָלקייט, אָפּגעשלאָסנקייט, אָפּגעזונדערטקייט, פאַר נעמען אין באַטראַכט דאָס גאַנצע און אַלגעמיינע, פאַר אונטעראָרדענען די אינטערעסן פונעם פּרט צו די אינטערעסן פונעם כּלל.

מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט אַרײַנגעטראַכט אין דער פראַגע, האַלטן פאַר „ווידערשפּרעכלעך", אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון די אונטערדריקנדיקע נאַציעס זאָלן באַשטיין אויף דער „פרײַהייט אָפּצוטיילן זיך" און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון די אונטערדריקטע נאַציעס — אויף דער „פרײַהייט צו פאַראייניקן זיך". טראַכט מען זיך אָבער אַ ביסל אַרײַן, זעט מען, אַז קיין אַנדער וועג צום אינטערנאַציאָנאַליזם און צו דער צונויפגיסונג פון די נאַציעס, קיין אַנדער וועג פון דער געגעבענער לאַגע צו אָט דעם ציל — איז ניטאָ און קאָן ניט זײַן" (זע ב. XIX, ז. 261—262).

VII

סטראַטעגיע און טאַקטיק

פון דער דאָזיקער טעמע נעם איך זעקס פראַגן:

א) סטראַטעגיע און טאַקטיק אַלס וויסנשאַפט וועגן דער אָנפירונג מיטן קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט;

ב) די עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע און די סטראַטעגיע;

ג) צופלוסן און אָפּפלוסן פון דער באַוועגונג און די טאַקטיק;
ד) די סטראַטעגישע אָנפירונג;
ה) די טאַקטישע אָנפירונג;
ו) רעפאָרמיזם און רעוואָלוציאָניזם.

1) סטראַטעגיע און טאַקטיק אַלס וויסנשאַפט וועגן דער אָנפירונג מיטן קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּעריאָד, ווען עס האָט געהערשט דער II אינטערנאַציאָנאַל, איז געווען א פּעריאָד הויפּטזאַכלעך פון פאָרמירן און אויסשולן די פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע אַרמייען אין די אומשטענדן פון א מער אָדער ווייניקער פרידלעכער אַנטוויקלונג. דאָס איז געווען א פּעריאָד פון פּאַרלאַמענטאַריזם, אַלס דער הויפּט־פאָרם פון קלאַסן־קאַמף. די פראַגן וועגן גרויסע קלאַסן־צוזאַמענשטויסן, וועגן דער צוגרייטונג פונעם פּראָלעטאַריאַט צו רעוואָלוציאָנערע געראַנגלען, וועגן די אופנים צו דערגרייכן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט זיינען דעמלט, ווי עס האָט זיך געדאַכט, ניט געשטאַנען אין טאָג־סדר. די אויפגאַבע איז פאַרשטאַנען געוואָרן אַזוי, אַז מען זאָל אויסנוצן אַלע וועגן פון לעגאַלער אַנטוויקלונג אויף צו פאָרמירן און אויסשולן די פּראָלעטאַרישע אַרמייען, אויסנוצן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם אין הסכם מיט די באַדינגונגען, ביי וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט פלעגט בלייבן און האָט, ווי עס האָט זיך געדאַכט, געמוזט פאַרבלייבן אין דער לאַגע פון אָן אָפּאָזיציע. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אַז אין אַזאַ פּעריאָד און ביי אַזאַ פאַרשטיין די אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געקאָנט זיין ניט קיין פאַרגאַנצטע סטראַטעגיע, ניט קיין פאַנאַנדערגעאַרבעטע טאַקטיק. עס זיינען געווען ברעקלעך, איינצלנע געדאַנקען וועגן טאַקטיק און סטראַטעגיע, אָבער קיין טאַקטיק און סטראַטעגיע איז ניט געווען.

די שווערע זינד פונעם II אינטערנאַציאָנאַל באַשטייט ניט דערין, וואָס ער האָט בשעתו דורכגעפירט די טאַקטיק פון אויסנוצן די פּאַרלאַמענטישע פאָרמען פון קאַמף, נאָר דערין, וואָס ער האָט איבערגעשאַצט די באַדייטונג פון די דאָזיקע פאָרמען, האַלטנדיק זיי שיר ניט פאַר די איינציקע, און ווען עס איז געקומען דער פּעריאָד פון אָפענע רעוואָלוציאָנערע געראַנגלען און די פראַגע וועגן די אויסערפּאַרלאַמענטישע פאָרמען פון קאַמף האָט זיך געשטעלט אין דער ערשטער ריי, האָבן זיך די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל אָפּגעקערט פון די נייע אויפגאַבן, האָבן די דאָזיקע אויפגאַבן ניט אָנגענומען.

ערשט אינעם פאָלגנדיקן פעריאָד, אינעם פעריאָד פון אָפענע ארויסטרעטונגען פונעם פראָלעטאריאט, אינעם פעריאָד פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, ווען די פראגע וועגן אראָפּווארפן די בורזשואזיע איז געוואָרן א פראגע פון אוממיטלבארער פראקטיק, ווען די פראגע וועגן די רעזערוון פונעם פראָלעטאריאט (די סטראטעגיע) איז געוואָרן איינע פון די סאמע אקטועלע פראגן, ווען אלע פאָרמען פון קאמף און אָרגאניזאציע — אי די פארלאמענטישע, אי די אויסערפארלאמענטישע (די טאקטיק) — זיינען קלאָר געוואָרן מיט פולער באשטימטקייט, — ערשט אין אָט דעם פעריאָד האָבן געקאָנט אויסגעארבעט ווערן א פארגאנצטע סטראטעגיע און א פאנאנדערגעארבעטע טאקטיק פונעם קאמף פונעם פּראָלעטאריאט. מארקס' און ענגעלסעס געניאלע געדאנקען וועגן טאקטיק און סטראטעגיע, וועלכע זיינען פארמויערט געוואָרן דורך די אָפּאָרטוניסטן פונעם II אינטערנאציאָנאל, האָט לענין ארויסגעשלעפּט אויף דער ליכטיקער שיין גראָד אין דעם דאָזיקן פעריאָד. לענין האָט זיך אָבער ניט באגרענעצט מיטן צוריק־אויפשטעלן די איינצלנע טאקטישע הנחות פון מארקסן און ענגעלסן. ער האָט זיי אנטוויקלט ווייטער און דערגאנצט מיט נייע געדאנקען און הנחות, פאראייניקנדיק דאָס אלץ אין א סיסטעם פון כללים און אָנפירנדיקע פּרינציפּן, ווי אָנצופירן מיטן קלאסן־קאמף פונעם פּראָלעטאריאט. אזעלכע בראָשורן לענינס, ווי „וואָס דארף מען טאָן?", „צוויי טאקטיקעס", „אימפּעריאליזם", „מלוכה און רעוואָלוציע", „די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע און דער רענעגאט קאוטסקי", „די קינדער־קראנקייט", וועלן אָן ספק אריין אלס ווערטפולסטער ביישטייער אין דעם אלגעמיינעם אוצר פון מארקסיזם, אין זיין רעוואָלוציאָנערן ארסענאל. די סטראטעגיע און טאקטיק פונעם לעניניזם — דאָס איז די וויסנשאפט וועגן דער אָנפירונג מיטן רעוואָלוציאָנערן קאמף פונעם פּראָלעטאריאט.

2) די עטאפּן פון דער רעוואָלוציע און די סטראטעגיע. סטראטעגיע הייסט — באשטימען די ריכטונג פונעם הויפּט־קלאפּ פונעם פּראָלעטאריאט אויפן גרונט פונעם געגעבענעם עטאפּ פון דער רעוואָלוציע, אויסארבעטן אן אנטשפּרעכיקן פּלאן פון דער דיספּאָזיציע פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות (די הויפּט־רעזערוון און די צווייטראנגיקע רעזערוון), קעמפן פאר דורכפירן דעם דאָזיקן פּלאן אין פארלויף פון דער גאנצער צייט פונעם געגעבענעם עטאפּ פון דער רעוואָלוציע.

אונדזער רעוואָלוציע האָט שוין דורכגעמאכט צוויי עטאפּן און

איז נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש אריינגעטראָטן אינעם דריטן עטאַפּ. אַנטשפּרעכיק דערצו האָט זיך געביטן אויך די סטראַטעגיע.

דער ערשטער עטאַפּ. 1903 יאָר — פעברואַר 1917 יאָר. דער ציל איז — אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, ליקווידירן פולשטענדיק די רעשטן פון מיטלאַלטער. די גרונט־קראַפט פון דער רעוואָלוציע איז דער פּראָלעטאַריאַט. דער נאָענטסטער רעזערוו — דאָס פּויערטום. די ריכטונג פונעם גרונט־קלאַפּ: איזאָלירן די ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישע בורזשואַזיע, וועלכע באַמיט זיך געווינען דאָס פּויערטום און ליקווידירן די רעוואָלוציע דורך אַ פאַרשטענדיקונג מיטן צאַריזם. דער פּלאַן פון דער קרעפטן־דיספּאָזיציע: אַ בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום. „דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דורכפירן ביזן סוף די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, אָנשליסנדיק צו זיך די מאַסע פּויערטום, כדי צו דערשטיקן מיט קראַפט דעם ווידערשטאַנד פון דער זעלבסט־הערשונג און פּאַראַליזירן די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פון דער בורזשואַזיע" (זע לענין, ב. VIII, ז. 96).

דער צווייטער עטאַפּ. מערץ 1917 יאָר — אָקטאָבער 1917 יאָר. דער ציל איז — אראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם אין רוסלאַנד און אַרויסגיין פונעם אימפּעריאַליסטישן קריג. די גרונט־קראַפט פון דער רעוואָלוציע איז דער פּראָלעטאַריאַט. דער נאָענטסטער רעזערוו — דאָס אָרעמסטע פּויערטום. דער פּראָלעטאַריאַט פון די שכנישע לענדער אַלס וואַרשיינלעכער רעזערוו. די זיך פאַרציִענע מלחמה און דער קריזיס פונעם אימפּעריאַליזם אַלס גינסטיקער מאָמענט. די ריכטונג פונעם גרונט־קלאַפּ: איזאָלירן די קלייןבירגערלעכע דעמאָקראַטיע (די מענשעוויקעס, די עסערן), וועלכע באַמיט זיך צו דעראָבערן די אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם פּויערטום און פאַרענדיקן די רעוואָלוציע דורך אַ פאַרשטענדיקונג מיטן אימפּעריאַליזם. דער פּלאַן פון דער קרעפטן־דיספּאָזיציע: אַ בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיטן אָרעמסטן פּויערטום. „דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף מאַכן די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, אָנשליסנדיק צו זיך די מאַסע האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, כדי צו איינברעכן מיט קראַפט דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און פּאַראַליזירן די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פונעם פּויערטום און פון דער קלייןבורזשואַזיע" (זע דאָרטן).

דער דריטער עטאַפּ. אָנגעהויבן האָט ער זיך נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. דער ציל איז — פאַרפעסטיקן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד, אויסנוצנדיק זי ווי אַ שטיצפּונקט

אויף בײַצוקומען דעם אימפּעריאַליזם אין אַלע לענדער. די רעוואָלוציע גייט אַריבער די ראַמען פון איין לאַנד, עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון דער וועלט־רעוואָלוציע. די גרונט־כוחות פון דער רעוואָלוציע: די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער. די הויפּט־רעזערוון: די האַלב־פּראָלעטאַרישע און קליינפּויערישע מאַסן אין די אַנטוויקלטע לענדער, די באַפרײַאונגס־באַוועגונג אין די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער. די ריכטונג פונעם גרונט־קלאַפּ: איזאָלירן די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטיע, איזאָלירן די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע זײַנען די גרונט־שטיצע פאַר דער פּאָליטיק פון א פאַרשטענדיקונג מיטן אימפּעריאַליזם. דער פּלאַן פון דער קרעפטן־דיספּאָזיציע: א בונד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע מיט דער באַפרײַאונגס־באַוועגונג פון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער.

די סטראַטעגיע האָט צו טאָן מיט די גרונט־כוחות פון דער רעוואָלוציע און מיט זייערע רעזערוון. זי בײַט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַריבערגאַנג פון דער רעוואָלוציע פון איין עטאַפּ צום אַנדערן, פאַרבלײַבנדיק אין גרונט ניט געענדערט אין משך פונעם גאַנצן פּעריאָד פונעם געגעבענעם עטאַפּ.

3) צופלוסן און אָפּפלוסן פון דער באַוועגונג און די טאַקטיק. טאַקטיק הייסט — באַשטימען די אויפפירונג־ליניע פונעם פּראָלעטאַריאַט פאַר א פאַרהעלטנישמעסיק קורצן פּעריאָד פון צופלוס אָדער אָפּפלוס פון דער באַוועגונג, אויפשטײַג אָדער ירידה פון דער רעוואָלוציע, קעמפן פאַר דורכפירן די דאָזיקע ליניע דורך פאַרבײַטן די אַלטע פאָרמען פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע אויף נײַע, די אַלטע לאָזונגען אויף נײַע, דורך קאָמבינירן די דאָזיקע פאָרמען אאוו. אויב די סטראַטעגיע האָט דעם צוועק צו געווינען די מלחמה, לאָמיר זאָגן, קעגן דעם צאַריזם אָדער קעגן דער בורזשואַזיע, דערפירן ביזן סוף דעם קאַמף קעגן דעם צאַריזם אָדער קעגן דער בורזשואַזיע, שטעלט זיך די טאַקטיק ווייניקער וועזנטלעכע צילן, ווײַל זי שטרעבט צו געווינען ניט די מלחמה אינגאַנצן גענומען, נאָר די אָדער יענע שלאַכטן, די אָדער יענע קאַמפן, דורכפירן מיט דערפאָלג די אָדער יענע קאַמפּאַניעס, די אָדער יענע אַרויסטרעטונגען, וועלכע אַנטשפּרעכן דער קאָנקרעטער סיטואַציע אינעם פּעריאָד פונעם געגעבענעם אויפשטײַג אָדער ירידה פון דער רעוואָלוציע. די טאַקטיק איז א טייל פון דער סטראַטעגיע און איז איר אונטערגעאָרדנט, באַדינט זי.

די טאקטיק בײַט זיך אפהענגיק פון די צופלוסן און אפפלוסן. אין דער צײַט, ווען דער סטראטעגישער פלאן איז אינעם פעריאד פונעם ערשטן עטאפ פון דער רעוואלוציע (1903—1917, פעברואר) געבליבן ניט געענדערט, האט זיך די טאקטיק אין דער צײַט געביטן עטלעכע מאל. אינעם פעריאד פון די יארן 1903—1905 איז די טאקטיק פון דער פארטיי געווען אן אנגרײַפערישע, ווײַל עס איז געווען א צופלוס פון דער רעוואלוציע, די באוועגונג איז געגאנגען בארג־ארויף, און די טאקטיק האט געדארפט ארויסגיין פון אט דעם פאקט. אין הסכם דערמיט זײַנען אויך די פארמען פון קאמף געווען רעוואלוציאנערע, אזויגע, וואס אנטשפרעכן די פאדערונגען פונעם צופלוס פון דער רעוואלוציע. ארטיקע פאליטישע שטרײַקן, פאליטישע דעמאנסטראציעס, אלגעמיינער פאליטישער שטרײַק, באיקאט פון דער דומע, אויפשטאנד, רעוואלוציאנערע שלאכט־לאזונגען, — דאס זײַנען די קאמפס־פארמען, וואס פארבײַטן אײנע די אנדערע אין דעם דאזיקן פעריאד. אין צוזאמענהאנג מיט די פארמען פון קאמף האבן זיך דאן געענדערט אויך די פארמען פון ארגאניזאציע. פאבריק־זאוואדישע קאמיטעטן, רעוואלוציאנערע פויערים־קאמיטעטן, שטרײַק־קאמיטעטן, סאוועטן פון ארבעטער־דעפוטאטן, א מער אדער ווייניקער לעגאלע ארבעטער־פארטיי, — אט דאס זײַנען די פארמען פון ארגאניזאציע אין דעם דאזיקן פעריאד.

אינעם פעריאד פון די יארן 1907—1912 איז די פארטיי געצוואונגען געווען אריבערצוגיין צו דער טאקטיק פון צוריקטריט, ווײַל מיר האבן דאן געהאט א ירידה פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, אן אפפלוס פון דער רעוואלוציע, און די טאקטיק האט זיך ניט געקאנט ניט רעכענען מיט דעם דאזיקן פאקט. אין הסכם דערמיט האבן זיך געענדערט אויך די פארמען פון קאמף, פונקט ווי די פארמען פון ארגאניזאציע. אנשטאט באיקאטירן די דומע — אנטיילנעמען אין דער דומע, אנשטאט אפענע רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען אויסער דער דומע — ארויסטרעטונגען אין דער דומע און ארבעט אין דער דומע, אנשטאט אלגעמיינע פאליטישע שטרײַקן — טייל־ווײַזע עקאנאמישע שטרײַקן אדער פשוט שטילשטאנד. פארשטייט זיך, אז די פארטיי האט אין דעם דאזיקן פעריאד געמוזט אוועקגיין אין אונטערערד, די מאסעווע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס ווידער זײַנען פארביטן געווארן אויף קולטור־אויפקלערערישע, אויף קאאפעראטיווע, אויף סטראכיר־ארגאניזאציעס און אנדערע לעגאלע ארגאניזאציעס.

דאָס זעלביקע דאַרף מען זאָגן אויך וועגן דעם צווייטן און דריטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, וואָס אין פאַרלויף פון זיי האָט זיך די טאַקטיק געביטן צענדליקער מאָל, בעת די סטראַטעגישע פּלענער זיינען געבליבן ניט געענדערט.

די טאַקטיק האָט צו טאָן מיט די פאָרמען פון קאַמף און מיט די פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, מיט זייער בייטן זיך, מיט זייער קאָמבינירונג. אויפן גרונט פונעם געגעבענעם עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע קאָן זיך די טאַקטיק בייטן עטלעכע מאָל, אָפּהענגיק פון די צופלוסן אָדער אָפּפלוסן, פונעם אויפשטייג אָדער ירידה פון דער רעוואָלוציע.

4) די סטראַטעגישע אָנפירונג. רעזערוון פון דער רעוואָלוציע קאָנען זיין:

דירעקטע: א) דאָס פּויערטום און בכלל די איבערגאַנג־שיכטן פונעם אייגענעם לאַנד, ב) דער פּראָלעטאַריאַט פון די שכנישע לענדער, ג) די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער, ד) די דערגרייכונגען און דערגרייכונגען פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, — וואָס פון א טייל פון זיי קאָן זיך דער פּראָלעטאַריאַט צייטווייליק אָפּזאָגן, איבערלאָזנדיק פאַר זיך דערביי דעם איבערוואָג פון כוחות, כדי אונטערצוקויפן דעם שטאַרקן קעגנער און באַקומען א מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, און

אומדירעקטע: א) די ווידערשפּרוכן און קאָנפליקטן צווישן די ניט־פּראָלעטאַרישע קלאַסן פונעם אייגענעם לאַנד, וואָס קאָנען דורכן פּראָלעטאַריאַט אויסגענוצט ווערן אויף אָפּצושוואַכן דעם קעגנער, אויף צו פאַרשטאַרקן די אייגענע רעזערוון, ב) די ווידערשפּרוכן, קאָנפליקטן און מלחמות (למשל, די אימפּעריאַליסטישע מלחמה) צווישן די בורזשואַזע מלוכות, וועלכע זיינען פיינטלעך צו דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, ווידערשפּרוכן, וואָס קאָנען דורכן פּראָלעטאַריאַט אויסגענוצט ווערן בשעת זיין אָנגריף אָדער בעתן מאַנעווורירן אין פאַל פון א געצוואונגענעם צוריקטריט.

וועגן די רעזערוון פונעם ערשטן מין לוינט קיין סך ניט צו ריידן, ווייל זייער באַדייטונג איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען און פאַר יעדן. וואָס איז שייך די רעזערוון פונעם צווייטן מין, וואָס זייער באַדייטונג איז ניט שטענדיק קלאָר, דאַרף מען זאָגן, אַז זיי האָבן צומאָל אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג פאַרן גאַנג פון דער רעוואָלוציע. ווער קען עס אָפּלייקענען די גוואַלדיקע באַדייטונג, למשל, פון יענעם קאָנפליקט צווישן דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע (די עסערן) און

דער ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע (די קאַדעטן) בשעת דער ערשטער רעוואָלוציע און נאָך איר, וועלכער האָט אָן ספק געשפּילט אַן אַנטשפּרעכיקע ראָליע אין פּרט פֿון אַרויסבאַפֿרײַען דאָס פּויערטום פֿון אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער בורזשואַזיע. נאָך ווייניקער גרונט איז פֿאַראַן אָפּצולייקענען די קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פֿונעם פֿאַקט פֿון דער מלחמה אויף לעבן און טויט צווישן די גרונט־גרופּעס אימפּעריאַליסטן אינעם פּעריאָד פֿון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, ווען די אימפּעריאַליסטן, פֿאַרנומענע מיט מלחמה צווישן זיך, האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו קאָנצענטרירן די כוחות קעגן דער יונגער סאָוועטן־מאַכט, און דער פּראָלעטאַריאַט האָט דעריבער טאַקע באַקומען די מעגלעכקײַט צו נעמען זיך דירעקט צום אָרגאַניזירן זײַנע כוחות, פֿאַרפֿעסטיקן זײַן מאַכט און צוגרייטן די צעשמעטערונג פֿון קאָלטשאַקן און דעניקינען. מען דאַרף רעכענען, אַז איצט, ווען די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע גרופּעס ווערן אַלץ טיפֿער און ווען אַ נײַע מלחמה צווישן זיי ווערט אומפֿאַרמײַדלעך, וועלן רעזערוון פֿון דעם מין האָבן פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט אַלץ אַ מער ערנסטע באַדײַטונג.

די אויפֿגאַבע פֿון דער סטראַטעגישער אָנפֿירונג באַשטייט דערין, אַז מען זאָל ריכטיק אויסנוצן די אַלע רעזערוון אויף צו דערגרייכן דעם גרונט־ציל פֿון דער רעוואָלוציע אויפֿן געגעבענעם עטאַפּ פֿון איר אַנטוויקלונג.

און וואָס הייסט ריכטיק אויסנוצן די רעזערוון?

דאָס הייסט אויספֿילן אייניקע נויטווענדיקע באַדינגונגען, וואָס פֿאַר די וויכטיקסטע פֿון זיי דאַרף מען האַלטן די פֿאָלגנדיקע:

ערשטנס. קאָנצענטרירן די הויפּט־כוחות פֿון דער רעוואָלוציע אינעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט אויפֿן שוואַכסטן פּונקט בײַם קעגנער דעמאָלט, ווען די רעוואָלוציע איז שוין צײַטיק, ווען דער אָנגריף גייט מיטן גאַנצן אימפּעט, ווען דער אויפֿשטאַנד קלאַפּט אין דער טיר און ווען דאָס צופֿירן די רעזערוון צום אַוואַנגאַרד איז אַן אַנטשיידנדיקער באַדינג פֿאַרן דערפֿאָלג. אַלס בײַשפּיל, וואָס דעמאָנסטרירט אַזאַ אַרט אויסנוצן די רעזערוון, קאָן מען האַלטן די סטראַטעגיע פֿון דער פּאַרטיי אינעם פּעריאָד פֿון אַפּריל — אָקטאָבער 1917 יאָר. עס איז אויסער צווייפֿל, אַז דער שוואַכסטער פּונקט בײַם קעגנער איז אין אָט דעם פּעריאָד געווען די מלחמה. עס איז אויסער צווייפֿל, אַז גראָד אויף דער דאָזיקער פֿראַגע, אַלס גרונט־פֿראַגע, האָט די פּאַרטיי צונויפֿגענומען אַרום דעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד

די ברייטסטע מאסן פון דער באפעלקערונג. די סטראטעגיע פון דער פארטיי איז אין אַט דעם פעריאָד באשטאנען דעריז, אז באגלייך מיטן לערנען דעם אוואנגארד דורך מאניפעסטאציעס און דעמאָנסטראציעס, ווי אזוי צו מאכן גאסן־ארויסטרעטונגען, זאָל זי די רעזערוון צו־פירן צום אוואנגארד דורך די סאָוועטן אין הינטער־לאנד און דורך די סאָלדאטישע קאָמיטעטן אויפן פראָנט. דער אויסגאנג פון דער רעוואָלוציע האָט באוויזן, אז די רעזערוון זיינען אויסגענוצט גע־וואָרן ריכטיק.

אָט וואָס לענין זאָגט וועגן דעם האַזיקן באדינג פון סטראטעגישן אויסנוצן די כוחות פון דער רעוואָלוציע, איבערפראזירנדיק די באַוואוסטע הנחות פון מארקסן און ענגעלסן וועגן אויפשטאנד:

„1) קיינמאָל זיך ניט שפילן מיט קיין אויפשטאנד, נאָר, אז מען הייבט אים אָן, זאָל מען וויסן פעסט, אז מען דארף גיין ביזן סוף.

2) מען מוז צונויפנעמען א גרויסע איבערוואָג פון כוחות אינעם אנטשיידנדיקן אָרט, אינעם אנטשיידנדיקן מאָמענט, ווייל אנדערש וועט דער שונא, וועלכער פארמאָגט א בעסערע צוגרייטונג און אָרגאני־זאציע, פארניכטן די אויפשטענדלער.

3) איז שוין דער אויפשטאנד אָנגעהויבן, דארף מען האנדלען מיט דער גרעסטער אנטשלאָסנקייט און וואָס עס זאָל ניט זיין, אומבאדינגט אריבערגיין אין אָנגריף. „פארטיידיקונג איז א טויט פאר א באוואָפנטן אויפשטאנד”.

4) מען דארף זיך באמִיען צו טרעפן דעם שונא אומגעריכט, כאַפּן דעם מאָמענט, כל־זמן זיין מיליטער איז צעוואָרפן.

5) מען דארף זיך זען דערשלאָגן יעדן טאָג כאָטש קליינינקע דער־פאָלגן (מען קאָן זאָגן: יעדע שעה, אויב עס רעדט זיך וועגן איין שטאָט), אונטערהאלטנדיק, אום יעדן פרייז, די „מאָראלישע איבערוואָג”” (זע ב. XXI, ז. 319—320).

צווייטנס. אויסקלייבן דעם מאָמענט פונעם אנטשיידנדיקן קלאַפּ, דעם מאָמענט פון אָנהייבן דעם אויפשטאנד, וואָס זאָל זיין אויסגע־רעכנט דערויף, אז דער קריזיס איז דערגאנגען ביזן העכסטן פונקט, אז די גרייטקייט פונעם אוואנגארד זיך צו שלאָגן ביזן סוף, די גרייט־קייט פונעם רעזערוו צו שטיצן דעם אוואנגארד און די מאקסימאלע פארלאָרנקייט אין די רייען פונעם קעגנער — זיינען שוין פאראן.

די אנטשיידענע שלאכט, — זאָגט לענין, — קאָן מען האלטן פאר פולקום צייטיק, אויב „(1) אלע צו אונדז פיינטלעכע קלאסן־כוחות האָבן זיך שוין גענוג פארפלאָנטערט, האָבן זיך גענוג צעשלאָגן צווישן זיך, האָבן גענוג אָפּגעשוואכט איינער דעם אנדערן דורכן קאמף, וואָס איז איבער זייערע כוחות”; אויב „(2) אלע וואַקלדיקע, קווענקלענ־דיקע, ניט־שטאנדהאפטיקע עלעמענטן, די צווישן־עלעמענטן, דה. דאָס

קליינבירגערטום, די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטיע האָבן זיך שוין, צום אונטערשייד פון דער בורזשואַזיע, אין א גענוגער מאָס דעמאַסקירט פאַרן פאָלק, זײַנען שוין גענוג צו שאַנד געוואָרן דורך זייער פּראַקטישן באַנ־קראָט"; א ו י ב „(3) בײַם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָנגעהויבן און ס'האָט גענומען מעכטיק שטײַגן די מאַסן־שטימונג צו שטיצן די סאַמע אַנטשלאָ־סענע, מסירת־נפשדיק־דרייסטע, רעוואָלוציאָנערע אַקציעס קעגן דער בור־זשואַזיע, אָט דעמאָלט איז די רעוואָלוציע צײַטיק, אָט דעמאָלט, אויב מיר האָבן ריכטיק באַרעכנט די אַלע אויבן אָנגעמערקטע... באַדינגונגען און ריכטיק אויסגעקליבן דעם מאָמענט, — איז אונדזער נצחון געזיכערט" (זע ב. XXV, ז. 229).

אַלס מוסטער פון אַזאַ סטראַטעגיע קאָן מען האַלטן די דורכפי־רונג פונעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד.

דאָס עובר זײַן אויף דעם דאָזיקן באַדינג פירט צו א געפערלעכן פעלער, וועלכער הייסט „פאַרלירן דעם טעמפּ", ווען די פּאַרטיי שטייט אָפּ פונעם גאַנג פון דער באַוועגונג אָדער פאַרלויפט ווײַט פאָראויס, שאַפנדיק א געפאַר פון א דורכפאַל. אַלס בײַשפּיל פון אַזאַ מין „פאַרלירן דעם טעמפּ", אַלס בײַשפּיל דערפון, ווי אַזוי מען דאַרף ניט אויסקלײַבן דעם מאָמענט פון אויפשטאַנד, דאַרף מען האַלטן דעם פּרוּוו פון איין טייל חברים אָנצוהייבן דעם אויפשטאַנד פון אַרעס־טירן די „דעמאָקראַטישע באַראַטונג" אין סעפּטעמבער 1917 יאָר, ווען אין די סאָוועטן האָט זיך נאָך געפילט א וואַקלעניש, דער פראָנט איז נאָך געווען אויפן שיידוועג, די רעזערוון זײַנען נאָך ניט געווען צוגעפירט צום אַוואַנגאַרד.

דריטנס. דורכפירן אומאָפּנייגלעך דעם שוין אָנגענומענעם קורס דורך אַלע און אַלערליי שוועריקייטן און קאָמפּליקאַציעס אויפן וועג צום ציל, וואָס דאָס איז נייטיק, כדי דער אַוואַנגאַרד זאָל ניט פאַר־לירן פון אויג דעם גרונט־ציל פונעם קאַמף און די מאַסן זאָלן זיך ניט אַראָפּשלאָגן פונעם וועג, גייענדיק צו דעם דאָזיקן ציל און באַ־מיענדיק זיך צו באַהעפטן אַרום דעם אַוואַנגאַרד. דאָס עובר זײַן אויף דעם דאָזיקן באַדינג פירט צו א קאָלאָסאַלן פעלער, וועלכער איז גוט באַקאַנט די ים־לײַט אונטערן נאָמען „פאַרלירן דעם קורס". אַלס בײַשפּיל פון אַזאַ מין „פאַרלירן דעם קורס" דאַרף מען האַלטן די פעלערהאַפטע אויפפירונג פון אונדזער פּאַרטיי גלײַך נאָך דער „דעמאָ־קראַטישער באַראַטונג", ווען זי [די פּאַרטיי] האָט אָנגענומען דעם באַשלוס אָנטייל צונעמען אינעם פאָרפּאַרלאַמענט. די פּאַרטיי האָט ווי געהאַט פאַרגעסן אין דעם מאָמענט, אַז דער פאָרפּאַרלאַמענט איז א פּרוּוו פון דער בורזשואַזיע אַריבערצופירן דאָס לאַנד פונעם וועג פון סאָוועטן אויפן וועג פון בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם, אַז דאָס

אַנטיילנעמען פון דער פּאַרטיי אין אַזאַ אינסטיטוציע קאָן צעמישן אַלע קאָרטן און אָראָפּפירן פון וועג די אַרבעטער און פּויערים, וועלכע פירן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אונטערן לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן“. הער דאָזיקער פעלער איז פאַרריכט געוואָרן דורך דעם, וואָס די באָלשעוויקעס זײַנען אַוועק פונעם פּאָרפּאַרלאַמענט.

פּערטנס. מאַנעווורירן מיט די רעזערוון אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל זײַן אויסגערעכנט אויף אַ ריכטיקן צוריקטרעט, ווען דער שונא איז שטאַרק, ווען דער צוריקטריט איז אומפּאַרמײַדלעך, ווען אָננעמען די שלאַכט, וואָס דער קעגנער בינדט אָן, לוינט בפירוש ניט, ווען דער צוריקטריט ווערט בײַ דער געגעבענער קרעפטן־פאַרהעלטעניש דאָס איינציקע מיטל אַרויסצופירן דעם אַוואַנגאַרד פון אונטערן קלאַפּ און אײַנהיטן פאַר אים די רעזערוון.

„די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, — זאָגט לענין, — דאַרפן זיך צו־לערנען. זיי האָבן זיך געלערנט אָנגרײַפן. איצט דאַרף מען פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע וויסנשאַפט מוז מען דערגאַנצן מיט דער וויסנשאַפט, ווי אַזוי ריכטיקער אָפּצוטרעטן. מען דאַרף פאַרשטיין, — און אויף זײַן אייגענער ביטערער דערפאַרונג לערנט זיך דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס צו פאַר־שטיין, — אַז מען קאָן ניט זיגן, אויב מען לערנט זיך ניט אויס ריכ־טיק אָנגרײַפן און ריכטיק אָפּטרעטן“ (זע ב. XXV, ז. 177).

דער ציל פון אַזאַ סטראַטעגיע איז צו געווינען צײַט, דעזאָרגאַני־זירן דעם קעגנער און אָנזאַמלען כּוחות אויף אַריבערצוגיין דערנאָך אין אָנגריף.

אַלס מוסטער פון אַזאַ סטראַטעגיע קאָן מען האַלטן דאָס שליסן דעם בריסקער שלום, וועלכער האָט געגעבן דער פּאַרטיי די מעגלעכ־קײַט צו געווינען צײַט, אויסנוצן די צוזאַמענשטויסן אינעם לאַגער פונעם אימפּעריאַליזם, דעזאָרגאַניזירן די כּוחות פונעם קעגנער, אײַנ־היטן פאַר זיך דאָס פּויערטום און אָנזאַמלען כּוחות אויף צוצוגרייטן דעם אָנגריף אויף קאָלטשאַקן און דעניקינען.

„שליסנדיק דעם סעפּאַראַטן שלום, — האָט דעמלט געזאָגט לענין, — באַפרײַען מיר זיך אין העכסטן גראַד, וואָס איז אינעם געגעבע־נעם מאָמענט מעגלעך, פון ביידע אײַנע די אַנדערע פּײַנטלעכע אימפּעריאַליסטישע גרופּעס, מיר נוצן אויס זייער קעגנזײַטיקע פּײַנט־שאַפט און מלחמה, — וועלכע פאַרשווערט פאַר זיי דאָס צונויפרעדן זיך קעגן אונדז, — און באַקומען אַזוי־אַרום אויף אַ געוויסן פּעריאָד פרײַע הענט, כּדי צו פאָרזעצן און פאַרפעסטיקן די סאָציאַליסטישע רע־וואָלוציע“ (זע ב. XXII, ז. 198).

„איצט זעט שוין אפילו דער גרעסטער נאַר“, — זאָגט לענין אין ־רט יאָר אַרום נאָכן בריסקער שלום, — „אַז דער „בריסקער שלום“ איז

געוועזן א הנחה, וועלכע האָט פאַרשטאַרקט אונדז און האָט צעברעקלט די כוחות פונעם צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם" (זע ב. XXVII, ז. 7).

אָט דאָס זיינען די הויפּט־באַדינגונגען, וועלכע זיכערן די ריכטיקייט פון דער סטראַטעגישער אָנפירונג.

5) די טאַקטישע אָנפירונג. די טאַקטישע אָנפירונג איז א טייל פון דער סטראַטעגישער אָנפירונג, וועלכער איז אונטערגעאָרדנט אונטער אירע אויפגאַבן און פאָדערונגען. די אויפגאַבע פון דער טאַקטישער אָנפירונג באַשטייט דערין, אז מען זאָל באַהערשן אלע פאָרמען פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט און זיכערן, אז זיי זאָלן ריכטיק אויסגענוצט ווערן, כדי צו דערשלאָגן זיך דעם מאַקסימום רעזולטאַטן ביי דער געגעבענער קרעפטן־פאַרהעלטעניש, וועלכער איז נייטיק אויף צוצוגרייטן דעם סטראַטעגישן דערפאָלג.

וואָס הייסט ריכטיק אויסנוצן די פאָרמען פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט?

דאָס הייסט אויספילן אייניקע נויטווענדיקע באַדינגונגען, וואָס פאַר די וויכטיקסטע פון זיי דאַרף מען האַלטן פאָלגנדיקע:

ערשטנס. ארויסרוקן אין פאָדערגרונט גראָד יענע פאָרמען פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע, וועלכע אַנטשפּרעכן מער פון אלץ די באַדינגונגען פונעם געגעבענעם צופלוס אָדער אָפּפלוס פון דער באַוועגונג און זיינען דעריבער אימשטאַנד צו פאַרלייכטערן און זיכערן דאָס צופירן די מאַסן צו די רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס, דאָס צופירן די מיליאָניקע מאַסן צום פראָנט פון דער רעוואָלוציע, דאָס פאַנאַנדערשטעלן זיי אויפן פראָנט פון דער רעוואָלוציע.

עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם, אז דער אַוואַנגאַרד זאָל באַנעמען די אוממעגלעכקייט אויפצוהיטן די אַלטע אָרדענונג און די אומפאַרמיידלעכקייט צו אראָפּוואַרפן זי. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אז די מאַסן, די מיליאָניקע מאַסן זאָלן פאַרשטיין אָט די דאָזיקע אומפאַרמיידלעכקייט און זאָלן ארויסווייזן גרייטקייט צו שטיצן דעם אַוואַנגאַרד. פאַרשטיין אָבער קאָנען דאָס די מאַסן בלויז דורך אייגענער דערפאַרונג. געבן די מיליאָניקע מאַסן די מעגלעכקייט צו קלאָר מאַכן פאַר זיך אויף זייער אייגענער דערפאַרונג די אומפאַרמיידלעכקייט צו אראָפּוואַרפן די אַלטע מאַכט, ארויסרוקן אַזוינע מעטאָדן פון קאַמף און אַזוינע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָלן פאַרלייכטערן פאַר די מאַסן צו קלאָר מאַכן פאַר זיך אויף דער דערפאַרונג די ריכטיקייט פון די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, — דערין באַשטייט די אויפגאַבע.

דער אַוואַנגאַרד וואָלט זיך אָפּגעריסן פונעם ארבעטער־קלאַס און

דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט פאַרלאָרן די פאַרבינדונגען מיט די מאַסן, ווען די פּאַרטיי וואָלט בשעתה ניט געהאַט באַשלאָסן אָנטיילנעמען אין דער דומע, ווען זי וואָלט ניט באַשלאָסן צו קאָנצענטרירן די כוחות אויף דער אַרבעט אין דומע און צו פאַנאַנדערוויקלען דעם קאַמף אויפן גרונט פון דער דאָזיקער אַרבעט, כדי צו פאַרלײַכטערן פאַר די מאַסן אויף זייער אייגענער דערפאַרונג צו קלאָר מאַכן פאַר זיך די נוצלאָזי־קײַט פון דער דומע, די ליגנערישקײַט פון די קאַדעטישע צוזאָגן, די אוממעגלעכקײַט פון אַ פאַרשטענדיקונג מיטן צאַריזם, די אוממפאַר־מײַדלעכקײַט פון אַ בונד צווישן דעם פויערטום מיטן אַרבעטער־קלאַס. אָן דער דערפאַרונג פון די מאַסן אינעם פעריאָד פון דער דומע וואָלט אוממעגלעך געווען דאָס דעמאַסקירן די קאַדעטן און אוממעגלעך געווען די העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די געפערלעכקײַט פון דער טאַקטיק פונעם „אָטזאָוויזם“[1] איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געדראָט, אַז דער אַוואַנגאַרד זאָל זיך אָפּרײַסן פון זײַנע מיליאָניקע רעזערוון.

די פּאַרטיי וואָלט זיך אָפּגעריסן פונעם אַרבעטער־קלאַס און דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט פאַרלאָרן זײַן אײַנפלוס אויף די ברייטע מאַסן פויערים און סאָלדאַטן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט געגאַנגען נאָך די „לינקע“ קאָמוניסטן, וועלכע האָבן גערופן צו אַן אויפשטאַנד אין אַפּריל 1917 יאָר, בשעת די מענשעוויקעס און עסערן האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך צו דעמאַסקירן, אַלס אָנהענגער פון דער מלחמה און פונעם אימפּעריאַליזם, בשעת די מאַסן האָבן נאָך ניט באַוויזן אויף זייער אייגענער דערפאַרונג צו קלאָר מאַכן פאַר זיך די ליגנע־רישקײַט פון די מענשעוויסטיש־עסערישע רייד וועגן שלום, וועגן ערד, וועגן פרײַהײַט. אָן דער דערפאַרונג פון די מאַסן אינעם פעריאָד פון דער קערענשטשינע וואָלטן די מענשעוויקעס און עסערן ניט איזאָלירט געוואָרן און די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט וואָלט ניט מעגלעך געווען. דעריבער איז די טאַקטיק פון „געדולדיקן דערקלערן“ די פעלערן פון די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען און פון אָפענעם קאַמף אינעווייניק אין די סאָוועטן געווען די איינציק ריכטיקע טאַקטיק.

די געפערלעכקײַט פון דער טאַקטיק פון די „לינקע“ קאָמוניסטן איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געדראָט צו פאַרוואַנדלען די פּאַר־טיי — פון אַ פירער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין אַ הײַפל פוסטע און באָדנלאָזע פאַרשווערערס.

[1] „אָטזאָוויזם“ שטאַמט פונעם רוסישן וואָרט „ОТОЗВАТЬ“ וואָס באַטײַט אָפּרופן. איבערז.

„מיטן אוואנגארד אליין, — זאָגט לענין, — קאָן מען ניט זיגן. וואַרפן אין דער אנטשיידנדער שלאכט בלויז דעם אוואנגארד אליין, כל־זמן דער גאנצער קלאס, כל־זמן די ברייטע מאסן האָבן נאָך ניט פארנומען קיין פּאָזיציע אָדער פון דירעקטן שטיצן דעם אוואנגארד, אָדער, ווייניקסטנס, פון פריינטלעכער נייטראליטעט בנוגע צו אים... וואָלט געווען ניט נאָר א נארישקייט, נאָר אויך א פארברעכן. אָבער כדי ווירקלעך דער גאנצער קלאס, כדי ווירקלעך די ברייטע מאסן ארבעטנדיקע און דורכן קאפּיטאל אונטערדריקטע זאָלן דערגיין צו אזא פּאָזיציע, דערצו איז פּראָפּאגאנדע אליין, אגיטאציע אליין ווייניק. דערצו איז נייטיק די אייגענע פּאָליטישע דערפארונג פון די דאָזיקע מאסן. אָט דאָס איז דער גרונט־געזעץ פון אלע גרויסע רעוואָלוציעס, וועלכן עס האָבן איצט מיט וואונדערבארער קראפט און רעליעפקייט באשטעטיקט ניט נאָר רוסלאנד, נאָר אויך דייטשלאנד. ניט נאָר פאר די אומקולטורעלע, אָפטמאָל ניט גראמאָטנע מאסן פון רוסלאנד, נאָר אפילו פאר די הויך־קולטורעלע, דורכאויס גראמאָטנע מאסן פון דייטשלאנד איז נייטיק געווען אויסצופּרואוון אויף זייער אייגענער פעל די גאנצע אָנמעכטיקייט, די גאנצע כאראקטערלאָזיקייט, די גאנצע אומבאהאָלפנקייט, די גאנצע לאקייאישקייט צו דער בורזשואזיע, די גאנצע נידערטרעכטיקייט פון דער רעגירונג פון די ריטערס פון II אינטערנאציאָנאל, די גאנצע אומפארמיידלעכקייט פון דער דיקטאטור פון די עקסטרעמע רעאקציאָנערן (קאָרנילאָוו אין רוסלאנד, קאפּ און קאָמפּ. אין דייטשלאנד), אלס איינציקע אלטערנאטיוו בנוגע דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, כדי אנטשיידן זיך א קער צו טאָן צום קאָמוניזם" (זע ב. XXV, ז. 228).

צווייטנס. געפינען אין יעדן געגעבענעם מאָמענט דעם באזונדערן רינג אין דער קייט פּראָצעסן, וואָס אויב מען וועט זיך אָנכאפּן אָן אים, וועט מען קאָנען איינהאלטן די גאנצע קייט און צוגרייטן די באדינגונגען אויף צו דערגרייכן דעם סטראטעגישן דערפאָלג.

עס האנדלט זיך דערין, אז פון דער ריי אויפגאבן, וועלכע שטייען פאר דער פּארטיי, זאָל מען אויסטיילן גראָד די אָרדנטלעכע אויפגאבע, וואָס איר לייזונג איז דער צענטראלער פּונקט און איר דורכפירונג זיכערט די דערפאָלגרייכע לייזונג פון די איבעריקע אָרדנטלעכע אויפגאבן.

די באדייטונג פון דער דאָזיקער הנחה וואָלט מען געקאָנט דעמאָנסטרירן אויף צוויי ביישפּילן, וואָס איינעם פון זיי וואָלט מען געקאָנט נעמען פון דער ווייטער פארגאנגענהייט (דער פּעריאָד פון אויסבילדן די פּארטיי), און דעם צווייטן — פון דער צו אונדז אמערסטן נאָענטער קעגנווארט (דער פּעריאָד פון נעפּ).

אינעם פּעריאָד פון אויסבילדן די פּארטיי, ווען די אָן א שיר קרייזלעך און אָרגאניזאציעס זיינען נאָך ניט געווען פארבונדן צוויי־

זיך, ווען די קאנסערוואטיווע און קריזיסלעריי פלעגן צעפרעסן די פארטיי פון אויבן ביז אראפ, ווען די אידייאישע צעפראנקייט איז געווען א כאראקטעריסטישער שטריך פון אינערלעכן לעבן פון דער פארטיי, — אין דעם דאזיקן פעריאד איז דער גרונט-רינג און די גרונט־אויפגאבע אין דער קייט פון רינגען און אין דער קייט פון אויפגאבן, וואס זיינען דאן געשטאנען פאר דער פארטיי, געווען — שאפן אן אלגעמיין־רוסישע אומלעגאלע צייטונג (די „איסקרא"). פארוואס? דערפאר, ווייל נאר דורך אן אלגעמיין־רוסישער אומלעגאלער צייטונג האט מען ביי די דעמאלטיקע באדינגונגען געקאנט שאפן א זיך צונויפגעארבעטן קערן פון דער פארטיי, אזא, וואס זאל זיין אימשטאנד צונויפצובינדן צוזאמען די פילצאליקע קרייזלעך און ארגאניזאציעס, צוגרייטן די באדינגונגען פאר דער אידייאישער און טאקטישער אייני־הייט און לייגן אזוי־ארום דעם פונדאמענט פארן אויסבילדן א ווירק־לעכע פארטיי.

אינעם פעריאד פון איבערגאנג פון דער מלחמה צו ווירטשאפטלע־כער בויאונג, ווען די אינדוסטריע האט קוים געזשיפעט אין די נעגל פונעם חורבן און די לאנדווירטשאפט האט געליטן פון מאנגל אין שטאטישע פאבריקאטן, ווען דער צוזאמענשלוס פון דער מלוכהשער אינדוסטריע מיט דער פויערשער ווירטשאפט איז געווארן א גרונט־באדינג פאר דער דערפאלגרייכער סאציאליסטישער בויאונג, — אין דעם דאזיקן פעריאד איז דער גרונט־רינג אין דער קייט פראצעסן, די גרונט־אויפגאבע צווישן אנדערע אויפגאבן געווארן — אנטוויק־לען דעם האנדל. פארוואס? דערפאר, ווייל אין די באדינגונגען פון נעפ איז דער צוזאמענשלוס פון דער אינדוסטריע מיט דער פויער־שער ווירטשאפט ניט מעגלעך אנדערש, ווי דורכן האנדל, דערפאר, ווייל פראדוקציע אן אפזאץ איז אין די באדינגונגען פון נעפ א טויט פאר דער אינדוסטריע, דערפאר, ווייל די אינדוסטריע קאן מען פאר־ברייטערן בלויז דורך דער פארברייטערונג פונעם אפזאץ אויפן וועג פון אנטוויקלען דעם האנדל, דערפאר, ווייל נאר האבנדיק זיך פאר־פעסטיקט אויפן געביט פון האנדל, נאר האבנדיק באהערשט דעם האנדל, נאר האבנדיק באהערשט אט דעם רינג, וועט מען קאנען האפן צונויפצושליסן די אינדוסטריע מיטן פויערשן מארק און מיט דערפאלג צו לייזן די אנדערע אקטועלע אויפגאבן, כדי צו שאפן די באדינגונגען פארן אויפבויען דעם פונדאמענט פון דער סאציאליס־טישער עקאנאמיק.

„עס איז ניט גענוג צו זיין א רעוואלוציאנער און אן אנהענגער פון

סאָציאַליזם אָדער א קאָמוניסט בכלל... — זאָגט לענין. — מען דארף קענען געפינען אין יעדן מאָמענט יענעם באזונדערן רינג פון דער קייט, פאר וועלכן מען דארף זיך מיט אלע כוחות אָנכאפּן, כדי אײַנצוהאלטן די גאנצע קייט און צוגרייטן פעסט דעם אריבערגאנג צום פאָלגנדיקן רינג"...

„אינעם געגעבענעם מאָמענט... איז אזא רינג די אויפלעבונג פונעם אי־נערלעכן האנדל בײַ דעם תנאי, אז ער זאָל ריכטיק מלוכהש רעגולירט (געריכטעט) ווערן. דער האנדל — אָט דאָס איז דער „רינג" אין דער היסטאָרישער קייט פון געשעענישן, אין די איבערגאנג־פאָרמען פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויאונג אין די יאָרן 1921—1922, „פאר וועלכן מען דארף זיך מיט אלע כוחות אָנכאפּן"..." (זע ב. XXVII, ז. 82).

אָט דאָס זײַנען די הויפּט־באַדינגונגען, וועלכע זיכערן די ריכ־טיקײַט פון דער טאַקטישער אָנפירונג.

6) רעפאָרמיזם און רעוואָלוציאָניזם. מיט וואָס אונטערשיידט זיך די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק פון דער רעפאָרמיסטישער טאַקטיק?

איינקע מיינען, אז דער לענינזם איז קעגן רעפאָרמעס, קעגן קאָמפּראָמיסן און אויסגלײַכן בכלל. דאָס איז לחלוטין ניט ריכטיק. די באָלשעוויקעס ווייסן ניט ווייניקער, ווי יעדער אנדערער, אז אין א געוויסן זין איז „וואָס מען גיט, איז גוט", אז בײַ געוויסע באַדינ־גונגען זײַנען רעפאָרמעס בכלל, קאָמפּראָמיסן און אויסגלײַכן בפרט — נויטווענדיק און נוצלעך.

„פירן א מלחמה, — זאָגט לענין, — פאר אראָפּוואַרפן די אינטער־נאציאָנאלע בורזשואזיע, א מלחמה, וואָס איז אין הונדערט מאָל שווערער, לאנגדויערנדיקער, קאָמפּליצירטער, ווי די סאמע עקשנותדיקע פון די גע־וויינלעכע מלחמות צווישן מלוכות, און דערבײַ זיך לכתחילה אָפּזאָגן פון לאַווירן, פון אויסנוצן דעם אינטערעסן־ווידערשפּרוך (זאָל זײַן אפילו צײַטווײַליקן) צווישן די שונאים, אָפּזאָגן זיך פון אויסגלײַכערט און קאָמפּראָמיסן מיט מעגלעכע (זאָל זײַן אפילו צײַטווײַליקע, ניט פעס־טע, וואקלדיקע, באַדינגלעכע) פאַרבינדעטע, — איז עס דען ניט א העכסט לעכערלעכע זאַך? איז עס דען ניט ענלעך דערויף, ווי מיר וואָלטן בײַ א שווערן אויפשטײַג אויף א נאָך ניט אויסגעפאָרשטן און ביז אהער ניט צוטריטלעכן בארג לכתחילה זיך אָפּגעזאָגט פון גיין אמאָל מיט זיג־זאגן, אומקערן זיך אמאָל צוריק, אָפּזאָגן זיך פון דער איינמאָל אויסגע־קליבענער ריכטונג און פּרואוון פארשיידענע ריכטונגען?" (זע ב. XXV, ז. 210).

ס'איז קלאָר, אז די זאַך איז ניט אין די עצם רעפאָרמעס אָדער קאָמפּראָמיסן און אויסגלײַכן, נאָר אין דעם געברויך, וואָס מענטשן מאַכן פון רעפאָרמעס און אויסגלײַכן.

פארן רעפארמיסט איז די רעפארם — אלץ, די רעוואלוציאנערע ארבעט ווידער — איז זיך גלאט אזוי, צוליב רייד, אויף צו פארבלענדן די אויגן. דעריבער ווערט ביי דער רעפארמיסטישער טאקטיק אין די באדינגונגען פון עקזיסטענץ פון דער בורזשואזער מאכט די רעפארם אומפארמיידלעך פארוואנדלט אין א געציַיג צו פארפעסטיקן די דאזיקע מאכט, אין א געציַיג צו דעזארגאניזירן די רעוואלוציע.

פארן רעוואלוציאנער איז, פארקערט, די הויפט־זאך — די רעוואלוציאנערע ארבעט און ניט די רעפארם, — פאר אים איז די רעפארם א ביי־פראדוקט פון דער רעוואלוציע. דעריבער ווערט ביי דער רעוואלוציאנערער טאקטיק אין די באדינגונגען פון עקזיסטענץ פון דער בורזשואזער מאכט די רעפארם, נאטירלעך, פארוואנדלט אין א געציַיג צו דעזארגאניזירן די דאזיקע מאכט, אין א געציַיג צו פארפעסטיקן די רעוואלוציע, אין א שטיצפונקט פאר דער וויַיטערדיקער אנטוויקלונג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

דער רעוואלוציאנער נעמט אויף די רעפארם, כדי אויסצונוצן זי ווי אן אנהאלט אויף צונויפפארן די לעגאלע ארבעט מיט דער אומלעגאלער, כדי אויסנוצן זי ווי א צודעק אויף צו פארשטארקן די אומלעגאלע ארבעט מיטן צוועק צוצוגרייטן אויף א רעוואלוציאנערן אופן די מאסן צו אראפוווארפן די בורזשואזיע.

דערין באשטייט דער תוך פונעם אויסנוצן אויף א רעוואלוציאנערן אופן די רעפארמעס און אויסגלַיכן אין די באדינגונגען פונעם אימפעריאליזם.

פארקערט, דער רעפארמיסט נעמט אויף די רעפארם, כדי אפצוזאגן זיך פון יעטווידער אומלעגאלער ארבעט, כדי ארונטערצורַייסן די ארבעט פון צוגרייטן די מאסן צו דער רעוואלוציע און צו בלַייבן רוען אונטער די פליגל פון דער „געשענקטער” רעפארם.

דערין באשטייט דער תוך פון דער רעפארמיסטישער טאקטיק.

אזוי האלט עס מיט רעפארמעס און אויסגלַיכן אין די באדינגונגען פון אימפעריאליזם.

די לאגע ענדערט זיך אבער א ביסל נאך דעם, ווי מען ווארפט אראפ דעם אימפעריאליזם, ביי דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט. ביי געוויסע באדינגונגען, ביי געוויסע אומשטענדן קאן די פראלעטארישע מאכט זַין געצוואונגען צַייטווַיליק אראפצוגיין פונעם וועג פון איבערבויען אויף א רעוואלוציאנערן אופן די עקזיסטירנדיקע פארהעלטענישן און אריבער אויפן וועג פון ביסלעכוַייזן איבערמאכן זיי,

„אויף א רעפאָרמיסטישן וועג", ווי לענין זאָגט אין זײַן באַוואוסטן אַרטיקל „וועגן דער באַדײַטונג פון גאָלד", אויף גיין מיט אומוועגן, אויפן וועג פון רעפאָרמעס און הנחות פאַר די ניט-פּראָלעטאַרישע קלאַסן, כדי צו דעזאָרגאַניזירן די דאָזיקע קלאַסן, געבן דער רעוואָלוציע די מעגלעכקײַט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, אָנצוזאַמלען כוחות און צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר א נײַעם אָנגריף. מען קאָן ניט לייקענען, אַז דער דאָזיקער וועג איז אין א געוויסן זין א „רעפאָרמיסטישער" וועג. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז מיר האָבן דאָ איין קאַרדינאַלע אייגנטימלעכקײַט, וועלכע באַשטייט דערין, וואָס די רעפאָרם קומט אינעם געגעבענעם פאַל פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, פאַרפעסטיקט די פּראָלעטאַרישע מאַכט, גיט איר די נייטיקע אָטעם-פּאַוזע, איז באַרופן צו דעזאָרגאַניזירן ניט די רעוואָלוציע, נאָר די ניט-פּראָלעטאַרישע קלאַסן.

בײַ אַזוינע באַדינגונגען פאַרוואַנדלט זיך די רעפאָרם אַזוי-אַרום אין איר קעגנזאַץ.

דורכפירן אַזאַ פּאָליטיק מצד דער פּראָלעטאַרישער מאַכט ווערט מעגלעך דערפאַר, און נאָר דערפאַר, ווײַל דער שוואונג פון דער רעוואָלוציע איז אינעם פאַרגאַנגענעם פּעריאָד געווען גענוג גרויס, און ער האָט אַזוי-אַרום געגעבן א גענוג ברייטן פּלאַץ, אַז עס זאָל זײַן וווּהין אָפּצוטרעטן, און פאַרבײַטן די טאַקטיק פון אָנגריף אויף דער טאַקטיק פון צײַטווײַליקן צוריקטריט, אויף דער טאַקטיק פון גיין מיט אומוועגן.

אַזוי-אַרום, איז אויב פריִער, בײַ דער בורזשואַזער מאַכט, זײַנען די רעפאָרמעס געווען א בײַ-פּראָדוקט פון דער רעוואָלוציע, איז איצט, בײַ דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, דער קוואַל פון רעפאָרמעס — די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער רעזערוו, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט און וואָס באַשטייט פון די דאָזיקע דעראָבערונגען.

„די פאַרהעלטעניש פון רעפאָרמעס צו רעוואָלוציע, — זאָגט לענין, — איז פּינקטלעך און ריכטיק פעסטגעשטעלט נאָר דורכן מאַרקסיזם, דערבײַ האָט מאַרקס געקאָנט זען די דאָזיקע פאַרהעלטעניש נאָר פון איין זײַט, נעמלעך: אין דער סיטואַציע, וועלכע קומט פאַר דעם ערשטן, וויפל-ניט-איז פעסטן, וויפל-ניט-איז לאַנגדויערנדיקן זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט כאָטשבי אַפילו אין איין לאַנד. בײַ אַזאַ סיטואַציע איז דער יסוד פון דער ריכטיקער פאַרהעלטעניש געווען: די רעפאָרמעס זײַנען א בײַ-פּראָדוקט פונעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן-קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט... נאָכן נצחון פונעם פּראָלעטאַריאַט כאָטשבי אַפילו אין איין לאַנד קומט אויף עטוואָס נײַעס אין דער פאַרהעלטעניש פון רעפאָרמעס צו רעוואָ-

לוציע. פרינציפּוּעל בלײַבט עס דאָס זעלביקע, אָבער לויט דער פאָרם קומט אַן ענדערונג, וועלכע מאַרקס האָט פּערזענלעך ניט געקאָנט פאָראויסזען, וועלכע מען קאָן אָבער באַנעמען נאָר אויפן באָדן פון דער פילאָסאָפיע און פּאָליטיק פונעם מאַרקסיזם... נאָכן נצחון זײַנען זיי (דה. די רעפאָרמעס. י. ס מ.) (וואָס אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב בלײַבן זיי דער זעלבער „בײַ־פּראָדוקט״) פאַרן לאַנד, אין וועלכן דער נצחון איז אָפּגעהאַלטן, א חוץ דעם, א נייטיקע און געזעצלעכע אָטעם־פּאַוזע אין די פאַלן, ווען נאָך דעם, ווי די כוחות זײַנען אויפן מאַקסימאַלסטן אופן אָנגעשטרענגט געוואָרן, קלעקט בפירוש קיין כוחות ניט פאַר רעוואָ־לוציאָנערן אויספילן אזא אָדער אזא מין אריבערגאַנג. דער נצחון גיט אזא „רעזערוו פון כוחות״, אז עס איז פאַראַן מיט וואָס זיך אויפצוהאַלטן אפילו בײַ א געצוואונגענעם צוריקטריט, — זיך אויפהאַלטן אי אין מאַטעריעלן אי אין מאָראַלישן זין״ (זע ב. XXVII, ז. 84—85).

VIII

די פּאַרטיי

אינעם פאַרעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, אינעם פּעריאָד פון דער מער אָדער ווייניקער פרידלעכער אַנטוויקלונג, ווען די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל זײַנען אין דער ארבעטער־באַוועגונג גע־ווען די הערשנדיקע קראַפט, און די פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען פון קאַמף האָבן זיך גערעכנט פאַר די גרונט־פאָרמען, — אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט די פּאַרטיי ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבן יענע ערנסטע און אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג, וואָס זי האָט באַקומען דערנאָך, אין די באַדינגונגען פון אָפענע רעוואָלוציאָנערע געראַנגג־לען. פאַרטיידיקנדיק דעם II אינטערנאַציאָנאַל קעגן אָנפאַלן, זאָגט קאַוטסקי, אז די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל זײַנען אַן אינסטרומענט פון שלום און ניט פון מלחמה, אז דעריבער טאַקע זײַנען זיי ניט בכוח געווען פאַרצונעמען עטוואָס ערנסטעס בשעת דער מלחמה, אינעם פּעריאָד פון די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונ־גען פונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז אַבסאָלוט ריכטיק. אָבער וואָס באַטײַט עס? דאָס באַטײַט, אז די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָ־נאַל טויגן ניט צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, אז זיי זײַנען ניט קיין קאַמפס־פּאַרטייען פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס פירן די אַרבעטער צו דער מאַכט, נאָר א וואַל־אַפּאַראַט, וואָס איז צוגעפּאַסט צו פּאַרלאַמענט־וואַלן און צו פּאַרלאַמענ־טאַרישן קאַמף. דערמיט, אייגנטלעך, דערקלערט זיך טאַקע דער

פאקט, וואָס אינעם פעריאָד, ווען עס האָבן געהערשט די אָפּאָרטוניסטן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, איז די גרונטיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט געווען ניט די פּאַרטיי, נאָר די פּאַרלאַמענט־פראַקציע. עס איז באַקאַנט, אַז פאַקטיש איז די פּאַרטיי אין דעם דאָזיקן פעריאָד געווען אַ צוגאָב און אַ באַדינענדיקער עלעמענט ביי דער פּאַרלאַמענט־פראַקציע. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אַז ביי אַזוינע באַדינגונגען און מיט אַזאַ פּאַרטיי בראָש האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגן דער צוגרייטונג פונעם פּראָלעטאַריאַט צו דער רעוואָלוציע.

די זאַך האָט זיך אָבער ראַדיקאַל געענדערט, ווען עס איז אָנגעקומען דער נייער פעריאָד. דער נייער פעריאָד איז אַ פעריאָד פון אָפענע צוזאַמענשטויסן צווישן די קלאַסן, אַ פעריאָד פון רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַ פעריאָד פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַ פעריאָד פון דירעקטן צוגרייטן די כוחות צום אָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם, צום פאַרכאַפּן די מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער פעריאָד שטעלט פאַרן פּראָלעטאַריאַט נייע אויפגאַבן וועגן איבערבויען די גאַנצע פּאַרטיי־אַרבעט אויף אַ נייעם, רעוואָלוציאָנערן שטייגער, וועגן דערציען די אַרבעטער אין גייסט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער מאַכט, וועגן צוגרייטן און צופירן רעזערוון, וועגן אַ בונד מיט די פּראָלעטאַריער פון די שכנישע לענדער, וועגן איינשטעלן פעסטע פאַרבינדונגען מיט דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער אאַוו. אאַז״וו. מיינען, אַז די דאָזיקע נייע אויפגאַבן קאָנען געלייזט ווערן מיט די כוחות פון די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין די פרידלעכע באַדינגונגען פון פּאַרלאַמענטאַריזם, — הייסט פאַרמשפּטן זיך אויף האָפענונגסלאָזער פאַרצווייפלונג, אויף אַן אומפאַרמיידלעכער מפּלה. האָבנדיק אַזוינע אויפגאַבן אויף די פּלייצעס, פאַרבלייבן מיט די אַלטע פּאַרטייען בראָש — הייסט בלייבן אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער אַנטוואָפענונג. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַזאַ לאַגע.

דערפון שטאַמט די נויטווענדיקייט פון אַ נייער פּאַרטיי, פון אַ קאַמפס־פּאַרטיי, אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, אַזאַ, וואָס זאָל זיין גענוג דרייסט צו פירן די פּראָלעטאַריער צום קאַמף פאַר דער מאַכט, וואָס זאָל זיין גענוג דערפאַרן צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע, און

וואָס זאָל זײַן גענוג בייגעוודיק אויסצומײַדן אַלע און אַלערלײ אונ־טערוואַסער־שטײַנער אויפֿן וועג צום ציל.

אָן אַזאַ פּאַרטיי איז ניטאָ אַפּילו וואָס צו טראַכטן וועגן אַראָפּ־וואַרפֿן דעם אימפּעריאַליזם, וועגן דערגרייכן די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט.

די דאָזיקע נײַע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פֿונעם לעניניזם.

אין וואָס באַשטייען די אייגנטימלעכקייטן פֿון אָט דער נײַער פּאַרטיי?

1) די פּאַרטיי אַלס פֿאָרגעשריטענער אָטריאַד פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. די פּאַרטיי דאַרף זײַן, פֿריִער פֿאַר אַלץ, דער פֿאָרגעשריטענער אָטריאַד פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. די פּאַרטיי דאַרף אַרײַננעמען אין זיך אַלע בעסטע עלעמענטן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, זייער דערפֿאַרונג, זייער רעוואָלוציאָנערקייט, זייער גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. כּדי אָבער ווירקלעך צו זײַן אַ פֿאָרגע־שריטענער אָטריאַד, דאַרף די פּאַרטיי זײַן באַוואָפֿנט מיט אַ רעוואָלו־ציאָנערער טעאָריע, מיטן קענען די געזעצן פֿון דער באַוועגונג, מיטן קענען די געזעצן פֿון דער רעוואָלוציע. אָן דעם איז זי ניט בכּוח אָנצופֿירן מיטן קאַמף פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, פֿירן נאָך זיך דעם פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי קאָן ניט זײַן קיין ווירקלעכע פּאַרטיי, אויב זי באַנוגנט זיך מיט רעגיסטרירן דאָס, וואָס עס לעבט איבער און וואָס עס טראַכט די מאַסע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, אויב זי שלעפּט זיך נאָך אין עק נאָך דער סטיכישער באַוועגונג, אויב זי קען ניט בײַקומען די אינערט־קייט און פּאָליטישע גלײַכגילטיקייט פֿון דער סטיכישער באַוועגונג, אויב זי קען זיך ניט אויפֿהייבן העכער פֿון די מינוט־אינטערעסן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, אויב זי קען ניט אויפֿהייבן די מאַסן ביז צום ניוואָ פֿון באַגרײַפֿן די קלאַסן־אינטערעסן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי דאַרף שטיין פֿאָרויס פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס, זי דאַרף זען ווײַטער פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, זי דאַרף פֿירן נאָך זיך דעם פּראָלעטאַריאַט און ניט נאָכשלעפּן זיך אין עק נאָך דער סטיכישקייט. די פּאַרטייען פֿונעם II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פּריידיקן „עקיזם", זײַנען דורכפֿירער פֿון דער בורזשואַזער פּאָליטיק, וועלכע פֿאַרמשפּט דעם פּראָלעטאַריאַט אויף דער ראָליע פֿון אַ געצײַג אין די הענט פֿון דער בורזשואַזיע. נאָר אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געשטעלט אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון דעם פֿאָרגעשריטענעם אָטריאַד פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און וועלכע איז פֿעיִק אויפֿצוהייבן די מאַסן ביז צום ניוואָ פֿון באַגרײַפֿן די קלאַסן־אינטע־רעסן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, — נאָר אַזאַ פּאַרטיי איז אימשטאַנד

אָפּצוּווענדן דעם אַרבעטער־קלאַס פונעם וועג פון טרעד־יוניאָניזם און פאַרוואַנדלען אים אין אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער קראַפט.

די פּאַרטיי איז דער פּאָליטישער פירער פונעם אַרבעטער־קלאַס.

איך האָב אויבן גערעדט וועגן די שוועריקייטן פונעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס, וועגן דער קאָמפּליצירטקייט פון די אומשטענדן פונעם קאַמף, וועגן דער סטראַטעגיע און טאַקטיק, וועגן רעזערוון און מאַנעווּרירונג, וועגן אָנגריף און צוריקטריט. די דאָזיקע באַדינגונגען זיינען ניט ווייניקער קאָמפּליצירט, אויב ניט מער, ווי מלחמה־באַדינגונגען. ווער קאָן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די דאָזיקע באַדינגונגען, ווער קאָן געבן אַ ריכטיקע אָריענטירונג די מיליאָניקע מאַסן פּראָלעטאַריער? קיין איין אַרמיי אויף דער מלחמה קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ דערפאַרענעם שטאַב, אויב זי וויל זיך ניט פאַרמשפּטן אויף אַ מפּלה. צי דען איז ניט קלאָר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן זיך אודאי און אודאי ניט באַגיין אָן אַזאַ שטאַב, אויב ער וויל זיך ניט איבערגעבן אויפן באַראַט פון זיינע פאַרביסענע שונאים? וואָז איז אָבער דער דאָזיקער שטאַב? אַזאַ שטאַב קאָן זיין נאָר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער אַרבעטער־קלאַס אָן אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי איז אַן אַרמיי אָן אַ שטאַב.

די פּאַרטיי — דאָס איז דער קאַמף־שטאַב פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די פּאַרטיי קאָן אָבער ניט זיין בלויז דער פאָרגעשריטענער אָטריאַד. זי דאַרף גלייכצייטיק זיין אויך אַן אָטריאַד פונעם קלאַס, אַ טייל פונעם קלאַס, וואָס זאָל זיין ענג צוזאַמענגעבונדן מיט אים דורך אַלע וואָרצלען פון איר עקזיסטענץ. דער אונטערשייד צווישן דעם אַוואַנגאַרד און דער איבעריקער מאַסע פונעם אַרבעטער־קלאַס, צווישן די פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע קאָן ניט פאַרשווינדן, כּל־זמן עס וועלן ניט פאַרשווינדן די קלאַסן, כּל־זמן צום פּראָלעטאַריאַט וועלן נאָך אַלץ צוקומען מענטשן, וואָס שטאַמען פון אַנדערע קלאַסן, כּל־זמן דער אַרבעטער־קלאַס אינגאַנצן גענומען וועט ניט האָבן די מעגלעכקייט זיך אויפצוהייבן צו דעם ניוואָ פונעם אַוואַנגאַרד. די פּאַרטיי וואָלט אָבער אויפגעהערט צו זיין אַ פּאַרטיי, ווען דער דאָזיקער אונטערשייד וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן איינריים, ווען זי זאָל זיך פאַרשליסן אין זיך אַליין און זאָל זיך אָפּרייסן פון די אומפּאַרטייאישע מאַסן. די פּאַרטיי קאָן ניט אָנפירן מיטן קלאַס, אויב זי איז ניט פאַרבונדן מיט די אומפּאַרטייאישע מאַסן, אויב עס איז ניטאָ קיין צוזאַמענשלוס צווישן דער פּאַרטיי און די אומפּאַרטייאישע מאַסן, אויב די דאָזיקע מאַסן נעמען ניט אָן איר אָנפירונג,

אויב די פארטיי האט ניט בײַ די מאסן קיין מאראלישן און פאליטישן קרעדיט.

ניט לאנג צוריק זײַנען אין אונדזער פארטיי אנגענומען געווארן צוויי הונדערט טויזנט נײַע מיטגלידער פון צווישן די ארבעטער. מערקווירדיק איז דא דאס, וואס אט די מענטשן זײַנען ניט אזוי אליין געקומען אין דער פארטיי, ווי זיי זײַנען געשיקט געווארן אהין דורך דער גאנצער איבעריקער אומפארטייאישער מאסע, וועלכע האט גענומען אן אקטיוון אנטייל אינעם אויפנעמען די נײַע מיטגלידער און וואס אן איר באווילִיקונג זײַנען קיין נײַע מיטגלידער ניט אנגענומען געווארן. דער דאזיקער פאקט רעדט וועגן דעם, אז די ברייטע מאסן אומפארטייאישע ארבעטער האלטן אונדזער פארטיי פאר זייער פארטיי, פאר א פארטיי א נאענטער און א לײַבלעך אייגענער, וואס אין פארברייטערן און פארפעסטיקן זי זײַנען זיי בלוטיק פאראינטערעסירט און וואס דער אנפירונג אירער פארטרויען זיי פרײַוויליק זייער גורל. עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אז אן די דאזיקע פארבארגענע מאראלישע פעדעם, וואס בינדן צוזאמען די פארטיי מיט די אומפארטייאישע מאסן, וואלט די פארטיי ניט געקאנט ווערן די אנטשיידנדיקע קראפט פון איר קלאס.

די פארטיי איז אן ארגאנישער טייל פונעם ארבעטער־קלאס.

„מיר, — זאגט לענין, — זײַנען די פארטיי פון א קלאס, און דעריבער דארף כמעט דער גאנצער קלאס (און אין מלחמה־צײַטן, אין אן עפאכע פון בירגער־קריג, טאקע אבסאלוט דער גאנצער קלאס) זײַן טעטיק אונטער דער אנפירונג פון אונדזער פארטיי, ער דארף זיך דערנעענטערן צו אונדזער פארטיי ווי ווײַט מעגלעך מער, עס וואלט אבער געווען מאנילאָווטשטשינע און „עקיזם“ צו מיינען, אז כמעט דער גאנצער קלאס אדער דער גאנצער קלאס איז, בײַם קאפיטאליזם, ווען־עס־איז אימשטאנד אויפצוהייבן זיך ביז צו דער באוואוסטזיניקײַט און אקטיווקײַט פון זײַן אוואנגארד, פון זײַן סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. קיין איין פארשטאנדיקער סאציאל־דעמאקראט האט נאך ניט געצווייפלט דערין, אז בײַם קאפיטאליזם איז אפילו די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע (א מער פרימיטיווע, א מער צוטריטלעכע פארן באוואוסטזײַן פון די ניט־אנטוויקלטע שיכטן) ניט אימשטאנד ארומצונעמען כמעט דעם גאנצן אדער דעם גאנצן ארבעטער־קלאס. עס וואלט געהייסן ניט מער, ווי אפנארן זיך, ניט וועלן זען די קאלאסאלקײַט פון אונדזערע אויפגאבן, פארשמעלערן די דאזיקע אויפגאבן, — ווען מיר וואלטן פארגעסן וועגן דעם אונטערשייד צווישן דעם אוואנגארד און די גאנצע מאסן, וואס ציִען צו אים, פארגעסן וועגן דער שטענדיקער פליכט פונעם אוואנגארד אויפצוהייבן אלץ ברייטערע און ברייטערע שיכטן ביז דעם ניוואָ פון דעם דאזיקן אוואנגארד“ (זע ב. VI, ז. 205—206).

2) די פארטיי אלס אָרגאניזירטער אָטריאד פונעם ארבעטער־קלאס. די פארטיי איז ניט בלויז דער אוואנגארד־אָטריאד פונעם ארבעטער־קלאס. אויב זי וויל ווירקלעך אָנפירן מיטן קאמפ פונעם קלאס, דארפ זי גלייכצייטיק זיין אן אָרגאניזירטער אָטריאד פון איר קלאס. די אויפגאבן פון דער פארטיי אין די באדינגונגען פון קאפיטאליזם זיינען אויסערגעוויינלעך גרויס און פארשיידנארטיק. די פארטיי דארפ אָנפירן מיטן קאמפ פונעם פראָלעטאריאט ביי אויסערגעוויינלעך שווערע באדינגונגען פון אינערלעכער און אויסערלעכער אנטוויקלונג, זי דארפ פירן דעם פראָלעטאריאט אין אָנגריפ, ווען די סיטואציע פאָדערט אָנגריפ, זי דארפ ארויספירן דעם פראָלעטאריאט פון אונטערן קלאפ פונעם שטארקן קעגנער, ווען די סיטואציע פאָדערט א צוריקטריט, זי דארפ ארייַנברענגען אין די מיליאָניקע מאסן ניט־אָרגאניזירטע אומפארטייאישע ארבעטער דעם גייסט פון דיסציפלין און פלאנמעסיקייט אינעם קאמפ, דעם גייסט פון אָרגאניזירטקייט און אויסדויער. די פארטיי קאָן אָבער אויספילן די דאָזיקע אויפגאבן נאָר אין דעם פאל, ווען זי איז אליין די פארקערפערונג פון דיסציפלין און אָרגאניזירטקייט, ווען זי איז אליין אן אָרגאניזירטער אָטריאד פונעם פראָלעטאריאט. אָן די דאָזיקע באדינגונגען קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן ווירקלעכער אָנפירונג מצד דער פארטיי מיט די מיליאָניקע מאסן פונעם פראָלעטאריאט.

די פארטיי איז אן אָרגאניזירטער אָטריאד פונעם ארבעטער־קלאס.

דער געדאנק וועגן דער פארטיי, ווי וועגן אן אָרגאניזירט גאנצעס, איז פיקסירט אין לענינס באוואוסטער פאָרמולירונג פונעם ערשטן פונקט פונעם סטאטוט פון אונדזער פארטיי, וואו די פארטיי ווערט באטראכט, ווי א סומע אָרגאניזאציעס, און די מיטגלידער פון דער פארטיי — ווי מיטגלידער פון איינער פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס. די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן דערווידערט קעגן דער דאָזיקער פאָרמולירונג נאָך אין 1903 יאָר, האָבן אָנשטאָט איר פאָרגעלייגט א „סיסטעם" פון זעלבסט־פארדעכענען זיך אין דער פארטיי, א „סיסטעם" פון פארשפרייטן דעם „נאָמען" פארטיי־מיטגליד אויפ יעדן „פראָפעסאָר" און „גימנאזיסט", אויפ יעדן „סימפאטיזירנדיקן" און „שטרייקער", וועלכער שטיצט די פארטיי אזוי אָדער אנדערש, אָבער ער גייט ניט אריין און וויל ניט אריינגיין אין קיין איינער פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אז די דאָזיקע אָריגינעלע „סיסטעם", ווען זי וואָלט זיך פארפעסטיקט אין אונדזער פארטיי, וואָלט זי אומפארמיידלעך געבראכט דערצו, אז די

פארטיי וואלט איבערפולט געווארן מיט פראפעסארן און גימנאזיסטן און זי וואלט דעגענערירט אין א צעשוואומענער, ניט־אויסגעפורעמטער, דעזארגאניזירטער „אויסבילדונג“, וואס פארלירט זיך אינעם „סימפאטיזירנדיקע“, וואס פארווישט די גרענעץ צווישן פארטיי און קלאס און מאכט צונישט די אויפגאבע פון דער פארטיי אויפצוהייבן די ניט־ארגאניזירטע מאסן ביז צום ניווא פונעם אוואנגארד. עס איז גאר ניטא וואס צוריידן, אז ביי אזא אפארטוניסטישער „סיסטעם“ וואלט אונדזער פארטיי ניט געקאנט אויספילן די ראליע פון אן ארגאניזירנדיקן קערן פונעם ארבעטער־קלאס אינעם גאנג פון אונדזער רעוואלוציע.

„פון מארטאווס שטאנדפונקט, — זאגט לענין, — בלייבט די גרענעץ פון דער פארטיי לחלוטין אן אומבאשטימטע, ווייל „יעדער שטרייקער“ קאן „זיך דערקלערן פאר א פארטיי־מיטגליד“. וואס פאר א נוצן קאן זיין פון דער דאזיקער צעשוואומענקייט? א ברייטע פארשפרייטונג פונעם „נאמען“. דער שאדן אירער באשטייט אינעם אריינטראגן די ד ע ז א ר ג א נ י ז י ר נ ד י ק ע אידיי וועגן צונויפמישן קלאס און פארטיי“ (זע ב. VI, ז. 211).

די פארטיי איז אבער ניט בלויז א סומע פון פארטיי־ארגאניזאציעס. די פארטיי איז, צוזאמען דערמיט, אן איינהייטלעכע סיסטעם פון די דאזיקע ארגאניזאציעס, זייער פארמעלע פאראייניקונג אין אן איינהייטלעך גאנצעס, מיט העכערע און נידעריקערע אנפירנדיקע ארגאנען, מיט דער אונטערגעארדנטקייט פון דער מינדערהייט צו דער מערהייט, מיט פראקטישע באשלוסן, וועלכע זיינען אבליגאטאריש פאר אלע פארטיי־מיטגלידער. אן די דאזיקע באדינגונגען איז די פארטיי ניט אימשטאנד צו זיין אן איינהייטלעך ארגאניזירט גאנצעס, וואס זאל פעיק זיין צו פארווירקלעכן די פלאנמעסיקע און ארגאניזירטע אנפירונג מיטן קאמף פונעם ארבעטער־קלאס.

„פ ר י ע ר, — זאגט לענין, — איז אונדזער פארטיי ניט געווען קיין פארמעל ארגאניזירטע גאנצעס, נאר בלויז א סומע פון באזונדערע גרופעס, און דעריבער האבן קיין אנדערע באציאונגען צווישן די דאזיקע גרופעס, אויסער אידייאישער איינווירקונג, גאר ניט געקאנט זיין. א י צ ט זיינען מיר געווארן אן ארגאניזירטע פארטיי, און דאס באטייט טאקע — דאס שאפן א מאכט, דאס פארוואנדלען דעם אויטאריטעט פון אידייען אין אן אויטאריטעט פון מאכט, דאס אונטערארדענען די נידעריקערע פארטיי־אינסטאנצן צו די העכערע“ (זע דארט, ז. 291).

דער פרינציפ פון אונטערגעארדנטקייט פון דער מינדערהייט צו דער מערהייט, דער פרינציפ פון אנפירן מיט דער פארטיי־ארבעט

פון א צענטער רופט ניט זעלטן ארויס אָנפאלן מצד די ניט־שטאנדהאפטיקע עלעמענטן, באשולדיקונגען אין „ביוראָקראטיזם“, „פאָרמאליזם“ אאוו. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אז די פלאנמעסיקע ארבעט פון דער פארטיי, אלס גאנצעס, און די אָנפירונג מיטן קאמף פונעם ארבעטער־קלאס וואָלטן ניט מעגלעך געווען, אויב מען זאָל ניט דורכפירן די דאָזיקע פרינציפן. לעניניזם אין דער אָרגאניזאציאָנעלער פראגע באטייט — אומאָפגייגלעך דורכפירן די דאָזיקע פרינציפן. דעם קאמף קעגן די דאָזיקע פרינציפן רופט לענין „רוסישער ניהיליזם“ און „פריצישער אנארכיזם“, וועלכער פארדינט, אז מען זאָל אים אויסלאכן און אָפשליידערן.

אָט וואָס עס זאָגט לענין וועגן די דאָזיקע ניט־שטאנדהאפטיקע עלעמענטן אין זיין בוך „א טראָט פאָראויס“:

„דעם רוסישן ניהיליסט איז דער דאָזיקער פריצישער אנארכיזם באזונדערס אייגנטימלעך. די פארטיי־אָרגאניזאציע זעט אויס ביי אים אין די אויגן ווי א משונהדיקע „פאבריק“, דאָס, וואָס א טייל ווארפט זיך אונטער דעם גאנצן און די מינדערהייט — דער מערהייט, דוכט זיך אים אויס, אז דאָס איז „פארשקלאפונג“.., די צעטיילונג פון דער ארבעט אונטער דער אָנפירונג פון א צענטער רופט ביי אים ארויס טראגיקאָמישע יללות קעגן פארוואנדלען מענטשן אין „רעדעלעך און שרויפעלעך“..., די דערמאָנונג וועגן דעם אָרגאניזאציאָנעלן סטאטוט פון דער פארטיי רופט ארויס א פאראכטלעכע גרימאסע און א ביטלדיקע.. באמערקונג, אז מען וואָלט געקאָנט אויסקומען גאָר אָן א סטאטוט“.

„עס איז, דוכט זיך, קלאָר, אז די געשרייען וועגן דעם אזוי־גערופענעם ביוראָקראטיזם זיינען פשוט א צודעק פאר דער אומצופרידנקייט מיט דעם פערסאָנעלן באשטאנד פון די צענטערס, א פייגנבלעטל... דו ביסט א ביוראָקראט, ווייל דער צוזאמענפאָר האָט דיך באשטימט ניט אין הסכם מיט מיין ווילן, נאָר טראָץ אים; דו ביסט א פאָרמאליסט, ווייל דו שטיצסט זיך אויף די פאָרמעלע באשלוסן פונעם צוזאמענפאָר און ניט אויף מיין הסכמה; דו האנדלסט גראָב־מעכאניש, ווייל דו פאררופסט זיך אויף דער „מעכאנישער“ מערהייט פונעם פארטיי־צוזאמענפאָר און רעכנסט זיך ניט מיט מיין ווילן צו ווערן קאָאָפטירט; דו ביסט א זעלבסט־הערשער, ווייל דו ווילסט ניט אָפגעבן די מאכט אין די הענט פון דער אלטער, וואוילער קאָמפאניע“ [1] (זע ב. VI, ז. 310 און 287).

---

[1] עס רעדט זיך וועגן דער „קאָמפאניע“ אקסעלראָד, מארטאָוו, פאָטרעסאָוו אא., וועלכע האָבן זיך ניט אונטערגעוואָרפן די באשלוסן פונעם II צוזאמענפאָר און האָבן באשולדיקט לענינען אין „ביוראָקראטיזם“. י. ס ט.

3) די פארטיי אלס העכסטע פאָרם פון קלאסן־אָרגאניזאציע פונעם פראָלעטאריאט. די פארטיי איז אן אָרגאניזירטער אָטריאד פונעם ארבעטער־קלאס. די פארטיי איז אָבער ניט די איינציקע אָרגאניזאציע פונעם ארבעטער־קלאס. דער פראָלעטאריאט האָט נאָך א גאנצע ריי אנדערע אָרגאניזאציעס, אָן וועלכע ער קאָן ניט פירן קיין דערפאָלגרייכן קאמף קעגן קאפיטאל: פראָפעסיאָנעלע פאראייניגן, קאָאָפעראטיוון, פאבריק־זאוואָדישע אָרגאניזאציעס, פארלאמענט־פראקציעס, אומפארטייאישע פרויען־פאראייניקונגען, פרעסע, קולטור־אויפקלערערישע אָרגאניזאציעס, יוגנט־פארבאנדן, רעוואָלוציאָנערע קאמף־אָרגאניזאציעס (בשעת אָפענע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען), סאָוועטן פון דעפוטאטן אלס מלוכהשע פאָרם פון אָרגאניזאציע (אויב דער פראָלעטאריאט שטייט ביי דער מאכט) אאוו. די גוואלדיקע מערהייט פון די דאָזיקע אָרגאניזאציעס זיינען אומפארטייאישע, און נאָר א געוויסער טייל פון זיי שליסט זיך אָן דירעקט אָן דער פארטיי אָדער בילדעט אירע אָפצווייגונג. די אלע אָרגאניזאציעס זיינען ביי באשטימטע באדינגונגען אבסאָלוט נויטווענדיק פארן ארבעטער־קלאס, ווייל אָן זיי איז ניט מעגלעך צו פארפעסטיקן די קלאסן־פאָזיציעס פונעם פראָלעטאריאט אין די פארשיידנארטיקע ספערן פון קאמף, ווייל אָן זיי איז ניט מעגלעך צו פארהארטעווען דעם פראָלעטאריאט אלס קראפט, וואָס איז בארופן צו פארביטן די בורזשואזע אָרדענונג אויף א סאָציאַליסטישער. ווי אזוי קאָן מען אָבער פארווירקלעכן אן איינהייטלעכע אָנפירונג ביי אזא גרויסער צאָל אָרגאניזאציעס? וואו איז די גאראנטיע, אז דאָס פאראנענזיין פון א סך אָרגאניזאציעס וועט ניט ברענגען צו קיין מישמאש אין דער אָנפירונג? מען קאָן זאָגן, אז יעדע פון די דאָזיקע אָרגאניזאציעס פירט אן ארבעט אין איר אָפגעזונדערטער ספער און אז זיי קאָנען דעריבער ניט שטערן איינע דער אנדערער. דאָס איז, פארשטייט זיך, ריכטיק. ריכטיק איז אָבער אויך, אז די אלע אָרגאניזאציעס דארפן פירן די ארבעט אין איין ריכטונג, ווייל זיי באדינען איין קלאס, דעם קלאס פראָלעטאריער. פרעגט זיך: ווער באשטימט די ליניע, די אלגעמיינע ריכטונג, לויט וועלכער עס דארפן פירן זייער ארבעט די אלע אָרגאניזאציעס? וואו איז יענע צענטראלע אָרגאניזאציע, וואָס פארמאָגט די נייטיקע דערפארונג און דעריבער איז זי ניט בלויז פעיק אויסצוארבעטן אָט די אלגעמיינע ליניע, נאָר האָבנדיק דעם נייטיקן אויטאָריטעט דערצו, האָט זי אויך די מעגלעכקייט צו באוועגן די אלע אָרגאניזאציעס, אז זיי זאָלן דורכפירן אין לעבן

די דאָזיקע ליניע, כדי צו דערשלאָגן זיך אייגהייט אין דער אָנפירונג און אויסשליסן די מעגלעכקייט פון ניט־רעגלמעסיקער ארבעט?

אזא אָרגאניזאציע איז די פּארטיי פונעם פּראָלעטאריאט.

די פּארטיי האָט דערצו אַלע, וואָס נייטיק איז, דערפאר, ערשטנס, ווייל די פּארטיי איז דער זאמל־פונקט פון די בעסטע עלעמענטן פונעם ארבעטער־קלאס, וואָס האָבן דירעקטע פארבינדונגען מיט די אומפּארטייאישע אָרגאניזאציעס פונעם פּראָלעטאריאט און וואָס זייער אָפט פירן זיי מיט זיי אָן; דערפאר, צווייטנס, ווייל די פּארטיי, אלס זאמל־פונקט פון די בעסטע מענטשן פונעם ארבעטער־קלאס, איז די בעסטע שול אויף צוצוגרייטן לידערס פונעם ארבעטער־קלאס, וועלכע זאָלן זיין אימשטאנד אָנצופירן מיט אַלע פאָרמען פון אָרגאַניזאציע פון זייער קלאס; דערפאר, דריטנס, ווייל די פּארטיי, אלס די בעסטע שול פון לידערס פונעם ארבעטער־קלאס, איז לויט איר דערפארונג און אויטאָריטעט די איינציקע אָרגאניזאציע, וועלכע איז אימשטאנד צו צענטראליזירן די אָנפירונג מיטן קאמף פונעם פּראָ־לעטאריאט און פארוואנדלען אזוי־ארום די אַלע און אַלערליי אומפּארטייאישע אָרגאניזאציעס פונעם ארבעטער־קלאס אין באדי־נענדיקע אָרגאנען און טראנס־רימענס, וועלכע פאראייניקן די פּארטיי מיטן קלאס.

די פּארטיי איז די העכסטע פאָרם פון קלאסן־אָרגאניזאציע פונעם פּראָלעטאריאט.

דאָס הייסט, פארשטייט זיך, ניט, אז די אומפּארטייאישע אָרגאַ־ניזאציעס, די פּראָפפאראיינען, קאָאָפּעראטיוון אאַוו., מוזן פאָרמעל זיין אונטערגעוואָרפן דער פּארטייאישער אָנפירונג. עס האנדלט זיך נאָר וועגן דעם, אז די פּארטיי־מיטגלידער, וועלכע געהערן צו די דאָ־זיקע אָרגאניזאציעס, זאָלן, אלס מענטשן, אָן ספק, איינפלוסרייכע, אָננעמען אַלע איבערצייגונגס־מיטלען, אז די אומפּארטייאישע אָרגאַני־זאציעס זאָלן אין זייער ארבעט זיך דערנעענטערן צו דער פּארטיי פונעם פּראָלעטאריאט און זאָלן פריוויליק אָננעמען איר פּאָליטישע אָנפירונג.

אָט פארוואָס לענין זאָגט, אז די פּארטיי איז „די העכסטע פאָרם פון קלאסן־פאראייניקונג פון די פּראָלעטאריער", וואָס איר פּאָליטי־שע אָנפירונג מוז פארשפרייט ווערן אויף אַלע אנדערע פאָרמען פון אָרגאניזאציע פונעם פּראָלעטאריאט (זע ב. XXV, ז. 194).

אָט פארוואָס די אָפּאָרטוניסטישע טעאָריע וועגן דער „אומאָפּ־הענגיקייט" און „נייטראלקייט" פון די אומפּארטייאישע אָרגאניזא־ציעס, וועלכע פּראָפּעט אומאָפּהענגיקע פּארלאמענטאריער און פון

דער פּאַרטיי אָפּגעריסענע פּרעסע־טוער, שמאָל־קעפּיקע פּראָפעסיאָנאַליסטן און פּאַרבעל־הביתלטע קאָאָפּעראַטאָרן, — איז אבסאָלוט ניט פאַראייניבאַר מיט דער טעאָריע און פּראַקטיק פונעם לעניניזם.

4) די פּאַרטיי אַלס געצייג פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די פּאַרטיי איז די העכסטע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי איז דער גרונטיקער אָנפירנדיקער עלעמענט אינווייניק אינעם קלאַס פּראָלעטאַריער און צווישן די אָרגאַניזאַציעס פון דעם דאָזיקן קלאַס. דערפון איז אָבער כלל ניט געדרונגען, אז די פּאַרטיי קאָן מען באַטראַכטן, ווי א זעלבסט־ציל, ווי א יש אן און פאַר זיך. די פּאַרטיי איז ניט בלויז די העכסטע פאָרם פון קלאַסן־פאַראייניקונג פון די פּראָלעטאַריער, — זי איז צוזאַמען דערמיט א געצייג אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט אויף צו דעראָבערן די דיקטאַטור, ווען זי איז נאָך ניט דעראָבערט, אויף צו פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן די דיקטאַטור, ווען זי איז שוין דעראָבערט. די פּאַרטיי וואָלט זיך ניט געקאָנט אויפהייבן אזוי הויך אין איר באַדייטונג און זי וואָלט ניט געקאָנט דעקן מיט זיך אַלע איבעריקע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט ניט געשטאַנען פאַר דער פראַגע וועגן מאַכט, ווען די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם, די אומפאַרמיידלעכקייט פון מלחמות, די אַנוועזנהייט פון א קריזיס וואָלטן ניט געפאָדערט צו קאָנצענטרירן אַלע כוחות פונעם פּראָלעטאַריאַט אין איין פּונקט, צוזאַמענצונעמען אַלע פעדעם פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין איין אָרט, כדי אַראָפּצוואַרפן די בורזשואַזיע און צו דעראָבערן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי איז נייטיק דעם פּראָלעטאַריאַט פריער פאַר אַלץ אַלס זיין קאַמף־שטאַב, וועלכן ער מוז האָבן, כדי מיט דערפאָלג צו פאַרכאַפּן די מאַכט. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אז אָן א פּאַרטיי, וועלכע איז אימשטאַנד צונויפצוזאַמלען ארום זיך די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט און צענטראַליזירן אינעם גאַנג פון קאַמף די אָנפירונג מיט דער גאַנצער באַוועגונג, וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן זיין רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור.

די פּאַרטיי איז אָבער נייטיק דעם פּראָלעטאַריאַט ניט נאָר אויף צו דעראָבערן די דיקטאַטור, זי איז אים נאָך מער נייטיק אויף איינצוהאַלטן די דיקטאַטור, פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן זי אין די אינטערעסן פונעם פולשטענדיקן נצחון פון סאָציאַליזם.

„געווים זעט שוין איצט כמעט יעדערער, — זאָגט לענין, — אז די באָלשעוויקעס וואָלטן זיך ניט אײַנגעהאַלטן בײַ דער מאכט ניט נאָר קיין 2½ יאָר, נאָר אפילו קיין 2½ חדשים, ווען ניט די שטרענגסטע, באמת אײַזערנע דיסציפלין אין אונדזער פּאַרטיי, ווען זי וואָלט ניט געהאַט די פולסטע און מסירת־נפשדיקע שטיצע מצד דער גאַנצער מאַסע פונעם אַרבעטער־קלאַס, דה. מצד אַלץ, וואָס עס איז פאַראַן אין אים דענקענדיקס, ערלעכס, אָפּפערוויליקס, אײַנפלוסרײַכס, פעיִקס צו פירן נאָך זיך אָדער מיטרײַסן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן" (זע ב. XXV, ז. 173).

וואָס הייסט אָבער „אײַנהאַלטן" און „פאַרברייטערן" די דיקטאַטור? דאָס הייסט — אַרײַנברענגען אין די מיליאָניקע מאַסן פּראָלעטאַריער דעם גײַסט פון דיסציפּלין און אָרגאַניזירטקײַט; דאָס הייסט — שאַפן אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן אַ באַפעסטיקונג און אַ שוץ קעגן די צעפרעסנדיקע ווירקונגען פון דער קליינבירגערלעכער סטיכיע און פון די קליינבירגערלעכע געוואוינהייטן; דאָס הייסט — פאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט פון די פּראָלעטאַריער אויפן געביט פון איבערדערציִען און איבערמאַכן די קליינבירגערלעכע שיכטן; דאָס הייסט — העלפן די פּראָלעטאַרישע מאַסן צו דערציִען זיך, אַלס קראַפט, וועלכע איז אימשטאַנד צו פאַרניכטן די קלאַסן און צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע. דורכמאַכן דאָס אַלץ איז אָבער אוממעגלעך אָן אַ פּאַרטיי, וואָס איז שטאַרק מיט איר באַהעפטקײַט און דיסציפּלין.

„די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, — זאָגט לענין, — איז אַ האַרטנעקיקער קאַמף, אַ בלוטיקער און אַ בלוטלאָזער, אַ גוואַלדזאַמער און אַ פרידלעכער, אַ מיליטערישער און אַ ווירטשאַפטלעכער, אַ פּעדאַגאָגישער און אַן אַדמיניסטראַטאָרישער, קעגן די קרעפטן און טראַדיציעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט. די קראַפט פון געוואוינהייט פון מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען — דאָס איז די סאַמע שרעקלעכע קראַפט. אָן אַ פּאַרטיי, אַן אײַזערנער און פאַרהאַרטעוועטער אין קאַמף, אָן אַ פּאַרטיי, וועלכע געניסט דעם צוטרוי פון אַלץ, וואָס איז ערלעך אינעם געגעבענעם קלאַס, אָן אַ פּאַרטיי, וועלכע קען נאָכשפּירן נאָך דער שטימונג פון דער מאַסע און ווירקן אויף דער דאָזיקער שטימונג, איז פירן דערפאָלגרײַך אַזאַ קאַמף אוממעגלעך" (זע ב. XXV, ז. 190).

די פּאַרטיי איז נייטיק דעם פּראָלעטאַריאַט, כדי צו דעראָבערן און אײַנהאַלטן די דיקטאַטור. די פּאַרטיי איז אַ געצײַג פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז מיטן פאַרשווינדן פון די קלאַסן, מיטן אָפּשטאַרבן פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט דאַרף אָפּשטאַרבן אויך די פּאַרטיי.

5) די פּאַרטיי אַלס איינהייט פון ווילן, וועלכע איז ניט פאַראייגבאר מיט דער עקזיסטענץ פון פראַקציעס. דערּאַבערן און אײַנהאַלטן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז ניט מעגלעך אָן א פּאַרטיי, וועלכע איז שטאַרק מיט איר באַהעפטקייט און אײַזערנער דיסציפּלין. אָבער אן אײַזערנע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי קאָן ניט געמאָלט זײַן אָן דער איינהייט פונעם ווילן, אָן דער פולער און אומבאַדינגטער איינהייט פון טאַט פון אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער. דאָס הייסט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט אַליין ווערט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פון א מיינונגען־קאַמף אינעווייניק אין דער פּאַרטיי. פאַרקערט, די אײַזערנע דיסציפּלין שליסט ניט אויס, נאָר זי זעצט פאָראויס קריטיק און מיינונגען־קאַמף אינעווייניק אין דער פּאַרטיי. נאָך מער באַטײַט עס ניט, אַז די דיסציפּלין דאַרף זײַן א „בלינדע“. פאַרקערט, די אײַזערנע דיסציפּלין שליסט ניט אויס, נאָר זי זעצט פאָראויס א באַוואוסטזיניק און פרײַוויליק אונטערוואַרפן זיך, ווײַל נאָר א באַוואוסטזיניקע דיסציפּלין קאָן זײַן ווירקלעך אן אײַזערנע דיסציפּלין. אָבער נאָך דעם, ווי דער מיינונגען־קאַמף איז פאַרענדיקט, די קריטיק איז אויסגעשעפּט און דער באַשלוס איז אָנגענומען, איז די איינהייט פון ווילן און די איינהייט פון טאַט פון אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער יענער נויטווענדיקער באַדינג, וואָס אָן אים קאָן ניט געמאָלט זײַן ניט קיין איינהייטלעכע פּאַרטיי, ניט קיין אײַזערנע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי.

„אין דער איצטיקער עפּאָכע פון פאַרשאַרפטן בירגער־קריג, — זאָגט לענין, — וועט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קאָנען אויספילן איר חוב נאָר אין דעם פאַל, אויב זי וועט אָרגאַניזירט זײַן אויפן סאַמע צענטראַליסטישן אופן, אויב אין איר וועט הערשן אן אײַזערנע דיסציפּלין, וועלכע גרענעצט מיט מיליטערישער דיסציפּלין, און אויב איר פּאַרטיי־צענטער וועט זײַן א מאַכטפולער אויטאָריטעטער אָרגאַן מיט ברייטע פולמאַכטן, אַזאַ, וואָס האָט דעם אַלגעמיינעם צוטרוי פון די פּאַרטיי־מיטגלידער“ (זע ב. XXV, ז. 282—283).

אַזוי האַלט עס מיט דער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי אין די באַדינגונגען פון קאַמף איידער עס איז דערּאָבערט די דיקטאַטור.

דאָס זעלבע, אָבער נאָך אין א גרעסערער מאָס, דאַרף מען זאָגן וועגן דער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי נאָכן דערּאָבערן די דיקטאַטור.

„ווער עס שוואַכט אָפּ כאָטש וויפל־ניט־איז, — זאָגט לענין, — די אײַזערנע דיסציפּלין פון דער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט (באַזונדערס אין דער צײַט פון זײַן דיקטאַטור), דער העלפט פאַקטיש דער בורזשואַזיע קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט“ (זע ב. XXV, ז. 190).

דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז די עקזיסטענץ פון פראַקציעס

איז ניט פאראייינבאר ניט מיט דער אייינהייט פון דער פארטיי, ניט מיט איר אייזערנער דיסציפלין. עס איז קוים נייטיק צו דערווייזן, אז דאס פאראנענזיין פון פראקציעס פירט צו דער עקזיסטענץ פון עטלעכע צענטערס, די עקזיסטענץ ווידער פון עטלעכע צענטערס באטייט, אז עס איז ניטא קיין אלגעמיינער צענטער אין דער פארטיי, באטייט א צעברעקלונג פונעם אייינהייטלעכן ווילן, אן אפשוואכונג און צעפאלונג פון דער דיסציפלין, אן אפשוואכונג און צעפאלונג פון דער דיקטאטור. פארשטייט זיך, די פארטייען פון II אינטערנאציאנאל, וועלכע קעמפן קעגן דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט און ווילן ניט פירן די פראלעטאריער צו דער מאכט, קאנען זיך דערלויבן אזא ליבעראליזם, ווי פרייהייט פון פראקציעס, ווייל זיי נייטיקן זיך גאר ניט אין קיין אייזערנער דיסציפלין. אבער די פארטייען פונעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל, וועלכע בויען זייער ארבעט אויפן גרונט פון די אויפגאבן צו דעראבערן און פארפעסטיקן די דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט, קאנען ניט איינגיין ניט אויף קיין „ליבעראליזם", ניט אויף קיין פרייהייט פון פראקציעס.

די פארטיי איז אן אייינהייט פון ווילן, וועלכע שליסט אוים יעטווידע פראקציאנעלקייט און צעברעקלונג פון דער מאכט אין דער פארטיי.

דערפון נעמט זיך לעני׳נס ארויסזאגונג וועגן דער „געפערלעכקייט פון פראקציאנעלקייט פונעם שטאנדפונקט פון פארטיי־אייינהייט און פון פארווירקלעכן די אייינהייט פונעם ווילן פונעם אוואנגארד פון פראלעטאריאט אלס גרונט־באדינג פארן דערפאלג פון דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט", אן ארויסזאגונג, וואס איז פארפיקסירט געווארן אין דער ספעציעלער רעזאלוציע פונעם X צוזאמענפאר פון אונדזער פארטיי „וועגן פארטיי־אייינהייט".

דערפון נעמט זיך לעני׳נס פאדערונג וועגן „פולשטענדיקן פארניכטן יעטווידע פראקציאנעלקייט" און „תיכף פאנאנדערלאזן אלע אן אויסנאם גרופעס, וועלכע האבן זיך אויסגעבילדעט אויף דער אדער יענער פלאטפארם", אונטער דער דראאונג „אומבאדינגט און תיכף אויסצושליסן פון דער פארטיי" (זע רעזאלוציע „וועגן פארטיי־אייינהייט").

6) די פארטיי ווערט פארשטארקט דורך דעם, וואס זי רייניקט זיך אפ פון אפארטוניסטישע עלעמענטן. דער קוואל פון פראקציאנעלקייט אין דער פארטיי זיינען אירע אפארטוניסטישע עלעמענטן. דער פראלעטאריאט איז ניט קיין אפגעשלאסענער קלאס. צו אים קומען

צו אַן אויפהער מענטשן, וואָס שטאַמען פון פויערים, קליינבירגער, אינטעליגענץ, וועלכע זיינען פּראָלעטאַריזירט געוואָרן דורך דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם. גלייכצייטיק קומט פאָר אַ דעמאָראַליזירונג־פּראָצעס אין די אויבערשטע שיכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט, הויפּטזאַכלעך צווישן די פּראָפעסיאָנאַליסטן און פּאַרלאַמענטאַריער, וועלכע ווערן אונטערגעהאָדעוועט דורך דער בורזשואַזיע אויפן חשבון פונעם קאָלאָניאַלן איבער־ריוח. „דער דאָזיקער שיכט פאַרבורזשואַזעוועטע ארבעטער, — זאָגט לענין, — אָדער „ארבעטער־אַריסטאָקראַטיע", אינגאַנצן בעל־הביתלדיקע לויטן אַרט לעבן, לויט דער גרייס פון די פאַרדינסטן, לויט זייער גאַנצער וועלט־אָנשויאונג, — איז דער הויפּט־אָנשפּאַר פון II אינטערנאַציאָנאַל, און אין אונדזער צייט — דער סאָציאַלער (ניט מיליטערישער) הויפּט־אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע. ווייל דאָס זיינען אמתע אַגענטן פון דער בורזשואַזיע אין דער ארבעטער־באַוועגונג, ארבעטער־משרתים פונעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן..., אמתע דורכפירער פונעם רעפאָרמיזם און שאָוויניזם" (זע ב. XIX, ז. 77).

אָט די אַלע קליינבירגערלעכע גרופּעס דרינגען אַזוי אָדער אַנדערש אַריין אין דער פּאַרטיי, אַריינברענגענדיק אַהין דעם גייסט פון וואַקלעניש און אָפּאָרטוניזם, דעם גייסט פון דעמאָראַליזאַציע און אומזיכערקייט. זיי זיינען עס, הויפּטזאַכלעך, דער קוואַל פון פראַקציאָנעלקייט און צעפּאַלונג, דער קוואַל פון דעזאָרגאַניזירונג און פון אויפרייסן די פּאַרטיי פון אינוויייניק. מלחמה האַלטן קעגן דעם אימפּעריאַליזם, האָבנדיק אין הינטער־לאַנד אַזוינע „פאַרבינדעטע", — הייסט אַריינפאַלן אין דער לאַגע פון מענטשן, וועלכע ווערן באַשאָסן פון צוויי זייטן, — פון פאָרנט און פון הינטן. דעריבער איז דער אָנרחמנותדיקער קאַמף קעגן אַזעלכע עלעמענטן, דאָס פאַרטרייבן זיי פון דער פּאַרטיי — אַ פאָרבאַדינג פאַרן דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם.

די טעאָריע פון „ביַיקומען" די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן דורך אַן אידייאישן קאַמף אינוויייניק אין דער פּאַרטיי, די טעאָריע פון „אויסהאָבן" די דאָזיקע עלעמענטן אין די ראַמען פון איין פּאַרטיי איז אַ פאַרפוילטע און געפערלעכע טעאָריע, וועלכע דראָט צו פאַרמשפּטן די פּאַרטיי צו זיין פּאַראַליזירט און כראָניש קרענקלעך, זי דראָט אָפּצוגעבן די פּאַרטיי אין די הענט פון אָפּאָרטוניזם, זי דראָט צו לאָזן דעם פּראָלעטאַריאַט אָן אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, זי דראָט אָפּצונעמען ביים פּראָלעטאַריאַט דאָס הויפּט־געווער אינעם קאַמף קעגן

דעם אימפעריאליזם. אונדזער פארטיי וואלט ניט געקאנט ארויסגיין אויף א ברייטן וועג, זי וואלט ניט געקאנט נעמען די מאכט און ארגאניזירן די דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט, זי וואלט ניט געקאנט ארויס פונעם בירגער־קריג ווי א זיגערן, ווען זי וואלט געהאט אין אירע רייען די מארטאווס און דאנס, די פאטרעסאווס און אקסעלראדס. אויב אונדזער פארטיי האט זיך אײַנגעגעבן צו שאפן בײַ זיך אינערלעכע איינהייט און אומגעוויינלעכע באהעפטקייט פון אירע רייען, איז עס, פריער פון אלץ, דערפאר, ווײַל זי איז אימשטאנד געווען באצײַטנס אפצורייניקן זיך פון דער טומאה פונעם אפארטוניזם, זי האט באוויזן ארויסצוטרײַבן פון דער פארטיי די ליקווידאטארס און מענשעוויקעס. דער וועג פון אנטוויקלען און פארפעסטיקן די פראלעטארישע פארטייען גייט דורכן אפרייניקן זיי פון אפארטוניסטן און רעפארמיסטן, פון סאציאל־אימפעריאליסטן און סאציאל־שאוויניסטן, סאציאל־פאטריאטן און סאציאל־פאציפיסטן.

די פארטיי ווערט פארשטארקט דורך דעם, וואס זי רייניקט זיך אפ פון אפארטוניסטישע עלעמענטן.

„האבנדיק בײַ זיך אין די רייען רעפארמיסטן, מענשעוויקעס, — זאגט לענין, — *קאן מען ניט* זיגן אין דער פראלעטארישער רעוואלוציע, *קאן מען זי ניט* באשיצן. דאס איז פרינציפיעל קלאר. דאס איז אנשוילעך באשטעטיקט געווארן דורך דער דערפארונג אי פון רוסלאנד אי פון אונגארן... אין רוסלאנד זײַנען *פיל מאל* געווען שווערע לאגעס, בײַ וועלכע עס וואלט אויף *געוויס* אראפגעווארפן געווארן דער סאוועטישער רעזשים, ווען די מענשעוויקעס, רעפארמיסטן, קליינבירגערלעכע דעמאקראטן וואלטן פארבליבן אינעווייניק אין אונדזער פארטיי... אין איטאליע גייט עס, לויט דער אלגעמיינער אנערקענונג, צו אנטשיידנדיקע שלאכטן צווישן דעם פראלעטאריאט און דער בורזשואזיע פאר באהערשן די מלוכה־מאכט. אין אזא מאמענט איז ניט נאר אומבאדינגט נייטיק צו באזײַטיקן פון דער פארטיי די מענשעוויקעס, רעפארמיסטן, טוראטיאנער, נאר עס קאן זיך אפילו אויך ארויסווײַזן פאר נוצלעך צו באזײַטיקן אויסגעצייכנטע קאמוניסטן, וועלכע זײַנען אימשטאנד צו וואקלען זיך און וועלכע ווײַזן ארויס וואקלונגען אין דער ריכטונג פון „איינהייט“ מיט די רעפארמיסטן, — באזײַטיקן זיי פון אלע פאראנטווארטלעכע פאסטנס... ערב דער רעוואלוציע און אין די מאמענטן פון סאמע פארביטערטן קאמף פאר איר נצחון זײַנען די מינדסטע וואקלונגען אינעווייניק אין דער פארטיי אימשטאנד *אומצוברענגען אלץ*, ארונטערצורײַסן די רעוואלוציע, ארויסרײַסן די מאכט פון די הענט פונעם פראלעטאריאט, ווײַל די דאזיקע מאכט איז נאך ניט פעסט, ווײַל דער אנדראנג אויף איר איז נאך צו שטארק. אויב די וואקלדיקע פירער גייען אפ אין אזא צײַט, שוואכט עס ניט אפ, נאר עס פארשטארקט אי די פארטיי, אי די ארבעטער־באוועגונג, אי די רעוואלוציע“ (זע ב. XXV, ז. 462, 463, 464).

IX

דער סטיל אין דער ארבעט

עס רעדט זיך ניט וועגן ליטעראַרישן סטיל. איך מיין דעם סטיל אין דער ארבעט, אַט דאָס ספּעציפישע און אייגנאַרטיקע אין דער פּראַקטיק פונעם לעניניזם, וואָס שאַפט דעם ספּעציפישן טיפּ פון א לענינעץ א טוער. דער לעניניזם איז א טעאָרעטישע און פּראַקטישע שול, וועלכע בילדעט אויס א ספּעציפישן טיפּ פּאַרטייאישן און מלוכהשן טוער, וועלכע שאַפט א ספּעציפישן, לענינישן סטיל אין דער אַרבעט.

אין וואָס באַשטייען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם דאָזיקן סטיל? וועלכע זיינען עס זיינע אייגנטימלעכקייטן?

אזעלכע אייגנטימלעכקייטן זיינען פאַראַן צוויי:

א) דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער שוואונג און

ב) די אַמעריקאַנישע זאַכלעכקייט.

דער סטיל פונעם לעניניזם באַשטייט אין דער פאַראייניקונג פון די דאָזיקע צוויי אייגנטימלעכקייטן אין דער פּאַרטייאישער און מלוכהשער אַרבעט.

דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער שוואונג איז א קעגנגיפט קעגן אינערטקייט, רוטינע, קאָנסערוואַטיזם, פאַרגליווערטקייט פון געדאַנק, שקלאַפישער באַציאונג צו די אַלטפאָטערישע טראַדיציעס. דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער שוואונג — דאָס איז יענע באַלעבנדיקע קראַפט, וועלכע וועקט דעם געדאַנק, שטויסט פאָרויס, ברעכט דאָס אַלטע, גיט א פּערספּעקטיוו. אָן אים איז ניט מעגלעך קיין שום באַוועגונג פאָרויס.

דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער שוואונג האָט אָבער אַלע שאַנסן אין דער פּראַקטיק צו דעגענערירן אין פוסטער „רעוואָלוציאָנערער" מאַנילאָווישטשינע, אויב מען זאָל אים ניט פאַראייניקן מיט דער אַמעריקאַנישער זאַכלעכקייט אין דער אַרבעט. ביישפּילן פון אַזא דעגענערירונג איז פאַראַן אָן א שיעור. ווער עס איז ניט באַקאַנט די קרענק פון „רעוואָלוציאָנערער" פּאַרפאַסעריי און „רעוואָלוציאָנערער" פּלאַן־מאַכעריי, וואָס דער קוואַל דערפון איז דער גלויבן אין דער קראַפט פונעם דעקרעט, וועלכער איז בכוח אַלץ איינצואָרדענען און אַלץ איבערצומאַכן? איינער פון די רוסישע שרייבער, אי. ערענבורג, האָט אין א

דערציילונג „אוסקאָמטשעל" (פאַרקירצונג פון Усовершенствованный коммунистический человек — פאַרפולקומטער קאָמוניסטישער מענטש) געשילדערט אַ טיפּ פון אַ „באָלשעוויק", וואָס לײַדט אויף אַזאַ קרענק און וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אָנצוּוואַרפן אַ סכעמע פון אַן אידעאַל־פאַרפולקומטן מענטשן און... איז „פאַרזונקען געוואָרן" אין דער דאָזיקער „אַרבעט". אין דער דערציילונג איז אַ סך איבערגעטריבן, אָבער אַז ער כאַפּט ריכטיק אויף די קרענק, — דאָס איז אויסער ספק. קיינער האָט אָבער, דאַכט זיך, פון אַזוינע קראַנקע ניט חוזק געמאַכט אַזוי בייז און אָן רחמנות, ווי לענין. „קאָמוניסטישע גאווה" — אַזוי האָט ער טרעטירט דעם דאָזיקן קרענקלעכן גלויבן אין פאַרפאַסערײַ און דעקרעטן־מאַכערײַ.

„קאָמוניסטישע גאווה הייסט דאָס, — זאָגט לענין, — וואָס אַ מענטש, וועלכער איז אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איז נאָך פון דאָרט ניט אויסגערייניקט געוואָרן, רעדט זיך אײַן, אַז אַלע זײַנע אויפגאַבן קאָן ער לייזן דורך קאָמוניסטישן דעקרעטירן" (זע ב. XXVII, ז. 50—51).

דער „רעוואָלוציאָנערער" פראַזן־טרײַבערײַ פלעגט לענין געווינלעך אַנטקעגנשטעלן פּשוטע און וואָכעדיקע אַרבעט, אונטערשטרײַכנדיק דערמיט, אַז „רעוואָלוציאָנערע" פאַרפאַסערײַ איז דערווידער אי דעם גײַסט אי דעם בוכשטאַב פונעם עכטן לעניניזם.

„וואָס ווייניקער פּאָמפּעזע פראַזעס, — זאָגט לענין, — וואָס מער פּשוטע, וו אָ כ ע ד י ק ע, אַרבעט...".

„וואָס ווייניקער פּאָליטישן טאַראַראַם, וואָס מער אויפמערקזאַמקייט צו די סאַמע פּשוטע, אָבער לעבעדיקע... פאַקטן פון דער קאָמוניסטישער בויאונג..." (זע ב. XXIV, ז. 343 און 335).

די אַמעריקאַנישע זאַכלעכקייט איז, פאַרקערט, אַ קעגנגיפט קעגן דער „רעוואָלוציאָנערער" מאַנילאָווטשינע און פאַנטאַסטישער פאַרפאַסערײַ. די אַמעריקאַנישע זאַכלעכקייט — דאָס איז יענע ניט־געצווימטע קראַפט, וועלכע ווייסט ניט און אָנערקענט ניט קיין באַריערן, וועלכע צעשוועכט מיט איר זאַכלעכער עקשנות אַלע און אַלערליי שטערונגען, וועלכע קאָן נישט ניט דערפירן ביזן סוף אַן אָנגעהויבענע זאַך, אויב דאָס איז אַפילו ניט קיין גרויסע זאַך, און אָן וועלכער עס קאָן ניט געמאָלט זײַן קיין ערנסטע בוי־אַרבעט.

די אַמעריקאַנישע זאַכלעכקייט האָט אָבער אַלע שאַנסן צו דעגענערירן אין שמאָלער און פּרינציפּלאָזער געשעפט־מאַכערײַ, אויב מען זאָל זי ניט פאַראייניקן מיטן רוסישן רעוואָלוציאָנערן שוואונג. ווען איז

רען ניט באקאנט די קרענק פון שמאלן פראקטיציזם און פרינציפלאזער געשעפט־מאכעריי, וועלכע דערפירן ניט־זעלטן אייניקע „באלשעוויקעס״ צו איבערגעבורט און צום אפגיין פון דער רעוואלוציע? אט די אייגנארטיקע קרענק האט באקומען איר אפשפיגלונג אין דער דערציילונג פון ב. פילניאק „דאס הוילע יאר״, וואו עס ווערן געשילדערט טיפן פון רוסישע „באלשעוויקעס״, וועלכע זיינען פול מיט ווילן און פראקטישער אנטשלאסנקייט, וועלכע „פונקצירן״ גאנץ „ענערגיש״, אבער זיי פארמאגן ניט קיין פערספעקטיוו, זיי ווייסן ניט „וואו איין און וואו אויס״ און שלאגן זיך דעריבער אראפ פונעם וועג פון רעוואלוציאנערער ארבעט. קיינער האט אזוי בייסיק ניט חוזק געמאכט פון דער דאזיקער געשעפט־מאכערישער קרענק, ווי לענין. „שמאלקעפיקער פראקטיציזם״, „אן־קעפיקע געשעפט־מאכעריי״ — אזוי האט די דאזיקע קרענק טרעטירט לענין. ער פלעגט איר קעגנשטעלן געוויינלעך די לעבעדיקע רעוואלוציאנערע ארבעט און די נייטיקייט פון רעוואלוציאנערע פערספעקטיוון אין אלע ענינים פון אונדזער אלטעגלעכער ארבעט, אונטערשטרייכנדיק דערמיט אליין, אז די פרינציפלאזע געשעפט־מאכעריי איז פונקט אזוי דערווידער דעם עכטן לעניניזם, ווי עס איז דערווידער די „רעוואלוציאנערע״ פארפאסעריי.

די פאראייניקונג פונעם רוסישן רעוואלוציאנערן שוואונג מיט דער אמעריקאנישער זאכלעכקייט — דערין ליגט דער תוך פונעם לעניניזם אין דער פארטייאישער און מלוכהשער ארבעט.

בלויז אזא פאראייניקונג גיט אונדז א פארענדיקטן טיפ פון א טוער א לענינעץ, דעם סטיל פונעם לעניניזם אין דער ארבעט.

צו די פראגן פון לעניניזם

דער לענינגראדער אָרגאניזאציע פון
דער אלקפ(ב) געווידמעט

י. סטאלין

I

די דעפיניציע פון לעניניזם

אין דער בראָשור „וועגן די יסודות פון לעניניזם״ איז געגעבן די באוואוסטע דעפיניציע פונעם לעניניזם, וועלכע האָט, זעט אויס, באקומען בירגערדרעכט. זי זאָגט:

„לעניניזם איז מארקסיזם פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאליזם און פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. גענויער: לעניניזם — דאָס איז די טעאָריע און טאקטיק פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע בכלל, די טעאָריע און טאקטיק פון דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט באזונדערס“.

צי איז ריכטיק די דאָזיקע דעפיניציע?

איך מיין, אז ריכטיק. זי איז ריכטיק, ערשטנס, דערפאר, ווייל זי ווייזט ריכטיק אָן אויף די היסטאָרישע וואָרצלען פון לעניניזם, כאַראקטעריזירנדיק אים אלס מארקסיזם פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאליזם, להיפוך צו אייניקע קריטיקער פון לענינען, וואָס מיינען ניט ריכטיק, אז דער לעניניזם איז אנטשטאנען נאָך דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. זי איז ריכטיק, צווייטנס, דערפאר, ווייל זי ווייזט ריכטיק אָן דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאראקטער פון לעניניזם, להיפוך צו דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, וועלכע האלט, אז דעם לעניניזם קאָן מען אָנווענדן בלויז אין די נאַציאָנאַל־רוסישע אומשטענדן. זי איז ריכטיק, דריטנס, דערפאר, ווייל זי ווייזט ריכטיק אָן דעם אָרגאנישן

צוזאמענהאנג צווישן דעם לעניניזם מיט דער לערע פון מארקסן, כא־ראקטעריזירנדיק דעם לעניניזם אלס מארקסיזם פון דער עפאכע פון אימפעריאליזם, להיפוך צו אייניקע קריטיקער פונעם לעניניזם, וועל־כע האלטן אים ניט פאר קיין ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונעם מארקסיזם, נאר בלויז פאר דער אויפשטעלונג פונעם מארקסיזם און זיין אנווענדונג צו דער רוסישער ווירקלעכקייט.

דאס אלץ נייטיקט זיך ניט, דוכט זיך, אין קיין באזונדערע קא־מענטארן.

פונדעסטוועגן זיינען ביי אונדז אין דער פארטיי, ווייזט זיך ארויס, פאראן מענטשן, וואס האלטן פאר נייטיק צו דעפינירן דעם לעניניזם א ביסל אנדערש. אזוי מיינט, צום בײַשפּיל, זינאוויעוו, אז:

„לעניניזם איז מארקסיזם פון דער עפאכע פון אימפעריאליסטישע מלחמות און פון דער וועלט־רעוואלוציע, וועלכע האט זיך אומ־מיטלבאר אנגעהויבן אין א לאנד, וואו עס פרע־וואלירט דאס פויערטום" [1].

וואס קאנען באטײַטן די ווערטער, וועלכע זינאוויעוו האט אונ־טערגעשטראכן? וואס באטײַט ארײַנפירן אין דער דעפיניציע פון לע־ניניזם די אפגעשטאנענקייט פון רוסלאנד, זײַן פויערישן כאראקטער?

דאס באטײַט — פארוואנדלען דעם לעניניזם פון אן אינטערנא־ציאנאלער פראלעטארישער לערע אין א פראדוקט פון די רוסלענ־דישע ספּעציפישע פארהעלטענישן.

דאס באטײַט — העלפן באוערן און קאוטסקין, וועלכע לייקענען דערין, אז דער לעניניזם קאן אנגעווענדט ווערן אין אנדערע לענדער, קאפּיטאליסטיש מער אנטוויקלטע.

אוודאי איז ריכטיק, אז די פויערים־פראגע האט פאר רוסלאנד א העכסט וויכטיקע באדײַטונג, אז דאס לאנד איז ביי אונדז א פויערשס. וואס פאר א באטײַט קאן אבער האבן דער דאזיקער פאקט פאר דער כאראקטעריסטיק פון די יסודות פון לעניניזם? האט זיך דען דער לעניניזם געשאפן בלויז אויפן באדן פון רוסלאנד און פאר רוסלאנד, און ניט אויפן באדן פונעם אימפעריאליזם און ניט פאר די אימפעריאליסטישע לענדער בכלל? האבן דען אזעלכע ווערק לענינס, ווי „אימפעריאליזם", „מלוכה און רעוואלוציע", „די פראלעטארישע רעוואלוציע און דער רענעגאט קאוטסקי", „די קינדער־קראנקייט פון „לינקײַט"" אאוו., א באדײַטונג בלויז פאר רוסלאנד און ניט פאר אלע

---

[1] זינאוויעווס קורסיוו. י. ס ט.

אימפּעריאַליסטישע לענדער בכלל? איז דען דער לעניניזם ניט קיין פאַראַלגעמיינערונג פון דער דערפאַרונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַלע לענדער? טויגן דען ניט די יסודות פון דער טעאָריע און טאַקטיק פונעם לעניניזם, זײַנען זיי דען ניט אָבליגאַטאָריש פאַר די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער? איז דען לענין געווען ניט גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז „דער באָלשעוויזם טויג, אַלס מוסטער פון טאַקטיק פאַר אַלעמען"?[1] (זע ב. XXIII, ז. 386). איז דען לענין געווען ניט גערעכט, ווען ער האָט גערעדט וועגן דער „אינטערנאַציאָנאַלער באַדײַטונג[1] פון דער סאָוועטן־מאַכט און פון די יסודות פון דער באָלשעוויסטישער טעאָריע און טאַקטיק"? (זע ב. XXV, ז. 171—172). צי זײַנען דען ניט ריכטיק, צום בײַשפּיל, פאָלגנדיקע ווערטער לענינס:

„אין רוסלאַנד מוז זיך די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אומפאַרמײַדלעך אונטערשיידן מיט אייניקע באַזונדערהייטן אין פאַרגלײַך מיט די פאָרגעשריטענע לענדער מחמת דער זייער גרויסער אָפּגעשטאַנענקייט און קלײנבירגערלעכקייט פון אונדזער לאַנד. אָבער די גרונט־קרעפטן — און די גרונט־פאָרמען פון דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט — זײַנען אין רוסלאַנד די זעלבע, וואָס אין יעטווידן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, אַזוי אַז *די דאָזיקע באַזונדערהייטן קאָנען נוגע זײַן נאָר ניט דעם סאַמע עיקר*"[1] (זע ב. XXIV, ז. 508).

אויב אָבער דאָס אַלץ איז ריכטיק, צי איז דען דערפון ניט געדרונגען, אַז די דעפיניציע פונעם לעניניזם, וואָס זינאָוויעוו האָט געגעבן, קאָן ניט אָנערקענט ווערן פאַר קיין ריכטיקער?

ווי קאָן די דאָזיקע נאַציאָנאַל־באַגרענעצטע דעפיניציע פון לעניניזם שטימען מיטן אינטערנאַציאָנאַליזם?

II

דאָס עיקרדיקע אינעם לעניניזם

אין דער בראָשור „וועגן די יסודות פון לעניניזם" ווערט געזאָגט:

„אייניקע מיינען, אַז דאָס עיקרדיקע אינעם לעניניזם — דאָס איז די פּויערים־פראַגע, אַז דער אויסגאַנגס־פּונקט פונעם לעניניזם איז די פראַגע וועגן דעם פּויערטום, וועגן זײַן ראָליע, זײַן ספּעציפישן געוויכט. דאָס איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק. די גרונט־פראַגע אינעם לעניניזם, זײַן אויסגאַנגס־פּונקט איז ניט די פּויערים־פראַגע, נאָר די פראַגע וועגן

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועגן די באַדינגונגען פון דעראָבערן זי, וועגן די באַדינגונגען פון פּאַרפּעסטיקן זי. די פריערדיקע-פּראַגע, אַלס פראַגע וועגן דעם פאַרבינדעטן פונעם פּראָלעטאַריאַט אין זײַן קאַמף פאַר דער מאַכט, איז אַן אַרויסדרינגענדיקע פראַגע".

צי איז ריכטיק די דאָזיקע הנחה?

איך מיין, אַז ריכטיק. די דאָזיקע הנחה דרינגט פולשטענדיק אַרויס פון דער דעפיניציע פון לעניניזם. אין דער אמתן, אויב דער לעניניזם איז די טעאָריע און טאַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רע-וואָלוציע, און דער גרונט-אינהאַלט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ-לוציע איז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, — איז קלאָר, אַז דאָס עיקרדיקע אינעם לעניניזם באַשטייט אין דער פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, אין דער פאַנאַנדעראַרבעטונג פון דער דאָזיקער פראַגע, אין דער באַגרינדונג און קאָנקרעטיזירונג פון דער דאָזיקער פראַגע.

פונדעסטוועגן איז זינאָוויעוו, זעט אויס, ניט מסכים מיט דער דאָזיקער הנחה. אין זײַן אַרטיקל „צו לענינס אָנדענק" זאָגט ער:

„די פראַגע וועגן דער ראָליע פונעם פויערטום איז, ווי איך האָב שוין געזאָגט, די גרונט-פּראַגע[1] פונעם באָלשעוויזם, פונעם לעניניזם".

די דאָזיקע הנחה זינאָוויעווס דרינגט, ווי איר זעט, אינגאַנצן אַרויס פון דער ניט-ריכטיקער דעפיניציע פון לעניניזם, וואָס זינאָוו-יעוו האָט געגעבן. דעריבער איז זי פונקט אַזוי ניט ריכטיק, ווי עס איז ניט ריכטיק זײַן דעפיניציע פון לעניניזם.

צי איז ריכטיק לענינס טעזיס וועגן דעם, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז דער „גרונט-אינהאַלט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע"? (זע ב. XXIII, ז. 337). אַבסאָלוט ריכטיק. צי איז ריכטיק דער טעזיס וועגן דעם, אַז לעניניזם איז די טעאָריע און טאַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע? איך מיין, אַז ריכ-טיק. וואָס זשע איז אָבער דערפון געדרונגען? דערפון איז געדרונגען, אַז די גרונט-פּראַגע פון לעניניזם, זײַן אויסגאַנגס-פּונקט, זײַן פונדאַ-מענט איז די פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

איז דען ניט ריכטיק, אַז די פראַגע וועגן אימפּעריאַליזם, די פראַגע וועגן דעם שפּרונגאַרטיקן כאַראַקטער פון דער אַנטוויקלונג פון אימפּעריאַליזם, די פראַגע וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין

[1] מײַן קורסיוו. י. ס ט.

לאַנד, די פראַגע וועגן דער מלוכה פונעם פּראָלעטאַריאַט, די פראַגע וועגן דער סאָוועטישער פאָרם פון דער דאָזיקער מלוכה, די פראַגע וועגן דער ראָליע פון דער פּאַרטיי אין דער סיסטעם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, די פראַגע מכוח די וועגן פון בויען דעם סאָציאַליזם, — אַז אָט די אַלע פראַגן האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט גראָד לענין? איז דען ניט ריכטיק, אַז גראָד די דאָזיקע פראַגן בילדן טאַקע דעם יסוד, דעם פונדאַמענט פון דער אידיי פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט? איז דען ניט ריכטיק, אַז אָן דעם פאַנאַנדעראַרבעטן די דאָזיקע גרונט־פראַגן וואָלט דאָס פאַנאַנדעראַרבעטן די פויערים־פראַגע פונעם שטאַנדפּונקט פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט ניט געקאָנט געמאָלט זיין?

אודאי איז ריכטיק, אַז לענין איז געווען אַ קענער פון דער פויערים־פראַגע. אודאי איז ריכטיק, אַז די פויערים־פראַגע, אַלס פראַגע וועגן דעם פאַרבינדעטן פונעם פּראָלעטאַריאַט, האָט אַ העכסט וויכטיקע באַדייטונג פאַרן פּראָלעטאַריאַט און איז אַ באַשטאַנדטייל פון דער גרונט־פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. ציי איז אָבער ניט קלאָר, אַז ווען פאַרן לעניניזם וואָלט ניט געשטאַנען די גרונט־פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָלט ניט געווען אויך די אַרויסדרינגענדיקע פראַגע וועגן דעם פאַרבינדעטן פונעם פּראָלעטאַריאַט, די פראַגע וועגן דעם פויערטום? איז דען ניט קלאָר, אַז ווען פאַרן לעניניזם וואָלט ניט געשטאַנען די פּראַקטישע פראַגע וועגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל דעראָבערן די מאַכט, וואָלט ניט געווען אויך די פראַגע וועגן דעם בונד מיטן פויערטום?

לענין וואָלט ניט געווען דער גרעסטער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָג, וואָס אַזאַ איז ער, אָן ספק, ער וואָלט געווען אַן איינפאַכער „פויערשער פילאָסאָף", וואָס אַלס אַזאַ שילדערן אים אָפטמאָל די אויסלענדישע ליטעראַרישע בעלי־הביתלעך, ווען ער וואָלט זיך פאַרנומען מיטן פאַנאַנדעראַרבעטן די פויערים־פראַגע ניט אויף דער באַזע פון דער טעאָריע און טאַקטיק פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אומאָפּהענגיק פון דער דאָזיקער באַזע, אויסער דער דאָזיקער באַזע.

איינס פון די ביידע:

אָדער די פויערים־פראַגע איז דאָס עיקרדיקע אינעם לעניניזם, און דאַן טויג ניט דער לעניניזם, דאַן איז ער ניט אָבליגאַטאָריש פאַר־

די קאַפּיטאַליסטיש אַנטוויקלטע לענדער, פאַר די לענדער, וואָס זײַנען ניט קיין פֿויערשע לענדער;

אָדער דאָס עיקרדיקע אינעם לעניניזם איז די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, און דאַן איז דער לעניניזם אַן אינטערנאַציאָנאַלע לערע פֿון די פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, אַ לערע, וואָס טויג און איז אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע לענדער אָן אויסנאַם, דערונטער אויך פאַר די קאַפּיטאַליסטיש אַנטוויקלטע.

דאָ דאַרף מען אויסקלײַבן.

III

די פראַגע וועגן דער „פּערמאַנענטער" רעוואָלוציע

אין דער בראָשור „וועגן די יסודות פֿון לעניניזם" ווערט די „טעאָריע פֿון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע" אָפּגעשאַצט אַלס אַ „טעאָריע" פֿון ניט־דערשאַצן די ראָליע פֿונעם פּויערטום. דאָרט ווערט געזאָגט:

„לענין האָט מלחמה געהאַלטן קעגן די אָנהענגער פֿון „פּערמאַנענטער" רעוואָלוציע ניט איבער דער פראַגע וועגן אָנאיבעררײַסלעכקײַט, ווײַל לענין אַליין איז געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון אָנאיבעררײַסלעכער רעוואָלוציע, נאָר איבער דעם, וואָס זיי האָבן ניט דערשאַצט די ראָליע פֿונעם פּויערטום, — דעם גרעסטן רעזערוו פֿונעם פּראָלעטאַריאַט".

די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק פֿון די רוסישע „פּערמאַנענטניקעס" האָט זיך ביז דער לעצטער צײַט גערעכנט פאַר אַן אַלגעמיין אָנערקענטער. פֿונדעסטוועגן, כאָטש זי איז בכלל אַ ריכטיקע, קאָן זי דאָך ניט אָנערקענט ווערן פאַר קיין אויסשעפּנדיקער. די דיסקוסיע פֿון 1924 יאָר, פֿון איין זײַט, און דער גרינטלעכער אַנאַליז פֿון לענינס ווערק, פֿון דער צווייטער זײַט, האָבן באַוויזן, אַז דער טעות פֿון די רוסישע „פּערמאַנענטניקעס" איז באַשטאַנען ניט בלויז אינעם ניט דערשאַצן די ראָליע פֿונעם פּויערטום, נאָר אויך אינעם ניט דערשאַצן די קרעפֿטן און פֿעיִקײַטן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט צו פֿירן נאָך זיך דאָס פּויערטום, אינעם ניט גלייבן אין דער אידיי פֿון דער העגעמאָניע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט.

דעריבער האָב איך אין מײַן בראָשור „די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די טאַקטיק פֿון די רוסישע קאָמוניסטן" (דעצעמבער 1924 יאָר) פֿאַרבֿרייטערט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק און פֿאַרביטן זי מיט אַן

אַנדערער, א מער פולער. אָט וואָס עס איז וועגן דעם געזאָגט אין דער דאָזיקער בראָשור:

„ביז איצט פלעגט מען געוויינלעך פארצייכענען אײן זײַט פון דער טעאָריע פון „פערמאנענטער רעוואָלוציע" — דאָס ניט גלייבן אין די רעוואָלוציאָנערע מעגלעכקײטן פון דער פויערים־באוועגונג. איצט מוז מען, פון גערעכטיקײט וועגן, די דאָזיקע זײַט דערגאַנצן מיט א צווייטער זײַט — מיטן ניט גלייבן אין די קרעפטן און פעיִקײטן פונעם פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד".

דאָס באַטײַט, פארשטייט זיך, ניט, אַז דער לעניניזם איז געווען אַדער ער איז קעגן דער אידיי פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע, אָן גענױזנגפיסלעך, וועלכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך מארקסן אין די פערציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. לענין איז געווען דער אײנציקער מארקסיסט, וואָס האָט ריכטיק פארשטאַנען און אַנטוויקלט די אידיי פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע. דער אונטערשייד צווישן לענינען און די „פערמאַנענטניקעס" אין דער דאָזיקער פראַגע באַשטייט דערין, וואָס די „פערמאַנענטניקעס" האָבן פארקריפּלט די אידיי פון מארקס' פערמאַנענטער רעוואָלוציע, וואָס זיי האָבן זי פארוואַנדלט אין א לעבנסלאָזער, אַבסטראַקטער חקירה, דאַן ווען לענין האָט זי גענומען אין דער ריינער פאָרם און האָט זי געמאַכט פאַר אײנעם פון די יסודות פון זײַן טעאָריע פון דער רעוואָלוציע. מע דאַרף געדענקען, אַז די אידיי פונעם אַריבערוואַקסן פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין א רעוואָלוציע א סאָציאַליסטישער, וואָס לענין האָט געגעבן נאָך אין 1905 יאָר, איז אײנע פון די פארקערפּערונג־פאָרמען פון מארקס' טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע. אָט וואָס לענין האָט געשריבן מכוח דעם נאָך אין 1905 יאָר:

„פון דער רעוואָלוציע דער דעמאָקראַטישער וועלן מיר תיכף אָנהייבן אריבערגיין, און פונקט לויט אונדזערע כוחות, לויט די כוחות פונעם באַוואוסטזיניקן און אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, וועלן מיר אָנהייבן אריבערגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. מיר זײַנען פאַר אַן אָנאױפהערלעכער רעוואָלוציע[1]. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויפן האַלבן וועג...

ניט אַרײַנפאַלנדיק אין אַוואַנטוריזם, ניט פעלשנדיק אין אונדזער וויסנשאַפטלעך געוויסן, ניט יאָגנדיק זיך נאָך ביליקער פּאָפּולערקײט, קאָנען מיר זאָגן און מיר זאָגן בלויז אײנס: מיר וועלן מיט

[1] מײַן קורסיוו. י. ס.

אלע קרעפטן העלפן דעם גאנצן פויערטום צו מאכן די דעמאָקראטישע רעוואָלוציע, כדי עס זאָל גרינגער זײַן פאר אונדז, פאר דער פארטיי פונעם פראָלעטאריאט, אריבערצוגיין ווי ווײַט מעגלעך שנע־לער צו א נײַער און העכערער אויפגאבע — צו דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע" (זע ב. VIII , ז. 186—187).

און אָט וואָס לענין שרײַבט אויף דער דאָזיקער טעמע אין זעכצן יאָר ארום, נאָך דעם, ווי דער פראָלעטאריאט האָט דעראָבערט די מאכט:

„די קאוטסקיס, די הילפערדינגס, די מארטאָווס, די טשערנאָווס, די הילקוויטס, די לאָנגעס, די מאקדאָנאלדס, די טוראטיס און די איבעריקע העלדן פונעם „II½-יקן" מארקסיזם האָבן ניט געקאָנט פארשטיין... די פארהעלטעניש צווישן דער בורזשואז־דעמאָקראטישער און דער פראָלע־טאריש־סאָציאליסטישער רעוואָלוציע. די ערשטע וואקסט ארי־בער אין דער צווייטער[1]. די צווייטע לייזט פארבײַגייענדיק די פראגן פון דער ערשטער. די צווייטע פארפעסטיקט די זאך פון דער ערשטער. דער קאמף און בלויז דער קאמף לייזט, אויף וויפל דער צווייטער גיט זיך אײַן אריבערצוּוואקסן די ערשטע" (זע ב. XXVII, ז. 26).

איך ווענד א באזונדערע אויפמערקזאמקײַט אויף דער ערשטער ציטאטע, וואָס איז גענומען פון לענינס ארטיקל „די באציאונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע צו דער פויערים־באוועגונג", פארעפנט־לעכט דעם 1 סעפטעמבער 1905 יאָר. איך באטאָן דאָס צו קענטעניש פון די, וואָס טענהן נאָך אלץ, אז לענין איז, כלומרשט, געקומען צו דער אידיי פונעם אריבערוואקסן פון דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָלוציע אין א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, צו דער אידיי פון פערמאנענטער רעוואָלוציע, נאָך דער אימפעריאַליסטישער מלחמה, אַן ערך, אין 1916 יאָר. די דאָזיקע ציטאטע לאָזט ניט איבער קיינע שום ספקות, אז די דאָזיקע מענטשן האָבן א גרויסן טעות.

IV

די פראָלעטארישע רעוואָלוציע און די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט

אין וואָס באשטייען די כאראקטעריסטישע שטריכן פון דער פראָ־לעטארישער רעוואָלוציע צום אונטערשייד פון דער בורזשואזער רע־וואָלוציע?

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

דעם אונטערשייד צווישן דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און דער בורזשואַזער רעוואָלוציע וואָלט מען געקאָנט רעזומירן אין פינף גרונט-פונקטן:

1) די בורזשואַזע רעוואָלוציע הייבט זיך אָן געוויינלעך, ווען ס'זיינען פאַראַן מער אָדער ווייניקער גרייטע פאָרמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן נאָך ביז דער אָפענער רעוואָלוציע אין שוים פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, בעת די פראָלעטאַרישע רעוואָלוציע הייבט זיך אָן דאַן, ווען ס'זיינען ניט פאַראַן, אָדער כמעט ניט פאַראַן, קיין גרייטע פאָרמען פון דער סאָציאַליסטישער סיסטעם.

2) די גרונט-אויפגאַבע פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע באַשטייט אין פאַרכאַפּן די מאַכט און ברענגען זי אין איינקלאַנג מיט דער פאַראַנענער בורזשואַזער עקאָנאָמיק, בעת די גרונט-אויפגאַבע פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע באַשטייט דערין, אז מען זאָל, האָבנדיק פאַרכאַפּט די מאַכט, אויסבויען א נייע, א סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיק.

3) די בורזשואַזע רעוואָלוציע פאַרענדיקט זיך געוויינלעך מיטן פאַרכאַפּן די מאַכט, בעת פאַר דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז דאָס פאַרכאַפּן די מאַכט בלויז דער אָנהייב פון דער רעוואָלוציע, דערביי ווערט די מאַכט אויסגענוצט אַלס הייבער צום איבערבויען די אַלטע עקאָנאָמיק און צום אָרגאַניזירן די נייע.

4) די בורזשואַזע רעוואָלוציע באַגרענעצט זיך מיט פאַרבייטן ביי דער מאַכט איין עקספּלואַטאַטאָרישע גרופּע מיט א צווייטער עקספּלואַטאַטאָרישער גרופּע, און מחמת דעם נייטיקט זי זיך ניט אין צעברעכן די אַלטע מלוכה-מאַשין, בעת די פראָלעטאַרישע רעוואָלוציע נעמט אַראָפּ פון דער מאַכט אַלע און יעטווידע עקספּלואַטאַטאָרישע גרופּעס און שטעלט אַוועק ביי דער מאַכט דעם פירער פון אַלע אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע, דעם קלאַס פּראָלעטאַריאַט, און מחמת דעם קאָן זי זיך ניט באַגיין אָן דעם צעברעכן די אַלטע מלוכה-מאַשין און אָן דעם פאַרבייטן זי אויף א נייער.

5) די בורזשואַזע רעוואָלוציע קאָן ניט באַהעפטן אַרום דער בורזשואַזיע אויף א וויפל-ניט-איז דויערנדיקן פעריאָד די מיליאָנען אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסן טאַקע דערפאַר, ווייל זיי זיינען אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע, בעת די פראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן און דאַרף זיי פאַרבינדן מיטן פראָלעטאַריאַט אין א דויערנדיקן בונד דווקא אַלס אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע, אויב זי וויל

אויספילן איר גרונט־אויפגאבע צו פארפעסטיקן די מאכט פונעם פראלעטאריאט און אויסצובויען א נייע סאציאליסטישע עקאנאמיק.

אט זיינען אייניקע גרונט־הנחות לענינם מכוח דעם:

„איינער פון די גרונט־אונטערשיידן, — זאגט לענין, — צווישן דער בורזשואזער און דער סאציאליסטישער רעוואלוציע באשטייט דערין, וואס פאר דער בורזשואזער רעוואלוציע, וועלכע וואקסט ארויס פונעם פעאדאליזם, שאפן זיך ביסלעכווייז אין שויס פון דער אלטער ארדענונג נייע עקאנאמישע ארגאניזאציעס, וואס ענדערן ביסלעכווייז אלע זייטן פון דער פעאדאלער געזעלשאפט. די בורזשואזע רעוואלוציע האט געהאט פאר זיך בלויז איין אויפגאבע — אראפראמען, אפווארפן, צערייסן אלע פענטעס פון דער פריערדיקער געזעלשאפט. אויספילנדיק די דאזיקע אויפגאבע, פילט יעטווידע בורזשואזע רעוואלוציע אויס אלץ, וואס פון איר פאדערט זיך: זי פארשטארקט דעם וואוקס פון קאפיטאליזם. גאר אין אן אנדער לאגע איז די סאציאליסטישע רעוואלוציע. וואס מער אפגעשטאנען עס איז דאס לאנד, וועלכן עס איז מחמת די זיגזאגן פון דער געשיכטע אויסגעקומען אנצוהייבן די סאציאליסטישע רעוואלוציע, אלץ שווערער איז פאר אט דעם לאנד אריבערצוגיין פון די אלטע קאפיטאליסטישע פארהעלטענישן צו סאציאליסטישע. צו די אויפגאבן פון צעשטערן קומען דא צו נייע אויפגאבן פון אומגעהערטער שוועריקייט — ארגאניזאציאנעלע אויפגאבן“ (זע ב. XXII, ז. 315).

„ווען די פאלקס־שאפונג, — זעצט פאר לענין, — פון דער רוסישער רעוואלוציע, וועלכע האט דורכגעמאכט די גרויסע דערפארונג פונעם 1905 יאר, וואלט ניט געשאפן קיין סאוועטן נאך אין פעברואר 1917 יאר, וואלטן זיי אין קיין פאל ניט געקאנט נעמען די מאכט אין אקטאבער, ווייל דער דערפאלג איז אפהענגיק געווען בלויז פון דער אנוועזנהייט פון שוין גרייטע ארגאניזאציאנעלע פארמען פון דער באוועגונג, וואס האט ארומגעכאפט מיליאנען. די דאזיקע גרייטע פארם זיינען געווען די סאוועטן, און דערפאר האבן אונדז אויפן פאליטישן געביט דערווארט יענע גלענצנדיקע דערפאלגן, יענער דורכאויסיקער טריאומף־מארש, וועלכן מיר האבן איבערגעלעבט, ווייל די נייע פארם פון פאליטישער מאכט איז שוין געווען גרייט, און אונדז איז פארבליבן בלויז מיט עטלעכע דעקרעטן צו פארוואנדלען די מאכט פון די סאוועטן פון דעם עמברואנעלן צושטאנד, אין וועלכן זי האט זיך געפונען אין די ערשטע חדשים פון דער רעוואלוציע, אין א געזעצלעך־אנערקענטער פארם, וואס האט זיך איינגעשטעלט אין דער רוסלענדישער מלוכה — פארוואנדלען אין דער רוסלענדישער סאוועטן־רעפובליק“ (זע דארטן, ז. 315).

„עס זיינען נאך פארבליבן, — זאגט לענין, — צוויי אויפגאבן פון גיגאנטישער שוועריקייט, וואס דאס לייזן זיי האט בשום־אופן ניט געקאנט צוגיין מיט אזא טריאומף־מארש, מיט וועלכן עס איז אין די ערשטע חדשים געגאנגען אונדזער רעוואלוציע“ (זע דארטן, ז. 315).

„ערשטנס, זיינען דאס געווען די אויפגאבן פון אינערלעכער ארגא־ניזאציע, וואס שטייען פאר יעדער סאציאליסטישער רעוואלוציע. דער

אונטערשייד צווישן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און דער בורזשואַזער באַשטייט טאַקע דערין, וואָס אינעם צווייטן פאַל זײַנען פאַראַן גרייטע פאָרמען פון קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטעניש, און די סאָוועטן־מאַכט — די פּראָלעטאַרישע מאַכט — באַקומט ניט די דאָזיקע גרייטע פאַרהעלטענישן, אויב מען זאָל ניט נעמען די סאַמע אַנטוויקלטע פאָרמען פון קאַפּיטאַליזם, וועלכע האָבן, אין תּוך גענומען, אַרומגעכאַפּט אייניקע שפּיצן פון דער אינדוסטריע און האָבן נאָך גאָר קנאַפּ אָנגערירט די לאַנדווירטשאַפט. דאָס אָרגאַניזירן דעם דיסקאָנט, דער קאָנטראָל איבער די גרעסטע אונטערנעמונגען, דאָס פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן מלוכישן עקאָנאָמישן מעכאַניזם אין אַ איינהייטלעכער גרויסער מאַשין, אין אַ ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם, וואָס אַרבעט אַזוי, אַז הונדערטער מיליאָנען מענטשן זאָלן זיך האַלטן בײַ איין פּלאַן, — אָט דאָס איז די גיגאַנטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבע, וואָס איז געפאַלן אויף אונדזערע פּלייצעס. בײַ די איצטיקע אַרבעט־באַדינגונגען האָט זי בשום־אופן ניט געקאָנט דערלאָזן קיין שטורעם־לייזונג, אָט אַזוי ווי אונדז פלעגט זיך אײַנגעבן צו לייזן די אויפגאַבן פונעם בירגער־קריג" (זע דאָרטן, ז. 316).

„די צווייטע פון די גיגאַנטישע שוועריקייטן... — איז די אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע. אויב מיר האָבן זיך אַזוי לײַכט אָפּגעפאַרטיקט מיט קערענסקיס באַנדעס, אויב מיר האָבן אַזוי לײַכט געשאַפן בײַ אונדז אַ מאַכט, אויב מיר האָבן אָן דער מינדסטער מי באַקומען דעם דעקרעט וועגן סאָציאַליזירן די ערד, וועגן אַרבעטער־קאָנטראָל, — אויב מיר האָבן דאָס אַלץ באַקומען אַזוי לײַכט, איז עס בלויז דערפאַר, ווײַל די באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך אַזוי גליקלעכערווײַז געשאַפן, האָבן אויף אַ קורצן מאָמענט אונדז באַשיצט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם. דער אינטערנאַציאָנאַלער אימפּעריאַליזם מיט דער גאַנצער מעכטיקייט פון זײַן קאַפּיטאַל, מיט זײַן הויך־אָרגאַניזירטער קריגס־טעכניק, וואָס שטעלט פאָר אַן עכטע קראַפט, אַן עכטע פעסטונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, האָט אין קיין פאַל, בײַ קיינע שום באַדינגונגען ניט געקאָנט אײַנלעבן זיך באַנאַנד מיט דער סאָוועטישער רעפּובליק אי לויט זײַן אָביעקטיווער לאַגע אי לויט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס איז געווען פאַרקערפּערט אין אים, — ער האָט דאָס ניט געקאָנט מחמת די האַנדלס־פאַרבינדונגען, מחמת די צווישנפעלקערלעכע פינאַנציעלע באַציאונגען. אַ קאָנפליקט איז דאָ אומפאַרמײַדלעך. אָט דאָ ליגט די גרעסטע שוועריקייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איר גרעסטע היסטאָרישע פּראָבלעם: די נויטווענדיקייט צו לייזן אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבן, די נויטווענדיקייט אַרויסצורופן אַן אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע" (זע דאָרטן, ז. 317).

אָט דאָס איז דער איבערלעכער כאַראַקטער און דער גרונט־זינען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

צי קאָן מען דורכמאַכן אַזאַ ראַדיקאַלע איבערבויאונג פון די אַלטע, בורזשואַזע פאַרהעלטענישן אָן אַ גוואַלדזאַמער רעוואָלוציע, אָן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט?

קלאָר, אז מען קאָן ניט. מיינען, אז אזא רעוואָלוציע קאָן מען דורכמאכן פרידלעך, אין די ראַמען פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע, וואָס איז צוגעפּאסט צו דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע, — באטײַט אָדער אראָפּגיין פון זינען און פארלירן די נאָרמאלע מענטשלעכע באגריפן, אָדער גראָב און אָפן אָפּזאָגן זיך פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע הנחה דארף אונטערגעשטראָכן ווערן נאָך מיט א גרעסערער קראפט און קאטעגאָרישקײַט, ווײַל מיר האָבן צו טאָן מיט א פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געזיגט דערווײַל אין איין לאנד, וואָס איז ארומגערינגלט מיט פײַנטלעכע קאפּיטאליסטישע לענדער, און עס קאָן ניט זײַן, אז דער אינטערנאציאָנאלער קאפּיטאל זאָל ניט שטיצן די בורזשואזיע פון אָט דעם לאנד.

אָט פארוואָס לענין זאָגט, אז „די באפרײַאונג פונעם אונטערדריקטן קלאס איז אוממעגלעך ניט בלויז אָן א גוואלדזאמער רעוואָלוציע, נאָר אויך אָן דער פארניכטונג פון דעם אפּאראט פון דער מלוכה־מאכט, וועלכן עס האָט געשאפן דער הערשנדיקער קלאס“ (זע ב. XXI, ז. 373).

„„זאָל אפריער די מערהײט באפעלקערונג, ווען עס איז נאָך פאראן פריוואט־אייגנטום, ד.ה. ווען עס איז נאָך פאראן די מאכט און דער יאָך פון קאפּיטאל, זיך ארויסזאָגן פאר דער פּארטיי פונעם פּראָלעטאריאט, — ערשט דאן קאָן זי און דארף נעמען די מאכט“, — אזוי זאָגן די קליינבירגערלעכע דעמאָקראטן, די פאקטישע משרתים פון דער בורזשואזיע, וועלכע רופן זיך אָן „סאָציאַליסטן““[1] (זע ב. XXIV, ז. 647).

„„זאָל אפריער דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאריאט אראָפּוואַרפן די בורזשואזיע, צעברעכן דעם יאָך פונעם קאפּיטאל, צעקלאפּן דעם בורזשואזן מלוכה־אפּאראט, — דאן וועט דער פּראָלעטאריאט, וואָס האָט אָפּגעהאלטן דעם נצחון, קאָנען גיך צוציִען אויף זײַן זײַט די סימפּאטיע און די אונטערשטיצונג פון דער מערהײט ארבעטנדיקע פון די ניט־פּראָלעטארישע מאסן, באפרידיקנדיק זיי אויפן חשבון פון די עקספּלואַטאטאָרס“, — זאָגן מיר“ 1 (זע דאָרטן).

„כדי צו געווינען די מערהײט באפעלקערונג אויף זײַן זײַט, — זעצט פאָר לענין, — מוז דער פּראָלעטאריאט, ערשטנס, אראָפּוואַרפן די בורזשואזיע און פארכאפּן די מלוכה־מאכט אין זײַנע הענט; ער מוז, צווייטנס, אײַנפירן די סאָוועטן־מאכט, האָבנדיק צעבראָכן אויף פּיץ־פּיצלעך דעם אלטן מלוכה־אפּאראט, וואָס דערמיט רײַסט ער מיטאמאָל אונטער די הער־

[1] מײַן קורסיוו. י. ס ט.

שאַפט, דעם אויטאָריטעט, דעם אונפלוס פון דער בורזשואזיע און פון די קליינבירגערלעכע פשרה־מאכערס צווישן די ניט־פּראָלעטאַרישע אַרבעטנדיקע מאסן. ער מוז, דריטנס, אַ סוף מאַכן צום אונפלוס פון דער בורזשואזיע און פון די קליינבירגערלעכע פשרה־מאכערס צווישן דער מער־הייט ניט־פּראָלעטאַרישע אַרבעטנדיקע מאסן דורך פאַרווירקלעכן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן זייערע עקאָנאָמישע באַדערפענישן אויפן חשבון פון די עקספּלואַטאַטאָרס" (זע דאָרטן, ז. 641).

אָט דאָס זײַנען די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

וואָס שטעלן, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, מיט זיך פאָר די גרונטשטריכן פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, אויב עס איז אָנערקענט, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז דער גרונט־אינהאַלט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע?

אָט איז די סאַמע אַלגעמיינע דעפיניציע פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס לענין האָט געגעבן:

„די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין פאַרענדיקונג פון דעם קלאַסן־קאַמף, נאָר אַ פאָרזעצונג פון דעם קלאַסן־קאַמף אין נײַע פאָרמען. די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז דער קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געזיגט און גענומען אין זײַנע הענט די פּאָליטישע מאַכט, קעגן דער באַזיגטער, אָבער נאָך ניט פאַרניכטעטער, ניט פאַרשוואונדענער בורזשואזיע, קעגן דער בורזשואזיע, וועלכע האָט נאָך ניט אויפגעהערט אַרויסצוווײַזן אַ ווידערשטאַנד, וועלכע האָט פאַרשטאַרקט איר ווידערשטאַנד" (זע ב. XXIV, ז. 311).

דערווידערנדיק קעגן צונויפמישן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט אַן „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער", „אַלגעמיין־אויסגעווײלטער" מאַכט, מיט אַ „ניט־קלאַסעווער" מאַכט, זאָגט לענין:

„דער קלאַס, וואָס האָט גענומען אין זײַנע הענט די פּאָליטישע הערשאַפט, האָט זי גענומען, וויסנדיק, אַז ער נעמט זי איינער אַליין. דאָס ליגט אינעם באַגריף דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער באַגריף האָט בלויז דאַן אַ זינען, ווען איין קלאַס ווייסט, אַז ער איינער אַליין נעמט צו זיך אין די הענט די פּאָליטישע מאַכט און ער נאַרט ניט אָפּ ניט זיך, ניט קיין אַנדערע מיט רייד וועגן אַן „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער, אַלגעמיין־אויסגעווײלטער, דורכן גאַנצן פאָלק געהייליקטער" מאַכט" (זע ב. XXVI, ז. 286).

דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז די מאַכט פון איין קלאַס, פונעם קלאַס פּראָלעטאַריער, די מאַכט, וועלכע ער טיילט ניט און קאָן זי ניט טיילן מיט אַנדערע קלאַסן, נייטיקט זיך ניט אויף פאַרווירקלעכן

אירע צילן אין הילף, אין א בונד מיט די ארבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאסן פון אנדערע קלאסן. פארקערט. די דאָזיקע מאכט, די מאכט פון איין קלאַס, קאָן אײַנגעשטעלט און דורכגעפירט ווערן ביזן סוף בלויז דורך א ספּעציעלער פאָרם פון א בונד צווישן דעם קלאס פּראָלעטאריער מיט די ארבעטנדיקע מאסן פון די קליינבירגערלעכע קלאסן, פריער פאר אלץ מיט די ארבעטנדיקע מאסן פונעם פויערטום.

וואָס איז דאָס פאר א ספּעציעלע פאָרם פון בונד, אין וואָס באַשטייט זי? צי ווידערשפּרעכט ניט בכלל דער דאָזיקער בונד מיט די ארבעטנדיקע מאסן פון אנדערע, ניט־פּראָלעטארישע קלאסן דער אידיי פון דיקטאטור פון איין קלאס?

זי באַשטייט, די דאָזיקע ספּעציעלע פאָרם פון בונד, דערין, וואָס די אָנפירנדיקע קראַפט פונעם דאָזיקן בונד איז דער פּראָלעטאַריאַט. זי באַשטייט, די דאָזיקע ספּעציעלע פאָרם פון בונד, דערין, וואָס דער אָנפירער פון דער מלוכה, דער אָנפירער אין דער סיסטעם פון דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט איז איין פּארטיי, די פּארטיי פונעם פּראָלעטאריאט, די פּארטיי קאָמוניסטן, וועלכע טיילט ניט און קאָן ניט טיילן מיט אנדערע פּארטייען די אָנפירונג.

ווי איר זעט, איז דער ווידערשפּרוך דאָ בלויז א כלומרשטער, א שײַנבארער.

„דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, — זאָגט לענין, — איז א ספּעציעלע פאָרם פון א קלאסן־בונד[1] צווישן דעם פּראָלעטאריאט, דעם אוואנגארד פון די ארבעטנדיקע, און די פילצאָליקע ניט־פּראָלעטארישע שיכטן ארבעטנדיקע (די קליין־בורזשואזיע, די קליינע בעלי־בתימלעך, דאָס פויערטום, די אינטעליגענץ אאוו.), אָדער מיט זייער מערהייט, פון א בונד קעגן דעם קאפּיטאל, א בונד מיטן צוועק פולשטענדיק אראָפּצוווארפן דעם קאפּיטאל, פולשטענדיק צו דערשטיקן דעם ווידערשטאנד פון דער בורזשואזיע און די רעסטאווראציע־פּרואוון פון איר זייט, א בונד מיטן צוועק ענדגילטיק צו שאפן און צו פארפעסטיקן דעם סאָציאליזם. דאָס איז א ספּעציעלער מין בונד, וואָס בילדעט זיך אויס אין א ספּעציעלער סיטואַציע, נעמלעך, אין דער סיטואציע פון ווילדן בירגער־קריג, דאָס איז א בונד פון די פעסטע אָנהענגערס פונעם סאָציאליזם מיט זײַנע וואקלדיקע פארבינדעטע, צומאָל מיט „נייטראלע" (פון א פארשטענדיקונג וועגן קאַמף ווערט דאן דער בונד א פארשטענדיקונג וועגן נייטראליטעט), א בונד צווישן עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, סאָציאל, אינטעלעקטועל ניט אלץ איינע קלאסן"[1] (זע ב. XXIV, ז. 311).

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

אין איינעם פון זײַנע אינסטרוקטיווע פאַרטראָגן האָט קאַמע־ניעוו, פּאָלעמיזירנדיק קעגן אזא מין אויפפאסן די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, געזאָגט:

„דיקטאטור איז *ניט*[1] קיין בונד פון איין קלאס מיט א צווייטן".

איך מיין, אז קאמעניעוו האָט דאָ אין זינען, פריער פאַר אַלץ, איין שטעל פון מײַן בראָשור „די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די טאַק־טיק פון די רוסישע קאָמוניסטן", וואו עס ווערט געזאָגט:

„די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט איז ניט פשוט א רעגירונגס־קעפּל, וואָס איז „געניט" „אָפּגעקליבן" געוואָרן דורך דער זאָרגעוודיקער האנט פון א „דערפאַרענעם סטראטעג" און וואָס „שטיצט זיך פאַרנינפטיק" אויף די אָדער אנדערע שיכטן פון דער באפעלקערונג. די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט איז א קלאסן־בונד פונעם פּראָלעטאריאט מיט די ארבעטנדיקע מאסן פונעם פויערטום אויף אראָפּצוווארפן דעם קאפּיטאל, צוליבן ענדגילטיקן זיג פונעם סאָציאליזם, בײַ דעם באדינג, אז די אָנפירנדיקע קראפט פון דעם דאָזיקן בונד איז דער פּראָלעטאריאט".

איך שטיץ פולשטענדיק די דאָזיקע פאָרמולירונג פון דער דיק־טאטור פונעם פּראָלעטאריאט, ווײַל איך מיין, אז זי פאלט אינגאנצן און פולשטענדיק צונויף מיט לענינס נאָרוואָס געבראכטער פאָרמו־לירונג.

איך באהויפּט, אז קאמעניעווס דערקלערונג, אז „דיקטאטור איז ניט קיין בונד פון איין קלאס מיט א צווייטן", א דערקלערונג, וואָס איז געמאכט געוואָרן אין אזא קאטעגאָרישער פאָרם, האָט קיין שום געמיינזאמס ניט מיט דער לענינישער טעאָריע פון דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט.

איך באהויפּט, אז אזוי קאָנען רײדן בלויז מענטשן, וואָס האָבן ניט פארשטאנען דעם זין פון דער אידיי פון א צוזאמענשלוס, פון דער אידיי פון א בונד פונעם פּראָלעטאריאט מיטן פויערטום, פון דער אידיי פון דער העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאריאט אין דעם דאָ־זיקן בונד.

אזוי קאָנען רײדן בלויז מענטשן, וואָס האָבן ניט פארשטאנען דעם לענינישן טעזיס וועגן דעם, אז:

„*בלויז א פארשטענדיקונג מיטן פויערטום*[1] קאָן ראטעווען די סאָציאליסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאנד, כל־זמן עס איז ניט געקומען די רעוואָלוציע אין אנדערע לענדער" (זע ב. XXVI, ז. 238).

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

אזוי קאָנען ריידן בלויז מענטשן, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען לעניִנס הנחה וועגן דעם, אַז:

„דער העכסטער פּרינציפּ פון דער דיקטאַטור[1] — דאָס איז אונטערהאַלטן דעם בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום, כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קאָנען אונטערהאַלטן די אָנפירנדיקע ראָליע און די מלוכה-מאַכט“ (זע ב. XXVI, ז. 460).

פאַרצייכענענדיק איינעם פון די וויכטיקסטע צילן פון דער דיקטאַטור, דעם ציל צו אונטערדריקן די עקספּלואַטאַטאָרס, זאָגט לענין:

„דער וויסנשאַפטלעכער באַגריף פון דיקטאַטור באַטײַט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ מאַכט, וואָס איז מיט גאָרניש ניט באַגרענעצט, מיט קיינע געזעצן, אַבסאָלוט מיט קיינע כּללים ניט באַשרענקט, אַ מאַכט, וואָס שטיצט זיך דירעקט אויף געוואַלט“... „דיקטאַטור באַטײַט — נעמט דאָס איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו קענטעניש, הערן קאַדעטן, — אַ מאַכט אַן אומבאַגרענעצטע, וואָס שטיצט זיך אויף קראַפט און ניט אויפן געזעץ. בעת אַ בירגער-קריג קאָן יעטווידע מאַכט, וואָס האָט געזיגט, זײַן בלויז אַ דיקטאַטור“ (זע ב. XXV, ז. 441 און 436).

מיט געוואַלט אָבער ווערט, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעשעפּט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, הגם אָן געוואַלט איז ניטאָ קיין דיקטאַטור.

„דיקטאַטור, — זאָגט לענין, — באַטײַט ניט בלויז געוואַלט, הגם זי איז אוממעגלעך אָן געוואַלט, זי באַטײַט אויך אַן אַרבעט-אָרגאַניזאַציע אַ מער העכערע, ווי די פריִערדיקע אָרגאַניזאַציע“ (זע ב. XXIV, ז. 305).

„די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט... איז ניט בלויז געוואַלט איבער די עקספּלואַטאַטאָרס און אַפילו ניט דער עיקר געוואַלט. דער עקאָנאָמישער יסוד פון דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער געוואַלט, די גאַראַנטיע פון איר לעבנס-פעיִקײַט און פונעם דערפאָלג איז דאָס, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט שטעלט פאָר און פאַרווירקלעכט אַ העכערן טיפּ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט-אָרגאַניזאַציע, אין פאַרגלײַך מיטן קאַפּיטאַליזם. דערין באַשטייט דער תּוך. דערין באַשטייט דער קוואַל פון דער קראַפט און די גאַראַנטיע פונעם אומפאַרמײַדלעכן פולשטענדיקן זיג פונעם קאָמוניזם“ (זע ב. XXIV, ז. 335—336).

„דער הויפּט-תּוך איר (דה. פון דער דיקטאַטור. י. ס ט.) באַשטייט אין דער אָרגאַניזירטקייט און דיסציפּלינירטקייט פונעם פאָרגעשריטענעם אָטריאַד פון די אַרבעטנדיקע, פון זײַן אַוואַנגאַרד, פון זײַן איינציקן אָנפירער — פונעם פּראָלעטאַריאַט. זײַן ציל איז צו שאַפן סאָציאַליזם, צו פאַרניכטן די טיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן, צו מאַכן אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פאַר אַרבעטנדיקע, אָפּצונעמען דעם באָדן בײַ יעטווידער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש. דעם דאָזיקן ציל קאָן מען ניט פאַרווירקלעכן מיטאַמאָל, ער פאָדערט אַ גאַנץ דויערנדיקן איבערגאַנג-פּעריִאָד פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם, — אי דערפאַר, ווײַל די רעאָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע איז אַ שווערע זאַך, אי דערפאַר, ווײַל עס פאָ-

1 מײַן קורסיוו. י. ס ט.

דערט זיך צײַט פאר ראדיקאלע ענדערונגען אין אלע לעבנס־געביטן, אז דערפאר, ווײַל די קאָלאסאלע קראפט פון דער געוואוינשאפט צו דער קלײנ־בירגערלעכער און בורזשואזער ווירטשאפט־פירונג קאָן מען בעקומען בלויז אין א לאנגן, עקשנותדיקן קאמף. דעריבער טאקע רעדט מארקס וועגן א גאנצן פעריאָד פון דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט, ווי וועגן א פעריאָד פון אריבערגאנג פון קאפיטאליזם צו סאָציאליזם" (זע דאָרטן, ז. 314).

אָט דאָס זײַנען די כאראקטעריסטישע שטריכן פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט.

פונדאנען נעמען זיך די דרײַ גרונט־זײַטן פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט:

1) דאָס אויסנוצן די מאכט פונעם פראָלעטאריאט אויף צו אונטערדריקן די עקספּלואטאטאָרס, צו באשיצן דאָס לאנד, צו פארפעסטיקן די פארבינדונגען מיט די פראָלעטאריער פון אנדערע לענדער, צום אנטוויקלען און ברענגען צום זיג די רעוואָלוציע אין אלע לענדער.

2) דאָס אויסנוצן די מאכט פונעם פראָלעטאריאט אויף ענדגילטיק אָפּצורײַסן פון דער בורזשואזיע די ארבעטנדיקע און עקספּלואטירטע מאסן, צום פארפעסטיקן דעם בונד פונעם פראָלעטאריאט מיט די דאָזיקע מאסן, צום ארײַנציִען די דאָזיקע מאסן אין דער סאָציאליסטישער בויאונג, פאר דער מלוכהשער אָנפירונג מיט די דאָזיקע מאסן מצד דעם פראָלעטאריאט.

3) דאָס אויסנוצן די מאכט פונעם פראָלעטאריאט אויף צו אָרגאניזירן דעם סאָציאליזם, צום פארניכטן די קלאסן, אויף אריבערצוגיין אין א געזעלשאפט אָן קלאסן, אין א געזעלשאפט אָן א מלוכה.

די פראָלעטארישע דיקטאטור איז א פאראייניקונג פון אָט די אלע דרײַ זײַטן. קיין איינע פון די דאָזיקע זײַטן קאָן ניט ארויסגערוקט ווערן אלס דער איינציק כאראקטעריסטישער סימן פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט, און, פארקערט, עס איז גענוג, עס זאָל פעלן כאָטש איינער פון די דאָזיקע סימנים, אז די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט זאָל אויפהערן צו זײַן א דיקטאטור אין די באדינגונגען פון א קאפיטאליסטישער ארומרינגלונג. דעריבער קאָן קיין איינע פון די דאָזיקע דרײַ זײַטן ניט אויסגעשלאָסן ווערן אָן דער געפאר צו פארקריפּלען דעם באגריף דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט. בלויז אָט די אלע דרײַ זײַטן, צוזאמען גענומען, גיבן אונדז א פולשטענדיקן און פארענדיקטן באגריף פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט.

די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט האָט אירע פעריאָדן, אירע

ספעציפישע פאָרמען, פארשיידנאַרטיקע מעטאָדן פון ארבעט. אינעם פעריאָד פון בירגער־קריג וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן די געוואַלט־זייט פון דער דיקטאטור. דערפון איז אָבער לחלוטין ניט געדרונגען, אַז אינעם פעריאָד פון בירגער־קריג קומט ניט פאָר קיין שום בויאונג־אַרבעט. אָן א בויאונג־ארבעט איז אוממעגלעך צו פירן א בירגער־קריג. פאַרקערט, אינעם פעריאָד פון בויען דעם סאָציאַליזם וואַרפט זיך אין די אויגן באַזונדערס די פרידלעכע, אָרגאַניזאַטאָרישע, קולטורעלע ארבעט פון דער דיקטאטור, די רעוואָלוציאָנערע געזעצלעכקייט אאַוו. דערפון אָבער איזווידעראַמאָל לחלוטין ניט געדרונגען, אַז די געוואַלט־זייט פון דער דיקטאטור איז אַפּגעפאַלן אָדער קאָן אָפּפאַלן אינעם פעריאָד פון בויאונג. די רעפּרעסיע־אָרגאַנען, די ארמיי און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, זיינען נויטווענדיק איצט, אינעם מאָמענט פון בויאונג, פונקט אַזוי, ווי אינעם פעריאָד פון בירגער־קריג. אָן די דאָזיקע אָרגאַנען איז אוממעגלעך א וויפל־ניט־איז געזיכערטע בויאונג־ארבעט פון דער דיקטאטור. מען טאָר ניט פארגעסן, אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט דערווייל סך־הכל בלויז אין איין לאַנד. מען טאָר ניט פארגעסן, אַז כל־זמן עס איז פאַראַן א קאַפּיטאַליסטישע ארומרינגלונג, וועט זיין אויך א געפאַר פון אן אינטערווענציע מיט אַלע פאָלגן, וואָס דרינגען ארויס פון דער דאָזיקער געפאַר.

V

די פּאַרטיי און דער ארבעטער־קלאַס אין דער סיסטעם פון דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאַריאַט

אויבן האָב איך גערעדט וועגן דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאַריאַט פונעם שטאַנדפּונקט פון איר היסטאָרישער אוממפּאַרמיידלעכקייט, פונעם שטאַנדפּונקט פון איר קלאַסן־אינהאַלט, פונעם שטאַנדפּונקט פון איר מלוכהשן מהות, ענדלעך, פונעם שטאַנדפּונקט פון אירע צעשטערערישע און שעפערישע אויפגאַבן, וועלכע ווערן אויסגעפילט אין פאַרלויף פונעם גאַנצן היסטאָרישן פעריאָד, וואָס הייסט איבערגאַנג־פעריאָד פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם.

איצט דאַרפן מיר ריידן וועגן דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאַריאַט פונעם שטאַנדפּונקט פון איר סטרוקטור, פונעם שטאַנדפּונקט פון איר „מעכאַניזם”, פונעם שטאַנדפּונקט פון דער ראָליע און באַ־

דינטונג פון די „טרייב־רימענס", „הייבערס" און פון דער „ריכטונג־געבנדיקער קראפט", וואס זיי אלע צוזאמען בילדן „די סיסטעם פון דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט" (לעניו) און וואס מיט זייער הילף ווערט פארווירקלעכט די טאג־טעגלעכע ארבעט פון דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט.

וואס זיינען עס פארא „טרייב־רימענס" אדער „הייבערס" אין דער סיסטעם פון דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט? וואס איז דאס פאר א „ריכטונג־געבנדיקע קראפט"? צוליב וואס דארף מען זיי?

די הייבערס אדער טרייב־רימענס — דאס זיינען יענע מאסן־ארגאניזאציעס פונעם פראלעטאריאט, וואס אן זייער הילף איז אומ־מעגלעך צו פארווירקלעכן די דיקטאטור.

די ריכטונג־געבנדיקע קראפט — דאס איז דער פארגעשריטענער אוואנגארד פונעם פראלעטאריאט, דאס איז זיין אוואנגארד, וואס איז די הויפט־אנפירנדיקע קראפט פון דער דיקטאטור פונעם פראלע־טאריאט.

די דאזיקע טרייב־רימענס, הייבערס און ריכטונג־געבנדיקע קראפט זיינען נייטיק דעם פראלעטאריאט דערפאר, ווייל אן זיי וואלט ער אין זיין קאמף פארן זיג געווען אין דער לאגע פון אן אומבאוואפנטער ארמיי קעגן דעם ארגאניזירטן און באוואפנטן קא־פיטאל. די דאזיקע ארגאניזאציעס זיינען נייטיק דעם פראלעטאריאט דערפאר, ווייל אן זיי וואלט ער געליטן אן אומפארמיידלעכע מפלה אין זיין קאמף פאר אראפווארפן די בורזשואזיע, אין זיין קאמף פאר פארפעסטיקן זיין מאכט, אין זיין קאמף פאר בויען דעם סאציאליזם. די סיסטעמאטישע הילף פון די דאזיקע ארגאניזאציעס און די ריכ־טונג־געבנדיקע קראפט פונעם אוואנגארד זיינען נייטיק דערפאר, ווייל אן די דאזיקע באדינגונגען איז אוממעגלעך א וויפל־ניט־איז דויערנדיקע און פעסטע דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט.

וואס זיינען דאס פארא ארגאניזאציעס?

דאס זיינען, ערשטנס, די פראפפאראיינען פון די ארבעטער, מיט זייערע פארצווייגונגען אין צענטער און אויף דער פעריפעריע אין דער פארם פון א גאנצער ריי פראדוקצירישע, קולטורעלע, דערציערישע און אנדערע ארגאניזאציעס. זיי פאראייניקן די ארבעטער פון אלע פראָ־פעסיעס. דאס איז אן ארגאניזאציע ניט קיין פארטייאישע. די פראפ־פאראיינען קאן מען אנרופן אלגעמיינע ארגאניזאציע פון דעם ביי אונדז הערשנדיקן ארבעטער־קלאס. זיי זיינען א שול פון קאמו־ניזם. זיי טיילן אויס פון זיך די בעסטע מענטשן אויף אנפירנדיקער

ארבעט אויף אלע פאַרוואַלטונגס־געביטן. זיי פאַרווירקלעכן די פאַרבינדונג צווישן די פאָרגעשריטענע און אָפּגעשטאַנענע אינעם באַשטאַנד פונעם ארבעטער־קלאַס. זיי פאַראייניקן די ארבעטער־מאַסן מיטן אַוואַנגאַרד פונעם ארבעטער־קלאַס.

דאָס זיינען, צווייטנס, די סאָוועטן מיט זייערע פילצאָליקע פאַרצווייגונגען אין צענטער און אויף די ערטער אין דער פאָרם פון אַדמיניסטראַטיווע, ווירטשאַפטלעכע, מיליטערישע, קולטורעלע און אַנדערע מלוכה־אָרגאַניזאַציעס, פּליוס די אָן א שיעור מאַסן־פאַראייניקונגען פון די ארבעטנדיקע, אנטשטאַנענע לויט דער איניציאַטיוו פון די ארבעטנדיקע גופא, וואָס רינגלען ארום די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און פאַראייניקן זיי מיט דער באַפעלקערונג. די סאָוועטן זיינען א מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון אלע ארבעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף. דאָס איז אן אָרגאַניזאַציע ניט קיין פאַרטייאישע. די סאָוועטן זיינען א דירעקטער אויסדרוק פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. דורך די סאָוועטן גייען דורך אלע און אַלערליי מאָסמיטלען צו פאַרפעסטיקן די דיקטאַטור און צו בויען דעם סאָציאַליזם. דורך די סאָוועטן ווערט פאַרווירקלעכט די מלוכה־אָנפירונג מיטן פויערטום מצד דעם פּראָלעטאַריאַט. די סאָוועטן פאַראייניקן די מיליאָניקע מאַסן ארבעטנדיקע מיטן אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט.

דאָס איז, דריטנס, די קאָאָפּעראַציע פון אלע מינים מיט אלע אירע פאַרצווייגונגען. דאָס איז א מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די ארבעטנדיקע, אן אָרגאַניזאַציע ניט קיין פאַרטייאישע, וואָס פאַראייניקט זיי, פריער פון אלץ, אלס געברויכער, און, מיט דער צייט, אויך אלס פּראָדוצירער (די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציע). זי באַקומט א באַזונדערע באַדייטונג נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, אינעם פעריאָד פון דער ברייטער בויאונג. זי פאַרלייכטערט די פאַרבינדונג פונעם אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט די מאַסן פונעם פויערטום און שאַפט א מעגלעכקייט אריינצוציִען די מאַסן פונעם פויערטום אינעם שטראָם פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

דאָס איז, פערטנס, דער יוגנט־פאַרבאַנד. דאָס איז א מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער ארבעטערשער און פויערשער יוגנט, אן אָרגאַניזאַציע ניט קיין פאַרטייאישע, נאָר אזא, וואָס שליסט זיך אָן אָן דער פאַרטיי. איר אויפגאַבע איז — העלפן דער פאַרטיי צו דערציִען דעם יונגן דור אין גייסט פון סאָציאַליזם. זי גיט יונגע רעזערוון פאַר אלע אַנדערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט אויף אלע פאַר־

וואלטונגס־געביטן. דער יוגנט־פאַרבאַנד האָט באַקומען אַ באַזונדערע באַדײַטונג נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, אינעם פּעריאָד פון דער ברייטער קולטורעלער און דערציִערישער אַרבעט פונעם פּראָלעטאַריאַט.

דאָס איז, ענדלעך, די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, זײַן אַוואַנגאַרד. איר קראַפט באַשטייט דערין, וואָס זי נעמט אַרײַן אין זיך אַלע בעסטע מענטשן פונעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע זײַנע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. איר באַרוף באַשטייט דערין, זי זאָל פאַראייניקן די אַרבעט פון אַלע אָן אויסנאַם מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט און ריכטן זייער טעטיקײַט צו איין ציל, צום ציל פון באַפרײַען דעם פּראָלעטאַריאַט. און פאַראייניקן און ווענדן זיי אין דער ריכטונג צו איין ציל איז אַבסאָלוט נויטווענדיק, ווײַל אָן דעם איז אוממעגלעך די איינהײַט פון קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווײַל אָן דעם איז אוממעגלעך די אָנפירונג מיט די פּראָלעטאַרישע מאַסן אין זייער קאַמף פאַר דער מאַכט, אין זייער קאַמף פאַר דער בויאונג פון סאָציאַליזם. פאַראייניקן אָבער און ריכטן די אַרבעט פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט איז אימשטאַנד בלויז דער אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט, זײַן פּאַרטיי. בלויז די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, בלויז די פּאַרטיי קאָמוניסטן איז אימשטאַנד אויסצופילן די דאָזיקע ראָליע פונעם גרונט־אָנפירער אין דער סיסטעם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

פאַרוואָס?

„דערפאַר, ערשטנס, ווײַל די פּאַרטיי איז דער זאַמל־פּונקט פון די בעסטע עלעמענטן פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָבן דירעקטע פאַרבינדונגען מיט די אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט און וואָס זייער אָפט פירן זיי מיט זיי אָן; דערפאַר, צווייטנס, ווײַל די פּאַרטיי, אַלס זאַמל־פּונקט פון די בעסטע מענטשן פונעם אַרבעטער־קלאַס, איז די בעסטע שול אויף צוצוגרייטן לידערס פונעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע זאָלן זײַן אימשטאַנד אָנצופירן מיט אַלע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פון זייער קלאַס; דערפאַר, דריטנס, ווײַל די פּאַרטיי, אַלס די בעסטע שול פון לידערס פונעם אַרבעטער־קלאַס, איז לויט איר דערפאַרונג און אויטאָריטעט די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אימשטאַנד צו צענטראַליזירן די אָנפירונג מיטן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט און פאַרוואַנדלען אַזוי־אַרום די אַלע און אַלערליי אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער־קלאַס אין באַדינענדיקע אָרגאַנען און טראַנסמיסיע־רימענס, וועלכע פאַראייניקן די פּאַרטיי מיטן קלאַס“ (זע „וועגן די יסודות פון לעניניזם“).

די פּאַרטיי איז די אָנפירנדיקע הויפּט־קראַפט אין דער סיסטעם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

„די פּאַרטיי איז די העכסטע פאָרם פון קלאַסן־פאַראייניקונג פונעם פּראָלעטאַריאַט" (לענין).

אַלזאָ: די פּראָפּפאַראײנען, אַלס מאַסן־אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָ־לעטאַריאַט, וועלכע פאַרבינדט די פּאַרטיי מיטן קלאַס, פריער פאַר אַלע לויט דער פּראָדוקציאָנישער ליניע; די סאָוועטן, אַלס מאַסן־אָרגאַ־ניזאַציע פון די אַרבעטנדיקע, וועלכע פאַרבינדט די פּאַרטיי מיט די אַרבעטנדיקע, פריער פאַר אַלץ לויט דער מלוכהשער ליניע; די קאָאָפּעראַציע, אַלס מאַסן־אָרגאַניזאַציע, הויפּטזאַכלעך, פונעם פויער־טום, וועלכע פאַרבינדט די פּאַרטיי מיט די פּויערשע מאַסן, פריער פאַר אַלץ לויט דער ווירטשאַפטלעכער ליניע, לויט דער ליניע פון אַרייַנציִען דאָס פויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג; דער יוגנט־פאַרבאַנד, אַלס מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטערשער און פּויערשער יוגנט, וועלכע איז באַרופן צו פאַרלייַכטערן דעם אוואַנ־גאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט צו דערציִען סאָציאַליסטיש דעם נייַעם דור און גרייטן יונגע רעזערוון; און, ענדלעך, די פּאַרטיי, אַלס גרונ־טיקע ריכטונג־געבנדיקע קראַפט אין דער סיסטעם פון דער דיקטאַ־טור פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס קראַפט, וועלכע איז באַרופן אָנצו־פירן מיט אַט די אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס,— אָט אַזאַ איז, אין אַלגע־מיין, דאָס בילד פונעם „מעכאַניזם" פון דער דיקטאַטור, דאָס בילד פון דער „סיסטעם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט".

אָן דער פּאַרטיי, אַלס גרונטיקע אָנפירנדיקע קראַפט, איז אוממעג־לעך א וויפל־ניט־איז דויערנדיקע און פעסטע דיקטאַטור פונעם פּראָ־לעטאַריאַט.

אַזוי־אַרום איז, ריידנדיק מיט לענינס ווערטער, „באַקומט זיך, אין אַלגעמיין און אינגאַנצן, אַן אַפּאַראַט, פאָרמעל ניט קיין קאָמו־ניסטישער, א בייגעוודיקער און א פאַרהעלטניסמעסיק ברייטער, זייער א מעכטיקער, א פּראָלעטאַרישער, אַן אַפּאַראַט, וואָס דורך אים איז די פּאַרטיי ענג פאַרבונדן מיטן קלאַס און מיט דער מאַסע און וואָס דורך אים ווערט, בייַ דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, פאַרווירק־לעכט די דיקטאַטור פונעם קלאַס" (זע ב. XXV, ז. 192).

דאָס באַטייַט ניט, נאַטירלעך, אַז די פּאַרטיי קאָן אָדער דאַרף פאַרבייַטן די פּראָפּפאַראײנען, די סאָוועטן און אַנדערע מאַסן־אָרגאַ־ניזאַציעס. די פּאַרטיי פאַרווירקלעכט די דיקטאַטור פונעם פּראָלע־טאַריאַט. זי פאַרווירקלעכט זי אָבער ניט אוממיטלבאַר, נאָר מיט דער הילף פון די פּראָפּפאַראײנען, דורך די סאָוועטן און זייערע פאַרצווייַ־

גונגען. אָן די דאָזיקע „טרייב־רימענס" וואָלט א וויפל־ניט־איז פעס־טע דיקטאטור געווען אוממעגלעך.

„מען קאָן ניט, — זאָגט לענין, — פארווירקלעכן די דיקטאטור אָן עטלעכע „טרייב־רימענס", וואָס ציִען זיך פון אוואנגארד צו דער מאסע פונעם פאָרגעשריטענעם קלאס, פון אים צו דער מאסע ארבעטנדיקע"... „די פארטיי נעמט, אזוי צו זאָגן, ארײַן אין זיך דעם אוואנגארד פונעם פראָלע־טאריאט, און דער דאָזיקער אוואנגארד פארווירקלעכט די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט. און ניט האָבנדיק אזא פונדאמענט, ווי די פראָפפאראיינען, קאָן מען ניט פארווירקלעכן די דיקטאטור, קאָן מען ניט אויספילן קיין מלוכהשע פונקציִעס. פארווירקלעכן זיי ווידער קומט אויס ד ו ר ך[1] א רײַ ספּעציִעלע אינסטיטוציעס. ווידעראמאָל פון עפּעס א נײַעם טיפּ, נעמלעך: ד ו ר כ ן 1 סאָוועטישן אפּאראט" (זע ב. XXVI, ז. 65 און 64).

אלס העכסטן אויסדרוק פון דער אָנפירנדיקער ראָליע פון דער פארטיי, צום בײַשפּיל, בײַ אונדז, אין סאָוועטן־פארבאנד, אינעם לאנד פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט, דארף מען אָנערקע־נען דעם פאקט, וואָס קיין איין וויכטיקע פּאָליטישע אָדער אָרגאני־זאציאָנעלע פראגע ווערט ניט געלייזט בײַ אונדז דורך אונדזערע סאָוועטישע און אנדערע מאסן־אָרגאניזאציעס אָן די אָנפירנדיקע אָנ־ווײַזונגען פון דער פארטיי. אין דעם זינען וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אז די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט איז, אין תוך גענומען, די „דיק־טאטור" פון זײַן אוואנגארד, די „דיקטאטור" פון זײַן פארטיי, אלס גרונטיקע אָנפירנדיקע קראפט פונעם פראָלעטאריאט. אָט וואָס לענין האָט געזאָגט וועגן דעם אויפן II קאָנגרעס פון קאָמינטערן:

„טענער זאָגט, אז ער איז פאר דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט, אָבער די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט שטעלט ער זיך פאָר ניט אינגאנצן אזוי, ווי מיר שטעלן זי זיך פאָר. ער זאָגט, אז מיר פארשטייען אונטער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט א י ן ת ו ך ג ע נ ו מ ע ן[1] די דיקטאטור פון זײַן אָרגאניזירטער און באוואוסטזיניקער מינדערהייט. און ווירקלעך, אין דער עפּאָכע פון קאפּיטאליזם, ווען די ארבעטער־מאסן ווערן אומאויפהערלעך עקס־פּלואטירט און קאָנען ניט אנטוויקלען זייערע מענטשלעכע פעיִקייטן, איז פאר די פּאָליטישע ארבעטער־פארטייען אמערסטן כאראקטעריסטיש גראָד דאָס, וואָס זיי קאָנען ארײַננעמען אין זייערע רייען בלויז א מינדערהייט פון זייער קלאס. א פּאָליטישע פארטיי קאָן פאראייניקן בלויז א מינדערהייט פונעם קלאס, פונקט ווי די ווירקלעך באוואוסטזיניקע ארבעטער אין יעדער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט באטרעפן בלויז א מינדערהייט פון אלע אר־בעטער. דעריבער זײַנען מיר געצוואונגען צו אָנערקענען, אז בלויז די דאָ־זיקע באוואוסטזיניקע מינדערהייט קאָן אָנפירן מיט די ברייטע ארבעטער־

[1] מײַן קורסיוו. י. ס ט.

מאסן און פירן זיי נאָך זיך. און אויב דער ח׳ טענער זאָגט, אז ער איז א שונא פון פּאַרטיי, און אין דער זעלבער צײַט איז ער פאר דעם, אז די מינדערהײַט פון די בעסער פון אַלץ אָרגאַניזירטע און אמערסטן רעוואָלוציאָנערע ארבעטער זאָל אָנווײַזן דעם וועג דעם גאנצן פּראָלעטאריאַט, זאָג איך, אז צווישן אונדז איז אין דער ווירקלעכקײַט קיין אונטערשייד ניטאָ" (זע ב. XXV, ז. 347).

צי באַטײַט דאָס אָבער, אז צווישן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאריאַט און דער אָנפירנדיקער ראָליע פון דער פּאַרטיי („דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי) קאָן מען שטעלן א גלײַך־צייכן, אז מען קאָן אידענטיפיצירן די ערשטע מיט דער צווייטער, אז מען קאָן אָנגעבן די צווייטע פאר דער ערשטער? פאַרשטייט זיך, אז עס באַטײַט ניט. פאַרשטייט זיך, אז מען קאָן ניט. אָט זאָגט, למשל, סאָרין, אז „די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאריאַט איז די דיקטאַטור פון אונדזער פּאַרטיי" (זע „לעני׳נס לערע וועגן דער פּאַרטיי", ז. 95). די דאָזיקע הנחה, ווי איר זעט, אידענטיפיצירט די „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי" מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאריאַט. צי קאָן מען אָנערקענען פאר ריכטיק די דאָזיקע אידענטיפיצירונג, פאַרבלײַבנדיק אויפן באָדן פון לעניניזם? ניין, מען קאָן ניט. און אָט פאַרוואָס.

ערשטנס. אין דער אויבן געבראַכטער ציטאַטע פון לענינס רעדע אויפן II קאָנגרעס פון קאָמינטערן אידענטיפיצירט לענין לחלוטין ניט די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאריאַט. ער רעדט נאָר וועגן דעם, אז „בלויז די באַוואוסטזיניקע מינדערהײַט (דה. די פּאַרטיי. י. סט.) קאָן אָנפירן מיט די ברייטע ארבעטער־מאסן און פירן זיי נאָך זיך", אז נעמלעך אין דעם דאָזיקן זינען „פאַרשטייען מיר אונטער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאריאַט, אין תוך גענומען[1], די דיקטאַטור פון זײַן אָרגאַניזירטער און באַוואוסטזיניקער מינדערהײַט". זאָגן — „אין תוך גענומען" הייסט נאָך ניט זאָגן — „אינגאַנצן". מיר זאָגן אָפטמאָל, אז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז, אין תוך גענומען, א פויערים־פראַגע. און דאָס איז אבסאָלוט ריכטיק. דאָס הייסט נאָך אָבער ניט, אז די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט אויסגעשעפּט מיט דער פויערים־פראַגע. אז די פויערים־פראַגע איז גלײַך צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע לויט איר פאַרנעם, אז די פויערים־פראַגע איז אידענטיש מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. עס איז איבעריק צו דערווײַזן, אז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז לויטן פאַרנעם ברייטער און רײַכער פון דער פויערים־פראַגע. דאָס

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

זעלבע דאַרף מען זאָגן, על פּי אַנאַלאָגיע דערמיט, וועגן דער אָנפירנדיקער ראָליע פון דער פּאַרטיי און וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. אויב די פּאַרטיי פירט דורך די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, און אין דעם זינען איז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, איז תוך געוומען, די „דיקטאַטור" פון זײַן פּאַרטיי, הייסט דאָס נאָך ניט, אַז די „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי" (די אָנפירנדיקע ראָליע) איז אידענטיש מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַז די ערשטע איז גלײַך צו דער צווייטער לויט איר פאַרנעם. עס איז איבעריק צו דערווײַזן, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז לויטן פאַרנעם ברייטער און רײַכער פון דער אָנפירנדיקער ראָליע פון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי פירט דורך די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, זי פירט אָבער דורך די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און ניט עפּעס אַן אַנדער דיקטאַטור. ווער עס אידענטיפיצירט די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער פאַרבײַט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי.

צווייטנס. קיין איין וויכטיקער באַשלוס פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט באַגייט זיך ניט אָן אָנפירנדיקע אָנווײַזונגען מצד דער פּאַרטיי. דאָס איז אַבסאָלוט ריכטיק. צי הייסט דאָס אָבער, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט ווערט אויסגעשעפּט מיט די אָנפירנדיקע אָנווײַזונגען פון דער פּאַרטיי? צי הייסט דאָס, אַז די אָנפירנדיקע אָנווײַזונגען פון דער פּאַרטיי קאָן מען, מחמת דעם, אידענטיפיצירן מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט? פאַרשטייט זיך, אַז עס הייסט ניט. די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט באַשטייט פון אָנפירנדיקע אָנווײַזונגען פון דער פּאַרטיי פּליוס דאָס דורכפירן די דאָזיקע אָנווײַזונגען מצד די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט פּליוס דאָס רעאַליזירן זיי מצד דער באַפעלקערונג. ווי איר זעט, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט א גאַנצער ריי איבערגאַנג און צווישן־שטופּעס, וואָס זײַנען א גאַנץ וויכטיקער מאָמענט פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. צווישן די אָנפירנדיקע אָנווײַזונגען פון דער פּאַרטיי און זייער רעאַליזירונג ליגן, אַלזאָ, דער ווילן און די מעשׂים פון די אָנגעפירטע, דער ווילן און די מעשׂים פונעם קלאַס, זײַן גרייטקייט (אָדער ניט ווילן) צו שטיצן די דאָזיקע אָנווײַזונגען, זײַן קענען (אָדער ניט קענען) דורכפירן די דאָזיקע אָנווײַזונגען, זײַן קענען (אָדער ניט קענען) דורכפירן זיי גראָד אַזוי, ווי דאָס פאָדערט די סיטואַציע. עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אַז די

פּאַרטיי, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אָנפירונג, מוז זיך רעכענען מיטן ווילן, מיטן צושטאַנד, מיטן באַוואוסטזײַן־ניוואָ פון די, וואָס ווערן אָנגעפירט, קאָן ניט אַראָפּוואַרפן פון חשבון דעם ווילן, דעם צושטאַנד און דעם באַוואוסטזײַן־ניוואָ פון איר קלאַס. דעריבער איז ווער עס אידענטיפיצירט די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער פאַרבײַט דעם ווילן און די מעשים פונעם קלאַס אויף די אָנווײַזונגען פון דער פּאַרטיי.

דריטנס. „די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט,— זאָגט לענין,— איז דער קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געזיגט און גענומען אין זײַנע הענט די פּאָליטישע מאַכט" (זע ב. XXIV, ז. 311). אין וואָס קאָן זיך אויסדריקן דער דאָזיקער קלאַסן־קאַמף? ער קאָן זיך אויסדריקן אין א ריי באַוואָפנטע ארויסטרעטונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט קעגן די אָנפאַלן פון דער אַראָפּגעוואָרפענער בורזשואַזיע אָדער קעגן אַן אינטערווענציע פון דער אויסלענדישער בורזשואַזיע. ער קאָן זיך אויסדריקן אין א בירגער־קריג, אויב די מאַכט פונעם פּראָלעטאַריאַט איז נאָך ניט פאַרפעסטיקט. ער קאָן זיך אויסדריקן אין א ברייטער אָרגאַניזאַטאָרישער ארבעט און בויאונג־ארבעט פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווען צו דער ארבעט ווערן צוגעצויגן די ברייטע מאַסן, נאָך דעם, ווי די מאַכט האָט זיך שוין פאַרפעסטיקט. אין אָט די אַלע פאַלן איז די אקטיווע פּערזאָן דער פּראָלעטאַריאַט אלס קלאַס. עס האָט נאָך ניט פּאַסירט, אַז די פּאַרטיי, בלויז די פּאַרטיי אליין, זאָל אָרגאַניזירן אָט די אַלע ארויסטרעטונגען אויסשליסלעך מיט אירע אייגענע קרעפטן, אָן דער שטיצע פונעם קלאַס. געוויינלעך פירט זי בלויז אָן מיט די דאָזיקע ארויסטרעטונגען און פירט אָן מיט זיי אויף אַזויפיל, אויף וויפל זי האָט הינטער זיך די שטיצע פונעם קלאַס. ווײַל די פּאַרטיי איז ניט דער גאַנצער קלאַס, זי קאָן ניט פאַרבײַטן דעם קלאַס. ווײַל די פּאַרטיי, בײַ איר גאַנצער וויכטיקער, אָנפירנדיקער ראָליע, פאַרבלײַבט פאָרט א טייל פונעם קלאַס. דעריבער איז ווער עס אידענטיפיצירט די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער פאַרבײַט דעם קלאַס אויף דער פּאַרטיי.

פערטנס. די פּאַרטיי פאַרווירקלעכט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. „די פּאַרטיי — דאָס איז דער אוממיטלבארער רעגירנדיקער אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט, דאָס איז — דער אָנפירער" (לענין). אין דעם זינען הייסט עס — די פּאַרטיי נעמט די מאַכט, די פּאַרטיי רעגירט מיטן לאַנד. דאָס הייסט נאָך אָבער ניט, אַז די

פּאַרטיי פּאַרוווירקלעכט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אויסער דער מלוכה־מאַכט, אָן דער מלוכה־מאַכט, אַז די פּאַרטיי רעגירט מיטן לאַנד אויסער די סאָוועטן, ניט דורך די סאָוועטן. דאָס באַטײַט נאָך ניט, אַז די פּאַרטיי קאָן מען אידענטיפיצירן מיט די סאָוועטן, מיט דער מלוכה־מאַכט. די פּאַרטיי איז דער קערן פון דער מאַכט. זי איז אָבער ניט און זי קאָן ניט אידענטיפיצירט ווערן מיט דער מלוכה־מאַכט. „אַלס רעגירנדיקע פּאַרטיי, — זאָגט לענין, — האָבן מיר ניט געקאָנט ניט צונויפגיסן מיט די פּאַרטייאישע „אויבערשיכטן" די סאָוועטישע „אויבערשיכטן", — זיי זײַנען בײַ אונדז צונויפגעגאָסן און וועלן זײַן אַזוי" (זע ב. XXVI, ז. 208). דאָס איז אַבסאָלוט ריכטיק. דערמיט וויל אָבער לענין בכלל ניט זאָגן, אַז אונדזערע סאָוועטישע אינסטיטוציעס אינגאַנצן גענומען, צום בײַשפּיל, אונדזער אַרמיי, אונדזער טראַנספּאָרט, אונדזערע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אאַז״וו., זײַנען אינסטיטוציעס פון אונדזער פּאַרטיי, אַז די פּאַרטיי קאָן פאַרבײַטן די סאָוועטן און זייערע פאַרצווײַגונגען, אַז די פּאַרטיי קאָן מען אידענטיפיצירן מיט דער מלוכה־מאַכט. לענין האָט ניט איין מאָל געזאָגט, אַז „די סאָוועטן־סיסטעם איז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט", אַז „די סאָוועטן־מאַכט איז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט" (זע ב. XXIV, ז. 14 און 15), ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז די פּאַרטיי איז די מלוכה־מאַכט, אַז די סאָוועטן און די פּאַרטיי זײַנען איינס און דאָס זעלבע. די פּאַרטיי, וואָס האָט עטלעכע הונדערט טויזנט מיטגלידער, פירט אָן מיט די סאָוועטן און מיט זייערע פאַרצווײַגונגען אין צענטער און אויף דער פּעריפעריע, וועלכע נעמען אַרום עטלעכע מיליאָן מענטשן פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע, זי קאָן אָבער ניט און דאַרף זיי ניט פאַרבײַטן מיט זיך. אָט פאַרוואָס לענין זאָגט, אַז „די דיקטאַטור פאַרוווירקלעכט דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז אָרגאַניזירט אין סאָוועטן און וואָס מיט אים פירט אָן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באָלשעוויקעס", אַז „די גאַנצע אַרבעט פון דער פּאַרטיי גייט *דורך*[1] די סאָוועטן, וועלכע פאַראייניקן די אַרבעטנדיקע מאַסן אָן אונטערשייד פון פּראָפעסיעס" (זע ב. XXV, ז. 192 און 193), אַז די דיקטאַטור „קומט אוים צו פאַרווירקלעכן... *דורך*[1] דעם סאָוועטישן אַפּאַראַט" (זע ב. XXVI, ז. 64). דעריבער איז ווער עס אידענטיפיצירט די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם

---

[1] מײַן קורסיוו. י. ס ט.

פראָלעטאַריאַט, דער פּאַרבײַט די סאָוועטן, די מלוכה־מאַכט, אויף דער פּאַרטיי.

פינפטנס. דער באַגריף דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז אַ באַגריף אַ מלוכהשער. די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט שליסט אומבאַדינגט אײַן אין זיך דעם באַגריף פון געוואַלט. אָן געוואַלט איז ניטאָ קיין דיקטאַטור, אויב מען זאָל פאַרשטיין די דיקטאַטור אינעם פינקטלעכן זינען פונעם דאָזיקן וואָרט. לענין דעפינירט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי „אַ מאַכט, וואָס שטיצט זיך אומ־מיטלבאַר אויף געוואַלט״ (זע ב. XIX, ז. 315). דעריבער איז ריידן וועגן דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי בנוגע דעם קלאַס פּראָלעטאַריער און אידענטיפיצירן זי מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, — הייסט ריידן, אַז די פּאַרטיי דאַרף זײַן בנוגע איר קלאַס ניט בלויז אַן אָנפירער, ניט בלויז אַ פירער און לערער, נאָר אויך אַ מין מלוכה־מאַכט, וואָס ווענדט אָן צו אים געוואַלט. דעריבער איז ווער עס אי־דענטיפיצירט די „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי״ מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער גייט שווײַגנדיק אַרויס דערפון, אַז מען קאָן בויען דעם אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי אויף געוואַלט, וואָס דאָס איז אַן אַבסורד און בינדט זיך להלוטין ניט מיטן לעניניזם. דער אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי ווערט אונטערגעהאַלטן דורכן צוטרוי פונעם אַרבעטער־קלאַס. דער צוטרוי ווידער פונעם אַרבעטער־קלאַס ווערט דערוואָרבן ניט דורך געוואַלט, — מיט געוואַלט ווערט ער בלויז אומגעבראַכט, — נאָר דורך דער ריכטיקער טעאָריע פון דער פּאַרטיי, דורך דער ריכטיקער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, דורך דער איבערגעגעבנקײַט פון דער פּאַרטיי דעם אַרבעטער-קלאַס, דורך איר פאַרבינדונג מיט די מאַסן פונעם אַרבעטער־קלאַס, דורך איר גרייט־קײַט, דורך איר קענען איבערצײַגן די מאַסן אין דער ריכטיקײַט פון אירע לאָזונגען.

וואָס זשע איז פון דעם אַלעמען געדרונגען?

פון דעם איז געדרונגען, אַז:

1) לענין געברויכט דאָס וואָרט דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי ניט אינעם פינקטלעכן זינען פונעם וואָרט („אַ מאַכט, וואָס שטיצט זיך אויף געוואַלט״), נאָר אינעם פיגוראַלן זינען, — אינעם זינען פון אָנפירן;

2) ווער עס אידענטיפיצירט די אָנפירונג מצד דער פּאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער פאַרקריפּלט לענינען, צו־

געבנדיק ניט דיכטיק דער פּאַרטיי פונקציעס פון געוואַלט בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס איבגאַנצן גענומען;

3) ווער עס גיט צו דער פּאַרטיי ניט אייגנטימלעכע פאַר איר פונקציעס פון געוואַלט בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס, דער איז עובר אויף די עלעמענטאַרע פאָדערונגען פון ריכטיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם אַוואַנגאַרד און דעם קלאַס, צווישן דער פּאַרטיי און דעם פּראָלעטאַריאַט.

מיר זיינען אַזוי־אַרום צוגעקומען דירעקט צו דער פראַגע וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דער פּאַרטיי און דעם קלאַס, צווישן די פּאַרטייאישע און די אומפּאַרטייאישע אינעם אַרבעטער־קלאַס.

לענין דעפינירט די דאָזיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען אַלס „קעגנזייטיקער צוטרוי [1] צווישן דעם אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס און דער אַרבעטער־מאַסע" (זע ב. XXVI, ז. 235).

וואָס באַטייט דאָס?

דאָס באַטייט, ערשטנס, אַז די פּאַרטיי דאַרף זיך זייער גוט צוהערן צו דער שטים פון די מאַסן, אַז זי דאַרף זיך אויפמערקזאַם באַציען צום רעוואָלוציאָנערן אינסטינקט פון די מאַסן, אַז זי דאַרף שטודירן די פּראַקטיק פונעם קאַמף פון די מאַסן, קאָנטראָלירנדיק דעריוף די ריכטיקייט פון איר פּאָליטיק, אַז זי דאַרף, הייסט עס, ניט בלויז לערנען די מאַסן, נאָר אויך אַליין לערנען זיך ביי די מאַסן.

דאָס באַטייט, צווייטנס, אַז די פּאַרטיי דאַרף טאָג־איין, טאָג־אויס דערוועררבן פאַר זיך דעם צוטרוי פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, אַז זי דאַרף מיט איר פּאָליטיק און מיט איר אַרבעט שמידן פאַר זיך די שטיצע פון די מאַסן, אַז זי דאַרף ניט קאָמאַנדעווען, נאָר, פריער פאַר אַלץ, איבערצייגן די מאַסן און פאַרלייכטערן זיי קלאָר צו מאַכן פאַר זיך אויף דער אייגענער דערפאַרונג די ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק, אַז זי דאַרף, הייסט עס, זיין דער אָנפירער, דער פירער, דער לערער פון איר קלאַס.

עובר זיין אויף די דאָזיקע באַדינגונגען באַטייט עובר זיין אויף די ריכטיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם אַוואַנגאַרד און דעם קלאַס, אונטעררייסן דעם „קעגנזייטיקן צוטרוי", צעוואַלגערן אי די קלאַסעווע אי די פּאַרטייאישע דיסציפּלין.

„געוויס, — זאָגט לענין, — זעט שוין איצט כמעט יעדערער, אַז די באָלשעוויקעס וואָלטן זיך ניט אײנגעהאַלטן ביי דער מאַכט ניט נאָר קיין

---

[1] מײן קורסיוו. י. ס ט.

2½ יאר, נאר אפילו קיין 2½ חדשים, ווען ניט די שטרענגסטע, באמת אײַזערנע דיסציפלין אין אונדזער פּארטיי, ווען זי וואלט *ניט געהאט די פולסטע און מסירת־נפשדיקע שטיצע מצד דער גאנצער מאסע פונעם ארבעטער־קלאס*[1], דה. מצד אלץ, וואָס עס איז פאראן אין אים דענקענדיקס, ערלעכס, אָפּפערוויליקס, אײַנפלוסרײַכס, פעיקס צו פירן נאך זיך אָדער מיטרײַסן די אָפּגעשטאנענע שיכטן" (זע ב. XXV, ז. 173).

„די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, — זאָגט ווײַטער לענין, — איז א הארטנעקיקער קאמף, א בלוטיקער און א בלוטלאָזער, א גוואלדזאמער און א פרידלעכער, א מיליטערישער און אווירטשאפטלעכער, א פּעדאגאָגישער און אן אדמיניסטראטאָרישער, קעגן די קרעפטן און טראדיציעס פון דער אלטער געזעלשאפט. די קראפט פון געוואוינהײַט פון מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען — דאָס איז די סאמע שרעקלעכע קראפט. אָן א פּארטיי, אן אײַזערנער און פארהארטעוועטער אין קאמף, אָן א פּארטיי, וועלכע *געניסט דעם צוטרוי פון אלץ, וואָס איז ערלעך אינעם געגעבענעם קלאס*[1], אָן א פּארטיי, וועלכע קען נאָכשפּירן נאך דער שטימונג פון דער מאסע און ווירקן אויף דער דאָזיקער שטימונג, איז פירן דערפאָלגרײַך אזא קאמף אוממעגלעך" (זע ב. XXV, ז. 190).

ווי אזוי אָבער דערוואָרבט די פּארטיי דעם דאָזיקן צוטרוי און די שטיצע פונעם קלאס? ווי אזוי בילדעט זיך אויס די אײַזערנע דיסציפלין, וועלכע איז נייטיק פאר דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, אויף וואָס פאר א באָדן וואקסט זי אויס?

אָט וואָס עס זאָגט וועגן דעם לענין:

„דורך וואָס האלט זיך די דיסציפלין פון דער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי פונעם פּראָלעטאריאט? דורך וואָס ווערט זי קאָנטראָלירט? דורך וואָס ווערט זי געפעסטיקט? ערשטנס, דורך דער באוואוסטזיניקײַט פונעם פּראָלעטארישן אוואנגארד און דורך זײַן איבערגעגעבנקײַט דער רעוואָלוציע, דורך זײַן אויסדויער, מסירת־נפשדיקײַט, העראָיזם. צווייטנס, דורך זײַן קענען זיך פארבינדן, דערנעענטערן זיך, ביז א געוויסן גראד, אויב איר ווילט, *זיך צונויפגיסן מיט דער סאמע ברייטער מאסע ארבעטנדיקע*[1], אין דער ערשטער ריי מיט דער פּראָלעטארישער, *אָבער אויך מיט דער ניט־פּראָלעטארישער* ארבעטנדיקער מאסע. דריטנס, דורך דער ריכטיקײַט פון דער פּאָליטישער אָנפירונג, וואָס ווערט פארווירקלעכט דורך דעם דאָזיקן אוואנגארד, דורך דער ריכטיקײַט פון זײַן פּאָליטישער סטראטעגיע און טאקטיק, בײַ דעם באדינג, אז די סאמע ברייטע מאסן זאָלן דורך זייער *אייגענער דערפארונג* זיך איבערצײַגן אין דער דאָזיקער ריכטיקײַט. אָן די דאָזיקע באדינגונגען קאָן ניט פארווירקלעכט ווערן קיין דיסציפלין אין א רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, וואָס איז באמת פעיק צו זײַן די פּארטיי פונעם פּאָרגעשריטענעם קלאס, וועלכער דארף

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע און איבערגעשטאַלטן די גאַנצע געזעלשאַפט. אָן די דאָזיקע באַדינגונגען ווערן די פּרוּוון צו שאַפן אַ דיסציפּלין אומפאַר־מײַדלעך פאַרוואַנדלט אין פּוסטע מעשׂות, אין אַ פראַזע, אין קאַריקאַטור. אָט די באַדינגונגען, פון דער אַנדערער זײַט, קאָנען אָבער ניט אויפקומען מיטאַמאָל. זיי שאַפן זיך בלויז אין פּראָצעס פון לאַנגער אַרבעט, שווערער דערפאַרונג; די דאָזיקע באַדינגונגען ווערט פאַרלײַכטערט צו שאַפן נאָר דורך אַ ריכטי־קער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, וואָס איז, אגב, ניט קיין דאָגמע, נאָר זי בילדעט זיך ענדגילטיק אויס בלויז אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער פּראַקטיק פון אַ ווירקלעך מאַסעווער און ווירקלעך רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג" (זע ב. XXV, ז. 174).

און ווײַטער:

„צוליבן דערפאָלג פונעם זיג איבערן קאַפּיטאַליזם פאָדערט זיך אַ ריכטיקע פאַרהעלטעניש צווישן דער אָנפירנדיקער, קאָמוניסטישער, פּאַרטיי, דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַס, דעם פּראָלעטאַריאַט, — און דער מאַסע, דה. מיטן גאַנצן כּלל אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע. בלויז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אויב זי איז ווירקלעך דער אַוואַנגאַרד פונעם רעוואָלוציאָנערן קלאַס, אויב זי שליסט אײַן אין זיך אַלע בעסטע פאָרשטייער זײַנע, אויב זי באַשטייט פון פולשטענדיק באַוואוסטזיניקע און איבערגעגעבענע קאָמו־ניסטן, וועלכע זײַנען אויפגעקלערט און פאַרהאַרטעוועט דורך דער דערפאַרונג פונעם עקשנותדיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אויב די דאָזיקע פּאַרטיי האָט זיך געקענט אָרגאַניש פאַרבינדן מיטן גאַנצן לעבן פון איר קלאַס, און דורך אים מיט דער גאַנצער מאַסע עקספּלואַטירטע, און אַרויסרופן בײַ דעם דאָזיקן קלאַס און *בײַ דער דאָזיקער מאַסע פולן צוטרוי*[1], בלויז אַזאַ פּאַרטיי איז אימשטאַנד אָנצופירן מיטן פּראָלעטאַריאַט אינעם סאַמע אַנרחמנותדיקן, אַנטשיידענעם, לעצטן קאַמף קעגן אַלע קרעפטן פונעם קאַפּיטאַליזם. פון דער צווייטער זײַט, בלויז אונטער דער אָנפירונג פון אַזאַ פּאַרטיי איז דער פּראָלעטאַריאַט אימשטאַנד פאַנאַנדערצוּוויקלען די גאַנצע מעכטיקײַט פון זײַן רעוואָלוציאָנערן דראַנג, מאַכנדיק צונישט די אומפאַר־מײַדלעכע אַפּאַטיע און טיילווײַז דעם ווידערשטאַנד פון דער קליינער מינ־דערהײַט דורכן קאַפּיטאַליזם פאַרדאָרבענער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, פון די אַלטע טרעד־יוניאָניסטישע און קאָאָפּעראַטיווע פירער אדג., — איז דער פּראָלעטאַריאַט אימשטאַנד צו פאַנאַנדערוויקלען זײַן גאַנצע קראַפט, וועלכע איז, מחמת דער עצם עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אָן אַן ערך גרעסער, ווי זײַן חלק אין דער באַפעלקערונג" (זע ב. XXV, ז. 315).

פון די דאָזיקע ציטאַטעם איז געדרונגען, אַז:

1) דער אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי און די אײַזערנע דיסציפּ־לין אינעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע איז נייטיק פאַר דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווערן געבויט ניט אויף מורא אָדער „אומבאַ־

[1] מײַן קורסיוו. י. ס ט.

גרענעצטע" רעכט פון דער פארטיי, נאר אויף דעם, וואס די פארטיי האט דעם צוטרוי פונעם ארבעטער־קלאס, האט די שטיצע פונעם ארבעטער־קלאס;

2) דער צוטרוי פונעם ארבעטער־קלאס צו דער פארטיי ווערט דערוואָרבן ניט מיטאמאל און ניט דורך געוואלט בנוגע דעם ארבעטער־קלאס, נאר דורך א דויערנדיקער ארבעט פון דער פארטיי אין די מאסן, דורך א ריכטיקער פּאָליטיק פון דער פארטיי, דורך דער פעיקייט פון דער פארטיי צו איבערצייגן די מאסן אין דער ריכטיקייט פון איר פּאָליטיק אויף דער אייגענער דערפארונג פון די מאסן, דורך דער פעיקייט פון דער פארטיי צו זיכערן פאר זיך די שטיצע פונעם ארבעטער־קלאס, צו פירן נאך זיך די מאסן פונעם ארבעטער־קלאס;

3) אָן א ריכטיקער פּאָליטיק פון דער פארטיי, דערגאנצט דורך דער דערפארונג פונעם קאמף פון די מאסן, און אָן דעם צוטרוי פונעם ארבעטער־קלאס איז ניטא און קאָן ניט זיין קיין אמתע אָנפירונג פון דער פארטיי;

4) די פארטיי און איר אָנפירונג, אויב זי געניסט דעם צוטרוי פונעם קלאס, און אויב די דאָזיקע אָנפירונג איז אן עכטע אָנפירונג, קאָנען ניט קעגנגעשטעלט ווערן דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, ווייל אָן דער אָנפירונג פון דער פארטיי („דיקטאטור" פון דער פארטיי), וואס געניסט דעם צוטרוי פונעם ארבעטער־קלאס, איז אוממעגלעך א וויפל־ניט־איז פעסטע דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט.

אָן די דאָזיקע באדינגונגען איז דער אויטאָריטעט פון דער פארטיי און די אייזערנע דיסציפּלין אָדער א פּוסטע פראזע אָדער בארימערייַ און אוואנטורע.

מען טאָר ניט קעגנשטעלן די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט דער אָנפירונג („דיקטאטור") פון דער פארטיי. מען טאָר ניט, ווייל די אָנפירונג פון דער פארטיי איז דאָס עיקרדיקע אין דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, אויב מען זאָל האָבן אין זינען א וויפל־ניט־איז פעסטע און פולשטענדיקע דיקטאטור, און ניט אזא, ווי עס איז געווען, צום בייַשפּיל, די פּאריזשער קאָמונע, וועלכע איז געווען א דיקטאטור ניט קיין פולשטענדיקע און ניט קיין פעסטע. מען טאָר ניט, ווייל די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט און די אָנפירונג פון דער פארטיי ליגן, אזוי צו זאָגן, אויף איין ארבעט־ליניע, ווירקן אין איין ריכטונג.

„שוין די שטעלונג אליין פון דער פראגע, — זאָגט לענין, — „דיקטאטור פון דער פארטיי אָ ד ע ר דיקטאטור פונעם קלאס? דיקטאטור (פארטיי) פון די פירער אָ ד ע ר דיקטאטור (פארטיי) פון די מאסן?“ זאָגט עדות וועגן א מוראדיקן און מסוכנעם געדאנקען־פּלאָנטער... אלעמען איז באוואוסט, אז די מאסן טיילן זיך אויף קלאסן... אז מיט די קלאסן פירן אַן געוויינלעך און אין דער מערהייט פאלן, וויניקסטנס אין די היינטיקע ציוויליזירטע לענדער, פּאָליטישע פארטייען; — אז די פּאָליטישע פארטייען ווערן אלס אלגעמיינער כלל אָנגעפירט דורך מער אָדער ווייניקער שטאנדהאפטיקע גרופּעס פון די סאמע אויטאָריטעטע, איינפלוסרייכע, דערפארענע פּערזאָנען, וועלכע ווערן אויסגעוויילט אויף די סאמע פאראנטוואָרטלעכע פּאָסטנס און וואָס זיי הייסן פירער... זיך דעררייידן... ביז קעגנשטעלן די דיקטאטור פון די מאסן בכלל דער דיקטאטור פון די פירער איז א לעכערלעכער אבסורד און נארישקייט“ (זע ב. XXV, ז. 187 און 188).

דאָס איז פולשטענדיק ריכטיק. די דאָזיקע ריכטיקע הנחה אָבער גייט ארויס פון דער פאָרהנחה, אז עס זיינען פאראן ריכטיקע קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן דעם אוואנגארד און די ארבעטער־מאסן, צווישן דער פארטיי און דעם קלאס. זי גייט ארויס פון דער פאָרהנחה, אז די קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן דעם אוואנגארד און דעם קלאס פארבלייבן, אזוי צו זאָגן, נאָרמאלע, פארבלייבן אין די גרעניצן פון „קעגנזייטיקן צוטרוי“.

נו, און ווי וועט זיין, אויב די ריכטיקע קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן דעם אוואנגארד און דעם קלאס, אויב די באציאונגען פון „קעגנזייטיקן צוטרוי“ צווישן דער פארטיי און דעם קלאס זיינען געבראָכן? ווי וועט זיין, אויב די פארטיי אליין הייבט אָן אזוי אָדער אנדערש קעגנשטעלן זיך דעם קלאס, ברעכנדיק די יסודות פון די ריכטיקע קעגנזייטיקע באציאונגען מיטן קלאס, ברעכנדיק די יסודות פונעם „קעגנזייטיקן צוטרוי“? צי זיינען בכלל מעגלעך אזעלכע פאלן? יאָ, מעגלעך. זיי זיינען מעגלעך:

1) אויב די פארטיי הייבט אָן בויען איר אויטאָריטעט צווישן די מאסן ניט אויף איר ארבעט און אויפן צוטרוי פון די מאסן, נאָר אויף אירע „אומבאגרענעצטע“ רעכט;

2) אויב די פּאָליטיק פון דער פארטיי איז בפירוש ניט קיין ריכטיקע, און זי וויל ניט איבערקוקן און פארריכטן איר פעלער;

3) אויב די פּאָליטיק איז, אין אלגעמיין, א ריכטיקע, נאָר די מאסן זיינען נאָך ניט גרייט צו באגרייפן זי, און די פארטיי וויל ניט אָדער קען ניט אויסווארטן, כדי צו געבן די מאסן א מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך אויף זייער אייגענער דערפארונג אין דער ריכטיקייט פון דער פּאָליטיק פון דער פארטיי.

אין דער געשיכטע פון אונדזער פארטיי איז פאראן א גאנצע רייע אזעלכע פאלן. פארשיידענע גרופירונגען און פראקציעס אין אונדזער פארטיי זײַנען אויפגעקומען און צעשטויבט געוואָרן דערפאר, ווײַל זיי זײַנען עובר געווען אויף איינער פון די דאָזיקע דרײַ באדינגונגען, און צומאָל אויך אויף די אלע באדינגונגען צוזאמען גענומען.

דערפון איז אָבער געדרונגען, אז דאָס קעגנשטעלן די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט דער „דיקטאטור" (אָנפירונג) פון דער פארטיי קאָן ניט אָנערקענט ווערן פאר ריכטיק בלויז אין דעם פאל:

1) אויב אונטער דיקטאטור פון דער פארטיי בנוגע דעם ארבעטער־קלאס זאָל מען פארשטיין ניט דיקטאטור אינעם אייגנטלעכן זינען פון דאָזיקן וואָרט („א מאכט, וואָס שטיצט זיך אויף געוואלט"), נאָר די אָנפירונג פון דער פארטיי, אן אָנפירונג, וואָס שליסט אויס געוואלט איבערן קלאס אינגאנצן גענומען, איבער זײַן מערהײַט, טאקע אזוי, ווי לענין פארשטייט דאָס;

2) אויב די פארטיי האָט די נייטיקע אייגנשאפטן צו זײַן דער ווירקלעכער אָנפירער פונעם קלאס, ד.ה. אויב די פאָליטיק פון דער פארטיי איז א ריכטיקע, אויב די דאָזיקע פאָליטיק אנטשפרעכט די אינטערעסן פונעם קלאס;

3) אויב דער קלאס, אויב די מערהײַט פונעם קלאס נעמט אָן די דאָזיקע פאָליטיק, באגרײַפט זי, איבערצײַגט זיך, אדאנק דער ארבעט פון דער פארטיי, אין דער ריכטיקײַט פון דער דאָזיקער פאָליטיק, געטרויט דער פארטיי און שטיצט זי.

דאָס עובר זײַן אויף די דאָזיקע באדינגונגען רופט אומפארמײַדלעך ארויס א קאָנפליקט צווישן דער פארטיי און דעם קלאס, א שפאלטונג צווישן זיי, א קעגנשטעלונג פון איינעם צום אנדערן.

צי קאָן מען מיט געוואלט אָנבינדן דעם קלאס די אָנפירונג פון דער פארטיי? ניין, מען קאָן ניט. אלנפאלס, אזא אָנפירונג קאָן ניט זײַן קיין וויפל־ניט־איז דויערנדיקע. די פארטיי, אויב זי וויל פארבלײַבן די פארטיי פונעם פראָלעטאריאט, דארף זי וויסן, אז זי איז, פריער פאר אלץ און הויפטזאכלעך דער אָנפירער, דער פירער, דער לערער פונעם ארבעטער־קלאס. מיר קאָנען ניט פארגעסן לענינס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט מכוח דעם אין דער בראָשור „מלוכה און רעוואָלוציע":

„דערצײַענדיק די ארבעטער־פארטיי, דערציט דער מארקסיזם דעם אוואנגארד פונעם פראָלעטאריאט, דעם אוואנגארד, וואָס איז פעיִק צו נעמען די מאכט און פירן דאָס גאנצע פאָלק צום סאָציאליזם, צו ריכטן און אָרגאניזירן די נײַע אָרדענונג, צו זײַן דער לערער, דער אָנפי־

ער, דער **פירער**[1] פון אַלע אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע אינעם אומגעאָרדנטן זייער געזעלשאַפטלעך לעבן אָן דער בורזשואַזיע און קעגן דער בורזשואַזיע" (זע ב. XXI, ז. 386).

צי קאָן מען האַלטן, אַז די פּאַרטיי איז דער ווירקלעכער אָנפירער פון עם קלאַס, אויב איר פּאָליטיק איז ניט קיין ריכטיקע, אויב איר פּאָליטיק קומט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די אינטערעסן פון עם קלאַס? פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן ניט. אין אַזעלכע פאַלן דאַרף די פּאַרטיי, אויב זי וויל פאַרבלײַבן דער אָנפירער, איבערקוקן איר פּאָליטיק, זי דאַרף פאַרריכטן איר פּאָליטיק, זי דאַרף אָנערקענען איר פעלער און פאַרריכטן אים. כדי צו באַשטעטיקן די דאָזיקע הנחה, וואָלט מען זיך געקאָנט פאַררופן כאָטשבי אויף אַזאַ פאַקט פון דער געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי, ווי דער פּעריאָד פון אָפּשאַפן די פּראָדראַזווערסטקע, ווען די אַרבעטערשע און פּויערשע מאַסן זײַנען געוואָרן בפירוש אומצופרידן מיט אונדזער פּאָליטיק און ווען די פּאַרטיי איז געגאַנגען, אָפן און ערלעך געגאַנגען אויף איבערקוקן די דאָזיקע פּאָליטיק. אָט וואָס לענין האָט דאַן געזאָגט אויפן X צוזאַמענפאָר מכוח דער פראַגע וועגן אָפּשאַפן די פּראָדראַזווערסטקע און וועגן אײַנפירן די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק:

„מיר דאַרפן זיך ניט סטאַרען עפּעס צו באַהאַלטן, נאָר מיר דאַרפן זאָגן אָפן, אַז דאָס פּויערטום איז מיט דער פאָרם פון באַציִונגען, וועלכע עס האָט זיך בײַ אונדז מיט אים אײַנגעשטעלט, ניט צופרידן, אַז די דאָזיקע פאָרם פון באַציאונגען וויל דאָס פּויערטום ניט און אַז ווײַטער וועט עס אַזוי ניט זײַן. דאָס איז אומבאַשטרײַטלעך. דער דאָזיקער ווילן זײַנער איז אויסגעדריקט געוואָרן בולט. דאָס איז דער ווילן פון קאָלאָסאַלע מאַסן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. מיר דאַרפן זיך דערמיט רעכענען, און מיר זײַנען גענוג ניכטערע פּאָליטיקער, כדי צו זאָגן אָפן: **לאָמיר אונדזער פּאָליטיק בנוגע דעם פּויערטום איבערקוקן**"[1] (זע ב. XXVI, ז. 238).

צי קאָן מען האַלטן, אַז די פּאַרטיי דאַרף נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו און די אָנפירונג אינעם אָרגאַניזירן די אַנטשיידנדיקע אַרויסטרעטונגען פון די מאַסן בלויז אויף דעם גרונט, וואָס איר פּאָליטיק איז אין אַלגעמיין אַ ריכטיקע, אויב די דאָזיקע פּאָליטיק געפינט נאָך ניט קיין צוטרוי און קיין שטיצע מצד דעם קלאַס, מחמת, לאָמיר זאָגן, זײַן פּאָליטישער אָפּגעשטאַנענקייט, אויב דער פּאַרטיי האָט זיך נאָך ניט אײַנגעגעבן צו איבערצײַגן דעם קלאַס אין דער

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

ריכטיקייט פון איר פּאָליטיק, מחמת דעם, לאָמיר זאָגן, וואָס די געשעענישן זיינען נאָך ניט רייף געוואָרן? ניין, מען קאָן ניט. אין אזעלכע פאַלן דאַרף די פּאַרטיי, אויב זי וויל זיין א ווירקלעכער אָנפירער, קענען אויסוואַרטן, זי דאַרף איבערצייגן די מאַסן אין דער ריכטיקייט פון איר פּאָליטיק, זי דאַרף העלפן די מאַסן צו איבערצייגן זיך אויף זייער אייגענער דערפאַרונג אין דער ריכטיקייט פון דער האָזיקער פּאָליטיק.

„אויב די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי האָט ניט, — זאָגט לענין, — קיין מערהייט אין די פאָרגעשריטענע אָטריאַדן פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן און אינעם לאַנד, קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן אן אויפשטאַנד" (זע ב. XXI, ז. 282).

„אָן אן ענדערונג אין די אָנשויאונגען פון דער מערהייט פונעם אַרבעטער-קלאַס איז א רעוואָלוציע אוממעגלעך, די דאָזיקע ענדערונג ווידער ווערט געשאַפן דורך דער פּאָליטישער דערפאַרונג פון די מאַסן" (זע ב. XXV, ז. 221).

„דער פּראָלעטאַרישער אַוואַנגאַרד איז אידייאיש דעראָבערט. דאָס איז דער עיקר. אָן דעם קאָן מען ניט מאַכן אפילו דעם ערשטן טראָט צום זיג. דערפון איז אָבער נאָך גאַנץ ווייט צו א זיג. מיטן אַוואַנגאַרד אליין קאָן מען ניט זיגן. וואַרפן אין דער אַנטשיידענער שלאַכט בלויז דעם אַוואַנגאַרד אליין, כל-זמן דער גאַנצער קלאַס, כל-זמן די ברייטע מאַסן האָבן נאָך ניט פאַרנומען קיין פּאָזיציע אָדער פון דירעקטן שטיצן דעם אַוואַנגאַרד אָדער, ווייניקסטנס, פון פריינטלעכער נייטראַליטעט בנוגע צו אים און פון פולער אומפעיִקייט צו שטיצן זיין קעגנער, וואָלט געווען ניט נאָר א נאַרישקייט, נאָר אויך א פאַרברעכן. אָבער כדי ווירקלעך דער גאַנצער קלאַס, כדי ווירקלעך די ברייטע מאַסן אַרבעטנדיקע און דורכן קאַפּיטאַל אונטערדריקטע זאָלן דערגיין צו אזא פּאָזיציע, דערצו איז פּראָפּאַגאַנדע אליין, אַגיטאַציע אליין ווייניק. דערצו איז נייטיק די אייגענע פּאָליטישע דערפאַרונג פון די דאָזיקע מאַסן" (זע דאָרטן, ז. 228).

עס איז באַוואוסט, אז אונדזער פּאַרטיי האָט אזוי טאַקע געהאַנדלט אינעם פּעריאָד פון לענינס אַפּריל-טעזיסן ביז דעם אָקטאָבער-אויפשטאַנד פון 1917 יאָר. און טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַנדלט לויט די דאָזיקע אָנווייזונגען לענינס, האָט זי געוואונען דעם אויפשטאַנד.

אָט דאָס זיינען אין גרונט די באַדינגונגען פון ריכטיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם אַוואַנגאַרד און דעם קלאַס.

וואָס באַטייט אָנפירן, אויב די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי איז א ריכטיקע און די ריכטיקע באַציאונגען צווישן דעם אַוואַנגאַרד און דעם קלאַס ווערן ניט געבראָכן?

אָנפירן ביי אזעלכע באַדינגונגען — הייסט קענען איבערצייגן די

מאסן, אז די פּאָליטיק פון דער פּארטיי איז א ריכטיקע, ארויסשטעלן און דורכפירן אזעלכע לאָזונגען, וועלכע פירן צו די מאסן צו די פּאָזיציעס פון דער פּארטיי און מאכן זיי לייכטער צו קלאָר מאכן פאר זיך אויף זייער אייגענער דערפארונג, אז די פּאָליטיק פון דער פּארטיי איז א ריכטיקע, דאָס באטייט אויפהייבן די מאסן צום ניוואָ פונעם באוואוסטזיין פון דער פּארטיי און זיכערן אזוי־ארום די שטיצע פון די מאסן, זייער גרייטקייט צום אנטשיידענעם קאמף.

דעריבער איז דער מעטאָד פון איבערצייגן — דער גרונט־מעטאָד פון דער פּארטיי־אָנפירונג מיטן קלאַס.

„ווען מיר, — זאָגט לענין, — וואָלטן איצט אין רוסלאנד, נאָך $2\frac{1}{2}$ יאָר ניט־געזעענע נצחונות איבער דער בורזשואזיע פון רוסלאנד און פון דער אנטאנטע, געשטעלט פאר די פּראָפפאראייִנען אלס ארונטעריט־באדינג דאָס „אָנערקענען די דיקטאטור", וואָלטן מיר געטאָן א נארישקייט, מיר וואָלטן קאליע געמאכט אונדזער איינפלוס אויף די מאסן, מיר וואָלטן געהאָלפן די מענשעוויקעס. ווייל די גאנצע אויפגאבע פון די קאָמוניסטן איז — קענען איבערצייגן די אָפּגעשטאנענע, קענען ארבעטן צווישן זיי און ניט אָפּצאמען זיך פון זיי מיט אויסגעטראכטע קינדערש־„לינקע" לאָזונגען" (זע ב. XXV, ז. 197).

דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיך, אז די פּארטיי דארף איבערצייגן אלע ארבעטער, ביזן לעצטן מענטשן, אז ערשט נאָכדעם קאָן מען צוטרעטן צו אקציעס, אז ערשט דערנאָך קאָן מען אָנהייבן אקציעס. להלוטין ניט. עס הייסט בלויז, אז די פּארטיי דארף פריער, איידער זי גייט אויף אנטשיידנדיקע פּאָליטישע אקציעס, זיכערן פאר זיך, דורך א דויערנדיקער רעוואָלוציאָנערער ארבעט, די שטיצע פון דער מערהייט פון די ארבעטער־מאסן, זיכערן פאר זיך לכל־הפּחות א פריינטלעכע נייטראליטעט פון דער מערהייט פונעם קלאַס. אין קעגנפאל וואָלט לענינס הנחה וועגן דעם, אז דאָס געווינען די מערהייט פונעם ארבעטער־קלאַס אויף דער זייט פון דער פּארטיי איז א נויטווענדיקער באדינג פאר א זיגרייכער רעוואָלוציע, — ניט געהאט קיין שום זין.

נו, און ווי זאָל זיין מיט דער מינדערהייט, אויב זי וויל ניט, אויב זי איז ניט מסכים פריוויליק אונטערצוּוואַרפן זיך דעם ווילן פון דער מערהייט? צי קאָן די פּארטיי, צי דארף די פּארטיי, האָבנדיק פאר זיך דעם צוטרוי פון דער מערהייט, צווינגען די מינדערהייט אונטערצוּוואַרפן זיך דעם ווילן פון דער מערהייט? יאָ, זי קאָן און זי דארף. די אָנפירונג ווערט געזיכערט דורכן מעטאָד פון איבערצייגן די מאסן, אלס גרונט־מעטאָד פון אויפווירקונג מצד דער פּארטיי

אויף די מאַסן. דאָס שליסט אָבער ניט אויס, נאָר עס זעצט פֿאָראויס צוואַנג, אויב דער דאָזיקער צוואַנג האָט אַלס באַזע דעם צוטרוי און די שטיצע דער פּאַרטיי מצד דער מערהייט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, אויב ער ווערט אָנגעווענדט צו דער מינדערהייט נאָך דעם, ווי מען האָט באַוויזן צו איבערצייגן די מערהייט. מען וואָלט באַדאַרפֿט דערמאָנען די שטרייטן מכּוח דעם אין אונדזער פּאַרטיי, וועלכע זיינען פֿאָרגעקומען אינעם פּעריִאָד פֿון דער פּראָפּאָרציאָנעלער דיסקוסיע. אין וואָס איז דאָן באַשטאַנען דער פֿעלער פֿון דער אָפּאָזיציע, דער פֿעלער פֿונעם צעקטראַן? אפֿשר דערין, וואָס די אָפּאָזיציע האָט דאָן געהאַלטן פֿאַר מעגלעך צוואַנג? ניין, ניט דערין. דער פֿעלער פֿון דער אָפּאָזיציע איז דאָן באַשטאַנען דערין, וואָס ניט געקוקט דערויף, וואָס זי איז ניט אימשטאַנד געווען צו איבערצייגן די מערהייט אין דער ריכטיקייט פֿון איר פּאָזיציע, ניט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט פֿאַרלאָרן דעם צוטרוי ביי דער מערהייט, האָט זי דאָך אָנגעהויבן אָנווענדן צוואַנג, האָט אָנגעהויבן פֿאָדערן, מען זאָל „איבערטרייסלען" די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט דעם צוטרוי פֿון דער מערהייט.

אָט וואָס לענין האָט דאָן געזאָגט אויפֿן X פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר אין זיין רעדע וועגן די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען:

„כּדי אויסצושטעלן די קעגנזייטיקע באַציאונג, דעם קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן דעם אַוואַנגאַרד פֿונעם אַרבעטער־קלאַס און דער אַרבעטער־מאַסע, האָט מען באַדאַרפֿט, אויב דער צעקטראַן האָט געמאַכט אַ פֿעלער... האָט מען דעם פֿעלער באַדאַרפֿט פֿאַרריכטן. אָבער אַז מען הייבט אָן דעם דאָזיקן פֿעלער פֿאַרטיידיקן, ווערט דאָס אַ קוואַל פֿון אַ פּאָליטישער געפֿאַר. ווען מען וואָלט פֿון יענע שטימונגען, וועלכע עס דריקט דאָ אויס קוטוזאָוו, ניט געטאָן דאָס מאַקסימאַל מעגלעכע אינעם זינען פֿון דעמאָקראַטיע, וואָלטן מיר געקומען צו אַ פּאָליטישן קראַך. פֿריִער פֿאַר אַלץ דאַרפֿן מיר איבערצייגן און דערנאָך צווינגען. מיר מוזן אום יעדן פּרייז פֿריִער איבערצייגן און דערנאָך צווינגען[1]. מיר האָבן ניט געוווּסט ווי צו איבערצייגן די ברייטע מאַסן און האָבן געבראָכן די ריכטיקע קעגנזייטיקע פֿאַרהעלטעניש צווישן אַוואַנגאַרד מיט די מאַסן" (זע ב. XXVI, ז. 235).

דאָס זעלבע זאָגט לענין אין זיין בראָשור „וועגן די פּראָפֿפֿאַראיינען":

„מיר האָבן ריכטיק און מיט דערפֿאָלג אָנגעווענדעט צוואַנג דעמאָלט, ווען מיר האָבן געקענט אַפֿריִער אונטערפֿירן אונטער אים אַ באַזע פֿון איבערצייגונג" (זע דאָרטן, ז. 74).

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

און דאָס איז פּולקום ריכטיק. ווײַל אָן די דאָזיקע באַדינגונגען איז ניט מעגלעך קיין שום אָנפירונג. ווײַל בלויז אויף אַזאַ אופן קאָן מען זיכערן די אייניקייט פון טאַט אין דער פּאַרטיי, אויב עס רעדט זיך וועגן דער פּאַרטיי, די אייניקייט פון טאַט פונעם קלאַס, אויב עס רעדט זיך וועגן דעם קלאַס אינגאַנצן גענומען. אָן דעם — הערשט אַ צעשפּאַלטונג, אַ צעשפּליטערונג, אַ דעזאָרגאַניזירונג אין די רייען פונעם אַרבעטער־קלאַס.

דאָס זײַנען אין אַלגעמיין די יסודות פון ריכטיקער פּאַרטיי־אָנפירונג.

יעדע אַנדערע אויפפאַסונג פונעם באַגריף אָנפירונג — איז סינדיקאַליזם, אַנאַרכיזם, ביוראָקראַטיזם, אַלץ, וואָס איר ווילט, — נאָר ניט קיין באָלשעוויזם, נאָר ניט קיין לעניניזם.

מען טאָר ניט קעגנשטעלן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט דער אָנפירונג („דיקטאַטור") פון דער פּאַרטיי, אויב עס זײַנען פאַראַן ריכטיקע קעגנזײַטיקע באַציאונגען צווישן דער פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס, צווישן דעם אַוואַנגאַרד און די אַרבעטער־מאַסן. דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז מען טאָר אודאי און אודאי ניט אידענטיפיצירן די פּאַרטיי מיטן אַרבעטער־קלאַס, די אָנפירונג („דיקטאַטור") פון דער פּאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם אַרבעטער־קלאַס. אויף דעם גרונט, וואָס די „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי טאָר מען ניט קעגנשטעלן דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, איז סאָרין געקומען צו דעם ניט־ריכטיקן אויספיר, אַז „די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז די דיקטאַטור פון אונדזער פּאַרטיי". לענין רעדט אָבער ניט בלויז וועגן דעם, אַז עס איז ניט דערלאָזבאַר אַזאַ קעגנשטעלונג. ער רעדט גלײַכצײַטיק וועגן דעם, אַז עס איז ניט דערלאָזבאַר קעגנצושטעלן „די דיקטאַטור פון די מאַסן דער דיקטאַטור פון די פירער". אפשר זאָל מען אויף דעם גרונט אידענטיפיצירן די דיקטאַטור פון די פירער מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט? אויב מען זאָל גיין מיט דעם וועג, וואָלטן מיר באַדאַרפט זאָגן, אַז „די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז די דיקטאַטור פון אונדזערע פירער". און גראָד צו דער דאָזיקער נאַרישקײַט פירט דאָך, אייגנטלעך גערעדט, די פּאָליטיק פון אידענטיפיצירן די „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט...

ווי האַלט עס אין דעם פּרט בײַ זינאָוויעוון?

זינאָוויעוו שטייט, אין תוך גענומען, אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט פון אידענטיפיצירן די „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי מיט דער

דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי סאָרין, אָבער מיט דעם אונטערשייד, וואָס סאָרין דריקט זיך אויס אָפענער און קלאָרער, זינאָוויעוו ווידער „דרייט זיך". עס איז גענוג צו נעמען כאָטשבי די פאָלגנדיקע שטעל פון זינאָוויעווס בוך „לענינִיזם", כדי צו איבערצייגן זיך דערין:

„וואָס איז אַזוינס, — זאָגט זינאָוויעוו, — די אָרדענונג, וואָס עקזיסטירט אינעם פאַרבאַנד ססר, פונעם שטאַנדפּונקט פון איר קלאַסן־אינהאַלט? דאָס איז — די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. וואָס איז די אוממיטלבאַרע פּרוזשינע פון דער מאַכט אין ססר? ווער פאַרווירקלעכט די מאַכט פונעם אַרבעטער־קלאַס? די קאָמוניסטישע פּאַרטיי! אין דעם זינען איז בײַ אונדז[1] אַ דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די יורידישע פאָרם פון דער מאַכט אין ססר? וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער נײַער טיפּ מלוכה־אָרדענונג, וועלכע די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געשאַפן? דאָס איז די סאָוועטישע סיסטעם. איינס ווידערשפּרעכט לחלוטין ניט דעם צווייטן".

אַז איינס ווידערשפּרעכט ניט דעם צווייטן, דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק, אויב מען זאָל אונטער דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס אינגאַנצן געגומען פאַרשטיין די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. ווי אַזוי קאָן מען אָבער אויף אָט דעם גרונט שטעלן אַ גלײַך־צייכן צווישן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און דער „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי, צווישן דער סאָוועטישער סיסטעם און דער „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי? לענין האָט אידענטיפיצירט די סיסטעם פון די סאָוועטן מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, און ער איז געווען גערעכט, ווײַל די סאָוועטן, אונדזערע סאָוועטן, זײַנען אַן אָרגאַניזאַציע אויף צו באַהעפטן די אַרבעטנדיקע מאַסן אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט בײַ דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. ווען אָבער, וואו, אין וועלכן ווערק זײַנעם האָט לענין געשטעלט אַ גלײַך־צייכן צווישן דער „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי און דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, צווישן דער „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי און דער סיסטעם פון די סאָוועטן, ווי דאָס טוט איצט זינאָוויעוו? דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט ווידערשפּרעכט ניט — ניט בלויז די אָנפירונג („דיקטאַטור") פון דער פּאַרטיי, נאָר אויך די אָנפירונג („דיקטאַטור") פון די פירער. איז אפשר זאָלן מיר, אויף אָט דעם גרונט, פּראָקלאַמירן, אַז אונדזער לאַנד איז אַ לאַנד פון דיקטאַטור פונעם

[1] מײַן קורסיוו. י. ס.

פראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט א לאַנד פון דיקטאַטור פון דער פאַרטיי, דאָס הייסט א לאַנד פון דיקטאַטור פון די פירער? און גראָד צו דער דאָזיקער נאַרישקייט פירט דאָך דער „פּרינציפּ" פון אידענטיפיצירן די „דיקטאַטור" פון דער פאַרטיי מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. וואָס זינאָוויעוו פירט דורך בגנבה און ניט דרייסט.

אין לעגינס פּילצאָליקע ווערק האָט זיך מיר איינגעגעבן צו פאַרצייכענען בלויז פינף פאַלן, וואו לענין באַרירט פאַרבייגייענדיק די פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פון דער פאַרטיי.

דער ערשטער פאַל — דאָס איז די פּאָלעמיק מיט די עסערן און מענשעוויקעס, וואו ער זאָגט:

„ווען מען וואַרפט אונדז אויף די דיקטאַטור פון איין פאַרטיי און מען ליגט פאַר, ווי איר האָט געהערט, אן איינהייטלעכן סאָציאַליסטישן פראָנט, זאָגן מיר: „יאָ, די דיקטאַטור פון איין פאַרטיי! מיר זיינען פאַר איר, און פון דעם דאָזיקן באָדן קאָנען מיר ניט אַראָפּגיין דערפאַר, ווייל דאָס איז די פאַרטיי, וועלכע האָט אין משך פון יאָרצענדליקער דעראָבערט פאַר זיך די לאַגע פון אַן אוואַנגאַרד פון דעם גאַנצן פאַבריק-זאַוואָדישן און אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט"" (זע ב. XXIV, ז. 423).

דער צווייטער פאַל — דאָס איז דער „בריוו צו די אַרבעטער און פּויערים אין צוזאַמענהאַנג מיטן זיג איבער קאָלטשאַקן", וואו ער זאָגט:

„די פּויערים סטראַשעט מען (באַזונדערס טוען עס די מענשעוויקעס און די עסערן, אַלע, אפילו די „לינקע" פון זיי) מיט דער סטראַשידלע פון „דיקטאַטור פון איין פאַרטיי", פון דער פאַרטיי באָלשעוויקעס קאָמוניסטן. אויפן בײַשפּיל פון קאָלטשאַקן האָבן די פּויערים זיך אויסגעלערנט ניט מורא צו האָבן פאַר דער סטראַשידלע. אָדער די דיקטאַטור (דה. די אייזערנע מאַכט) פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן אָדער די דיקטאַטור פונעם אַרבעטער-קלאַס" (זע ב. XXIV, ז. 436).

דער דריטער פאַל — דאָס איז לענינס רעדע אויפן II קאָנגרעס פון קאָמינטערן אין דער פּאָלעמיק מיט טאַנערן. די דאָזיקע רעדע האָב איך ציטירט אויבן.

דער פערטער פאַל — דאָס זיינען עטלעכע שורות אין דער בראָשור „די קינדער-קראַנקייט". די אַנטשפּרעכיקע ציטאַטעס זיינען שוין געבראַכט אויבן.

און דער פינפטער פאַל — דאָס איז אַן עסקיז פון א סכעמע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, פאַרעפנטלעכט אינעם III „לענינישן זאַמלבוך", דאָרט איז פאַראַן אַן אונטער-קעפּל אונטערן נאָמען „דיקטאַטור פון איין פאַרטיי" (זע „לענינישער זאַמלבוך" III, ז. 497).

מען דאַרף פאַרצייכענען, אַז אין צוויי פאַלן פון די פינף, אינעם לעצטן און אין דעם צווייטן פאַל, נעמט לענין די ווערטער „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי" אין גענדזן־פיסלעך, אונטערשטרײַכנדיק בפירוש דעם ניט־פּינקטלעכן, פיגוראַלן זין פון דער דאָזיקער פאָרמולע.

מען דאַרף אויך פאַרצייכענען, אַז אין אַט די אַלע פאַלן פאַרשטייט לענין אונטער „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי" בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס ניט דיקטאַטור אינעם אייגנטלעכן זינען פונעם דאָזיקן וואָרט („א מאכט, וואָס שטיצט זיך אויף געוואַלט"), נאָר די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין קיין איינעם פון זײַנע ווערק, די גרונטיקע און די צווייטראַנגיקע, וואו לענין באַהאַנדלט אָדער דערמאָנט פשוט וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און וועגן דער ראָליע פון דער פּאַרטיי אין דער סיסטעם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, איז אפילו קיין רמז ניטאָ אויף דעם, אַז „די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז די דיקטאַטור פון אונדזער פּאַרטיי". פאַרקערט, יעדעס זײַטל, יעדע שורה פון די דאָזיקע ווערק שרײַט קעגן אַזאַ פאָרמולע (זע „מלוכה און רעוואָלוציע", „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי", „די קינדערקראַנקײַט" אאַזוו.).

נאָך מער כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס אין די טעזיסן פונעם II קאָנגרעס פון קאָמינטערן וועגן דער ראָליע פון א פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן אונטער לענינס אוממיטלבאַרער אָנפירונג, אויף וועלכע לענין האָט זיך ניט איין מאָל פאַררופן אין זײַנע רעדעס, ווי אויף א מוסטער פון ריכטיקן פאָרמולירן די ראָליע און די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי, — געפינען מיר ניט קיין איין, בוכשטעבלעך קיין איין וואָרט ניט וועגן דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי.

וועגן וואָס רעדט דאָס אַלץ?

וועגן דעם, אַז:

א) לענין האָט ניט געהאַלטן די פאָרמולע „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי" פאַר א טאַדללאָזער, פאַר א פּינקטלעכער, און דעריבער ווערט זי באַנוצט אין לענינס ווערק ביז גאָר זעלטן און זי ווערט צומאָל גענומען אין גענדזן־פיסלעך;

ב) אין דער קלענער צאָל פאַלן, וואו לענין איז געצוואונגען געווען, אין א פּאָלעמיק מיט קעגנערס, צו ריידן וועגן דיקטאַטור פון

דער פּאַרטיי, האָט ער גערעדט געוויינלעך וועגן דער „דיקטאַטור פון איין פּאַרטיי", ד.ה. וועגן דעם, אַז די פּאַרטיי אונדזערע שטייט ביי דער מאַכט אַליין, אַז זי טיילט ניט די מאַכט מיט קיין אַנדערע פּאַרטייען, דערביי פלעגט ער שטענדיק אויפקלערן, אַז אונטער דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס דאַרף מען פאַרשטיין די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, איר אָנפירנדיקע ראָליע;

ג) אין די אַלע פאַלן, ווען לענין האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו דעפינירן וויסנשאַפטלעך די ראָליע פון דער פּאַרטיי אין דער סיסטעם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, האָט ער גערעדט אויסשליסלעך וועגן דער אָנפירנדיקער ראָליע פון דער פּאַרטיי (און אַזעלכע פאַלן זיינען פאַראַן טויזנטער) בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס;

ד) טאַקע דערפאַר איז לענין ניט „געפאַלן אויפן שכל" איינצושליסן אין דער גרונט־רעזאָלוציע וועגן דער ראָליע פון דער פּאַרטיי — איך מיין די רעזאָלוציע פון II קאָנגרעס פון קאָמינטערן — די פאָרמולע „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי";

ה) ניט גערעכט פונעם שטאַנדפּונקט פון לעניניזם און פּאָליטיש קורצזיכטיק זיינען די חברים, וואָס אידענטיפיצירן אָדער פרואוון אידענטיפיצירן די „דיקטאַטור" פון דער פּאַרטיי, און, דאָס הייסט, אויך די „דיקטאַטור פון די פירער", מיט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווייל דערמיט זיינען זיי עובר אויף די באַדינגונגען פון ריכטיקער קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן דעם אַוואַנגאַרד מיטן קלאַס.

איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אַז די פאָרמולע „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי", גענומען אָן די אויבן אָנגעוויזענע רעזערוואַציעס, קאָן שאַפן אַ גאַנצע ריי געפאַרן און פּאָליטישע מינוסן אין אונדזער פּראַקטישער אַרבעט. מיט דער דאָזיקער פאָרמולע, גענומען אָן רעזערוואַציעס, וואָלט מען ווי אונטערגעזאָגט:

א) די אומפּאַרטייאישע מאַסן: איר זאָלט זיך ניט דערוועגן צו ווידערשפּרעכן, איר זאָלט זיך ניט דערוועגן אַרויסצוזאָגן אייער אייגענע מיינונג, ווייל די פּאַרטיי קאָן אַליץ, ווייל ביי אונדז איז דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי;

ב) די פּאַרטייאישע קאַדרען: האַנדלט דרייסטער, דריקט אָן שטאַרקער, מען מעג אויך זיך ניט צוהערן צו דער שטים פון די אומפּאַרטייאישע מאַסן, — ביי אונדז איז דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי;

ג) די פּאַרטייאישע אויבערשיכטן: מען מעג זיך פאַרגינען דעם

לוקסוס פון א געוויסער זעלבסט־צופרידנקייט, מען מעג אפשר אפי־לו א ביסעלע זיך פארריסן, ווייל ביי אונדז איז דיקטאטור פון דער פארטיי, און „הייסט עס", אויך דיקטאטור פון די פירער.

וועגן די דאזיקע געפארן איז אמפלאץ צו דערמאנען גראד איצט, אינעם פעריאד, ווען עס שטייגט די פאליטישע אקטיוויקייט פון די מאסן, ווען די גרייטקייט פון דער פארטיי צוצוהערן זיך אויפמערקזאם צו דער שטים פון די מאסן האט פאר אונדז א באַ־זונדער ווערט, ווען די אויפמערקזאמקייט צו די באדערפענישן פון די מאסן איז דער גרונט־געבאט פון אונדזער פארטיי, ווען פון דער פארטיי פאדערט זיך באזונדערע פארזיכטיקייט און באזונדערע בייגעוודיקייט אין דער פאליטיק, ווען די געפאר פון פארריסן זיך איז איינע פון די סאמע ערנסטע געפארן, וואס שטייען פאר דער פארטיי אין הינזיכט פון ריכטיקן אנפירן מיט די מאסן.

עס איז אוממעגלעך ניט צו דערמאנען לענינס גאלדענע ווער־טער, וואס ער האט געזאגט אויפן XI צוזאמענפאר פון אונדזער פארטיי:

„אין דער פאלקס־מאסע זיינען מיר (די קאמוניסטן. י. ס ט.) דאך א טראפן אין ים, און מיר קאנען רעגירן בלויז דאן, ווען מיר דריקן אויס ריכטיק דאס, וואס דאס פאלק באזיניקט. אן דעם וועט די קאמו־ניסטישע פארטיי ניט פירן דעם פראלעטאריאט, און דער פראלעטאריאט וועט ניט פירן נאך זיך די מאסן, און די גאנצע מאשין וועט צעפאלן ווערן" (זע ב. XXVII, ז. 256).

„ריכטיק אויסדריקן דאס, וואס דאס פאלק באזיניקט" — אט דאס איז טאקע דער נייטיקער באדינג, וואס זיכערט פאר דער פאר־טיי די בכבודיקע ראליע פון דער גרונטיקער אנפירנדיקער קראפט אין דער סיסטעם פון דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט.

VI

די פראגע וועגן דעם זיג פון סאציאליזם אין איין לאנד

אין דער בראשור „וועגן די יסודות פון לעניניזם" (אפריל 1924 יאר, ערשטע אויפלאגע) זיינען פאראן צוויי פארמולירונגען פון דער פראגע וועגן דעם זיג פון סאציאליזם אין איין לאנד. די ערשטע פארמולירונג זאגט:

„פריער האט מען געהאלטן דעם זיג פון דער רעוואלוציע אין איין לאנד פאר ניט מעגלעך, מיינענדיק, אז צוליב א זיג איבער דער בורזשו־

אזוי איז נייטיק א געמיינזאמע אַרויסטרעטונג פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע פאָרגעשריטענע לענדער אָדער, אַלנפאַלס, פון דער מערהייט אַזעלכע לענדער. איצט אַנטשפּרעכט שוין ניט דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט דער ווירקלעכקייט. איצט דאַרף מען אַרויסגיין פון דעם, אַז אַזאַ זיג איז מעגלעך, ווייל דער ניט־גלייכמעסיקער און שפּרונגאַרטיקער כאַראַקטער פון דער אַנטוויקלונג פון פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין די אומשטענדן פון אימפּעריאַליזם, די אַנטוויקלונג פון קאַטאַסטראָפאַלע ווידערשפּרוכן אינווייניק אינעם אימפּעריאַליזם, וואָס פירן צו אומפאַרמיידלעכע מלחמות, דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַלע לענדער פון דער וועלט, — אָט דאָס אַלץ פירט ניט בלויז צו דער מעגלעכקייט, נאָר אויך צו דער נויטווענדיקייט פונעם זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין איינצלנע לענדער" (זע „וועגן די יסודות פון לעניניזם").

די דאָזיקע הנחה איז אַבסאָלוט ריכטיק, און זי נייטיקט זיך ניט אין קיין קאָמענטאַרן. זי איז געווענדט קעגן דער טעאָריע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האַלטן דאָס נעמען די מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד, אָן אַ גלייכצייטיקער זיגרייכער רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער, — פאַר אַן אוטאָפּיע.

אין דער בראָשור „וועגן די יסודות פון לעניניזם" איז אָבער פאַראַן נאָך אַ צווייטע פאָרמולירונג. דאָרט ווערט געזאָגט[1]:

„אָבער אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און אוועקשטעלן די מאַכט פונעם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד הייסט נאָך ניט זיכערן דעם פולשטענדיקן זיג פון סאָציאַליזם. די הויפּט־אויפגאַבע פונעם סאָציאַליזם — אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע — שטייט נאָך פאָר. צי קאָן מען לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע, צי קאָן מען זיך דערשלאָגן צום ענדגילטיקן זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד אָן די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאַריער פון עטלעכע פאָרגעשריטענע לענדער? ניין, עס איז אוממעגלעך. אויף אַראָפּצוואַרפן די בורזשואַזיע זיינען גענוג די אָנשטרענגונגען פון איין לאַנד — וועגן דעם זאָגט אונדז די געשיכטע פון אונדזער רעוואָלוציע. צוליב אַן ענדגילטיקן זיג פון סאָציאַליזם, אויף אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע זיינען די אָנשטרענגונגען פון איין לאַנד, באַזונדערס פון אַזאַ פּויעריש לאַנד, ווי רוסלאַנד, שוין ניט גענוג — דערצו זיינען נייטיק די אָנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאַריער פון עטלעכע פאָרגעשריטענע לענדער" (זע „וועגן די יסודות פון לעניניזם", ערשטע אויפלאַגע).

די דאָזיקע צווייטע פאָרמולירונג איז געווען געווענדט קעגן דער באַהויפּטונג פון די קריטיקער פונעם לעניניזם, קעגן די טראָצקיסטן, וואָס פלעגן טענהן, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין

---

1 עס רעדט זיך וועגן דער ערשטער אויפלאַגע.

איין לאנד, בעת עס איז ניטא קיין זיג אין אנדערע לענדער, קאן ניט „בנישטיין קעגן דער קאנסערוואטיווער אייראפע".

אויף אזויפיל, — אבער בלויז אויף אזויפיל, — איז די דאזיקע פארמולירונג דעמלט (אין אפריל 1924 יאר) געווען גענוג, און זי האט, אן ספק, געבראכט געוויסע נוצן.

שפעטער אבער, ווען די קריטיק פונעם לעניניזם אין דעם דאזיקן טייל איז שוין אין דער פארטיי בנייגעקומען געווארן און ווען אין טאג־סדר האט זיך געשטעלט א נייע פראגע, די פראגע וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובויען א פולשטענדיקע סאציאליסטישע געזעלשאפט מיט די קרעפטן פון אונדזער לאנד, אן הילף פון אויסן,— האט זיך שוין די צווייטע פארמולירונג ארויסגעוויזן פאר בפירוש ניט גענוג און, דעריבער, ניט ריכטיק.

אין וואס באשטייט דער חסרון פון דער דאזיקער פארמולירונג?

איר חסרון באשטייט דערין, וואס זי בינדט צונויף אין איין פראגע צוויי פארשיידענע פראגן: די פראגע וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאציאליזם מיט די קרעפטן פון איין לאנד, וואס דערויף דארף געגעבן ווערן א פאזיטיווער ענטפער, און די פראגע וועגן דעם, צי קאן דאס לאנד, וואו עס הערשט די דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט, זיך האלטן פולשטענדיק גאראנטירט קעגן אן אינטערווענציע און, דאס הייסט, קעגן דער רעסטאווראציע פון די אלטע פארהעלטענישן אן א זיגרייכער רעוואלוציע אין א ריי אנדערע לענדער, וואס דערויף דארף געגעבן ווערן א נעגאטיווער ענטפער. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אז די דאזיקע פארמולירונג קאן געבן א גרונט צו טראכטן, אז ארגאניזירן די סאציאליסטישע געזעלשאפט מיט די קרעפטן פון איין לאנד איז אוממעגלעך, וואס דאס איז, פארשטייט זיך, ניט ריכטיק.

אויף דעם סמך האב איך געענדערט, פאררעכט די דאזיקע פארמולירונג אין מיין בראשור „די אקטאבער־רעוואלוציע און די טאקטיק פון די רוסישע קאמוניסטן" (דעצעמבער 1924 יאר), איך האב צעגלידערט די דאזיקע פראגע אויף צוויי פראגן, אויף דער פראגע וועגן דער פולשטענדיקער גאראנטיע קעגן דער רעסטאווראציע פון די בורזשואזע פארהעלטענישן און אויף דער פראגע וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובויען א פולשטענדיקע סאציאליסטישע געזעלשאפט אין איין לאנד. דאס איז דערגרייכט געווארן, ערשטנס, דורך דעם, וואס איך באטראכט דעם „פולשטענדיקן זיג פון סאציאליזם" אלס א „פולשטענדיקע גאראנטיע קעגן דער אויפשטעלונג פון די אלטע

פאַרהעלטעניש‟, וואָס דאָס איז מעגלעך בלויז דורך די „געמיינ־זאַמע אָנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאַריער פון עטלעכע לענדער‟, און, צווייטנס, דורך פּראָקלאַמירן, אויפן גרונט פון לעניִנס בראָשור „וועגן דער קאָאָפּעראַציע‟, דעם אומבאַשטרײַטבאַרן אמת, אַז מיר האָבן אַלדאָס נייטיקע צום אויסבויען אַ פולשטענדיקע סאָציאַליס־טישע געזעלשאַפט (זע „די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די טאַקטיק פון די רוסישע קאָמוניסטן‟)[1].

די דאָזיקע נײַע פאָרמולירונג פון דער פראַגע איז טאַקע גע־לייגט געוואָרן אין גרונט פון דער באַוואוסטער רעזאָלוציע פון דער XIV פאַרטיי־קאָנפערענץ „וועגן די אויפגאַבן פון קאָמינטערן און פון דער רקפּ(ב)‟, וועלכע באַטראַכט די פראַגע וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סטאַביליזאַ־ציע פונעם קאַפּיטאַליזם (אַפּריל 1925 יאָר) און וועלכע האַלט דאָך אויסבויען דעם סאָציאַליזם מיט די קרעפטן פון אונדזער לאַנד פאַר מעגלעך און נויטווענדיק.

זי האָט אויך געדינט אַלס יסוד פאַר מײַן בראָשור „צו די סך־הכלען פון דער אַרבעט פון דער XIV פאַרטיי־קאָנפערענץ‟, וועל־כע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן גלײַך נאָך דער XIV פאַרטיי־קאָנפע־רענץ, אין מײַ 1925 יאָר.

בנוגע דער פראַגע וועגן דער שטעלונג פון דער פראַגע מכּוח דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד ווערט אין דער דאָזיקער בראָשור געזאָגט:

„אונדזער לאַנד שטעלט פאָר צוויי גרופּעס ווידערשפּרוכן. איין גרופּע ווידערשפּרוכן — דאָס זײַנען די אינערלעכע ווידערשפּרוכן, וואָס עקזיס־טירן צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום (דאָ האַנדלט זיך וועגן אויסבויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד. י. ס ט.). די צווייטע גרופּע ווידערשפּרוכן — דאָס זײַנען די אויסערלעכע ווידערשפּרוכן, וואָס זײַ־נען פאַראַן צווישן אונדזער לאַנד, אַלס לאַנד פון סאָציאַליזם, און אַלע איבעריקע לענדער, אַלס לענדער פון קאַפּיטאַליזם (דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם ענדגילטיקן זיג פון סאָציאַליזם. י. ס ט)‟... „ווער עס מישט צונויף די ערשטע גרופּע ווידערשפּרוכן, וועלכע מען קאָן פולשטענדיק בײַקומען דורך די אָנשטרענגונגען פון איין לאַנד, מיט דער צווייטער גרופּע ווי־דערשפּרוכן, וואָס צו לייזן זיי פאָדערן זיך די אָנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאַריער פון עטלעכע לענדער, — יענער באַגייט דעם גראָבסטן פעלער

---

1 אין די ווײַטערדיקע אויפלאַגעס פון דער בראָשור „וועגן די יסודות פון לעניניזם‟ איז די אַלטע פאָרמולירונג פון דער פראַגע פאַרביטן גע־וואָרן דורך דער דאָזיקער נײַער פאָרמולירונג.

קעגן לעניניזם, יענער איז אָדער א פּלאַנטער־קאָפּ אָדער א פארפאלענער אָפּאָרטוניסט" (זע „צו די סך־הכלען פון דער ארבעט פון דער XIV פארטיי־קאָנפערענץ").

בנוגע דער פראגע וועגן דעם זיג פון סאָציאליזם אין אונדזער לאנד זאָגט די בראָשור:

„מיר קאָנען אויסבויען דעם סאָציאליזם, און מיר וועלן אים בויען צוזאמען מיטן פויערטום, אונטער דער אָנפירונג פונעם ארבעטער־קלאס"... ווייל „בײַ דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט זײַנען בײַ אונדז פאראן... אלע באדינגונגען, וואָס זײַנען נייטיק, כדי אויסצובויען א פולשטענדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט, בײַקומענדיק אלע און אלערלייַ אינערלעכע שוועריקייטן, ווײַל מיר קאָנען און מיר דארפן זיי בײַקומען מיט אונדזערע אייגענע קרעפטן" (זע דאָרטן).

בנוגע דער פראגע ווידער וועגן דעם ענדגילטיקן זיג פון סאָציאליזם ווערט דאָרט געזאָגט:

„דער ענדגילטיקער זיג פון סאָציאליזם איז א פולשטענדיקע גאראנטיע קעגן די פרואוון פון אן אינטערווענציע און, דאָס הייסט, אויך קעגן רעסטאווראציע, ווײַל א וויפל־ניט־איז ערנסטער פרואוו פון רעסטאווראציע קאָן פאָרקומען בלויז בײַ אן ערנסטער שטיצע פון אויסן, בלויז בײַ דער שטיצע מצד דעם אינטערנאציאָנאלן קאפיטאל. דעריבער איז דאָס שטיצן אונדזער רעוואָלוציע מצד די ארבעטער פון אלע לענדער, און בפרט נאָך דער זיג פון די דאָזיקע ארבעטער כאָטש אין עטלעכע לענדער, א נויטווענדיקער באדינג אויף צו גאראנטירן אין דער פולער מאָס דאָס לאנד, וואָס האָט דאָס ערשטע געזיגט, קעגן די פרואוון פון אינטערווענציע און רעסטאווראציע, א נויטווענדיקער באדינג פארן ענדגילטיקן זיג פון סאָציאליזם" (זע דאָרטן).

דוכט זיך, קלאָר.

עס איז באוואוסט, אז אין דעם זעלבן גײַסט ווערט באהאנדלט די דאָזיקע פראגע אין מײַן בראָשור „פראגן און ענטפערס" (יוני 1925 יאָר) און אינעם פּאָליט־באריכט פונעם צק אויפן XIV צוזאמענפאָר פון דער אלקפּ(ב) (דעצעמבער 1925 יאָר).

אָט דאָס זײַנען די פאקטן.

די דאָזיקע פאקטן זײַנען באוואוסט, מיין איך, אלעמען און יעדן, דערונטער אויך זינאָוויעוון.

אויב איצט, כמעט אין צוויי יאָר ארום נאָך דעם אידייאישן קאמף אין דער פארטיי און נאָך דער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער XIV פארטיי־קאָנפערענץ (אפּריל 1925 יאָר), האלט זינאָוויעוו פאר מעגלעך ארויסצושלעפּן אין זײַן שלוס־וואָרט אויפן XIV פארטיי־צוזאמענפאָר (דעצעמבער 1925 יאָר)

די אלטע, אבסאָלוט ניט־גענוגנדיקע פאָרמולע פון סטאלינס בראָשור, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אפריל 1924 יאָר, אלס א באזע צום לייזן א שוין געלייזטע פראגע וועגן דעם זיג פון סאָציאליזם אין איין לאנד, — באווייזט די דאָזיקע אייגנארטיקע מאניר זינאָוויעווס בלויז, אז ער האָט זיך ענדגילטיק פארפלאָנטערט אין דער דאָזיקער פראגע. שלעפן די פארטיי אויף צוריק, נאָך דעם, ווי זי איז אוועק פאָראויס, איגנאָרירן די רעזאָלוציע פון דער XIV פארטיי־קאָנפערענץ, נאָך דעם, ווי זי איז באשטעטיקט דורכן פלענום פון צק, — דאָס באטייט האָפענונגסלאָז פארזינקען אין ווידערשפרוכן, ניט גלייבן אין דער בויאונג פונעם סאָציאליזם, אראָפגיין פון לעגינס וועג און באשטעטיקן די אייגענע מפלה.

וואָס הייסט די מעגלעכקייט פון זיג פונעם סאָציאליזם אין איין לאנד?

דאָס הייסט די מעגלעכקייט צו לייזן די ווידערשפרוכן צווישן דעם פראָלעטאריאט און דעם פויערטום מיט די אינערלעכע קרעפטן פון אונדזער לאנד, די מעגלעכקייט, אז דער פראָלעטאריאט זאָל נעמען די מאכט און אויסנוצן די דאָזיקע מאכט אויף אויסבויען א פולשטענדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט ביי אונדז אין לאנד, ביי דער סימפאטיע און ביי דער שטיצע מצד די פראָלעטאריער פון אנדערע לענדער, אָבער אָן א פאָראויסיקן זיג פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע אין אנדערע לענדער.

אָן אזא מעגלעכקייט איז די בויאונג פון סאָציאליזם א בויאונג אָן א פערספעקטיוו, א בויאונג אָן דער זיכערקייט אויסצובויען דעם סאָציאליזם. עס איז ניט מעגלעך צו בויען דעם סאָציאליזם, ווען מען איז ניט זיכער, אז מען קאָן אים אויסבויען, ווען מען איז ניט זיכער, אז די טעכנישע אָפגעשטאנענקייט פון אונדזער לאנד איז ניט אזא שטערונג פאר דער אויסבויאונג פון דער פולשטענדיקער סאָציאליסטישער געזעלשאפט, אז מען זאָל זי ניט קאָנען בייקומען. לייקענען אין אזא מעגלעכקייט הייסט ניט גלייבן אין דער בויאונג פונעם סאָציאליזם, הייסט אָפגיין פונעם לעניניזם.

וואָס הייסט די אוממעגלעכקייט פון א פולשטענדיקן, ענדגילטיקן זיג פון סאָציאליזם אין איין לאנד אָן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין אנדערע לענדער?

דאָס הייסט די אוממעגלעכקייט פון א פולשטענדיקער גאראנטיע קעגן אן אינטערווענציע, און, אלזאָ, אויך קעגן דער רעסטאווראציע פון די בורזשואזע פארהעלטענישן, אָן דעם זיג פון דער רעוואָ־

לוציע, וויניקסטנס, אין א ריי לענדער. לייקענען אין דער דאָזיקער אומבאַשטרײַטלעכער הנחה הייסט אָפּגיין פֿונעם אינטערנאַציאָנאַליזם, אָפּגיין פֿונעם לעניניזם.

„מיר לעבן, — זאָגט לענין, — ניט בלויז אין א מלוכה, נאָר אויך אין א סיסטעם פון מלוכות, און אז די סאָוועטישע רעפּובליק זאָל עקזיסטירן זײַט־בײַ־זײַט מיט אימפּעריאַליסטישע מלוכות אין משך פֿון א דויערנדיקער צײַט, — דאָס קאָן ניט געמאָלט זײַן. סוף־כּל־סוף וועט זיגן אָדער איינס אָדער דאָס צווייטע. און ביז דער דאָזיקער סוף וועט קומען, איז א ריי שרעקלעכסטע צוזאַמענשטויסן צווישן דער סאָוועטישער רעפּובליק מיט די בורזשואַזע מלוכות אומפֿאַרמײַדלעך. דאָס באַטײַט, אז דער הערשנדיקער קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט, אויב ער וויל נאָר און ער וועט הערשן, דאַרף ער דאָס דערווײַזן אויך מיט זײַן מיליטערישער אָרגאַניזאַציע" (זע ב. XXIV, ז. 122).

„מיר האָבן פֿאַר זיך, — זאָגט לענין אין א צווייט אָרט, — א העכסט ניט־שטאַנדהאַפֿטיקן, אָבער דאָך בפּירוש, אומבאַשטרײַטלעכן געוויסן גלײַכגעוויכט. צי דאָס איז אויף לאַנג — וויים איך ניט, און איך מיין, אז וויסן דאָס קאָן מען ניט. און דעריבער איז פֿון אונדזער זײַט נייטיק די גרעסטע פֿאָרזיכטיקײַט. און דאָס ערשטע געבאָט פֿון אונדזער פּאָליטיק, די ערשטע לעקציע, וואָס דרינגט ארויס פֿון אונדזער רעגירונגס־טעטיקײַט פֿאַרן יאָר, א לעקציע, וועלכע עס דאַרפֿן באַנעמען אַלע אַרבעטער און פּויערים, דאָס איז — זײַן אויף דער וואַך, געדענקען, אז מיר זײַנען אַרומגערינגלט מיט מענטשן, מיט קלאַסן, מיט רעגירונגען, וואָס דריקן אָפֿן אויס דעם גרעסטן האַס צו אונדז. מען דאַרף געדענקען, אז מיר זײַנען שטענדיק אויף א האָר פֿון יעדן מין אָנפֿאַל" (זע ב. XXVII, ז. 117).

דוכט זיך, קלאָר.

ווי האַלט עס בײַ זינאָוויעוון מכּוח דער פֿראַגע וועגן דעם זיג פֿון סאָציאַליזם אין איין לאַנד?

הערט:

„אונטער ענדגילטיקן זיג פֿונעם סאָציאַליזם דאַרף מען פֿאַרשטיין, — זינאָוויעוו, — 1) די פֿאַרניכטונג פֿון די קלאַסן און, דאָס הייסט, 2) די אָפּשאַפֿונג פֿון דער דיקטאַטור פֿון איין קלאַס, אינעם געגעבענעם פֿאַל, פֿון דער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט"... „כּדי נאָך פּינקטלעכער קלאָר צו מאַכן פֿאַר זיך, — זאָגט ווײַטער זינאָוויעוו, — ווי אַזוי די פֿראַגע שטייט בײַ אונדז אין פּסר אין 1925 יאָר, דאַרף מען אונטערשיידן צוויי זאַכן: 1) די געזיכערטע מעגלעכקײַט צו בויען דעם סאָציאַליזם, — אַזאַ מעגלעכקײַט צו בויען דעם סאָציאַליזם קאָן, פֿאַרשטייט זיך, פֿולשטענדיק געמאָלט זײַן אויך אין די ראַמען פֿון איין לאַנד, און 2) די ענדגילטיקע אויסבויאונג און פֿאַרפֿעסטיקונג פֿונעם סאָציאַליזם, דה. די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט".

וואָס קאָן דאָס אַלץ באַטײַטן?

דאָס קאָן באַטײַטן, אַז אונטער ענדגילטיקן זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד פאַרשטייט זינאָוויעוו ניט די גאַראַנטיע קעגן אַן אינטערווענציע און רעסטאַווראַציע, נאָר די מעגלעכקייט אויסצובויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. אונטער אַ זיג ווידער פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד פאַרשטייט זינאָוויעוו אַזאַ בויאונג פונעם סאָציאַליזם, וועלכע קאָן ניט און דאַרף ניט ברענגען צו דער אויסבויאונג פון סאָציאַליזם. אַ בויאונג אויף טאָמער, אָן אַ פּערספּעקטיוו, אַ בויאונג פונעם סאָציאַליזם בײַ דער אוממעגלעכקייט אויסצובויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט — אָט אַזאַ איז זינאָוויעווס פּאָזיציע.

בויען דעם סאָציאַליזם אָן דער מעגלעכקייט אויסצובויען אים, בויען, ווען דו ווייסט, אַז דו וועסט ניט אויסבויען, — אָט צו וואָס פאַרא אַבסורדן עס האָט זיך דערעדט זינאָוויעוו.

דאָס הייסט דאָך אָבער חוזק מאַכן פון דער פראַגע און ניט לייזן די פראַגע!

און אָט איז נאָך איין שטעל פון זינאָוויעווס שלוס־וואָרט אויפן XIV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר:

„טוט אַ קוק, צו וואָס, אַשטייגער, עס האָט זיך דערעדט דער ח' יאַקאָווּלעוו אויף דער לעצטער קורסקער גובפּאַרטקאָנפערענץ. „צי קאָנען מיר אין איין לאַנד, — פרעגט ער, — בעת מיר זײַנען אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט קאַפּיטאַליסטישע שונאים, צי קאָנען מיר אין אַזעלכע באַדינגונגען אויסבויען אין איין לאַנד דעם סאָציאַליזם?" און ער ענטפערט: „אויפן גרונט פון דעם אַלעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, האָבן מיר דאָס רעכט צו זאָגן, אַז ניט נאָר מיר בויען דעם סאָציאַליזם, נאָר אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר זײַנען דערווײַל אַליין, וואָס מיר זײַנען דערווײַל דאָס איינציקע סאָוועטישע לאַנד אין דער וועלט, די איינציקע סאָוועטישע מלוכה, — וועלן מיר דעם דאָזיקן סאָציאַליזם אויסבויען" („קורסקאַיאַ פּראַוודאַ", נומ. 279 פון 8 דעצעמבער 1925 יאָר). איז דאָס דען אַ לעניניש שטעלונג פון דער פראַגע, פילט זיך דען דאָ ניט קיין גערוך פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקײַט?" [1].

אַזוי־אַרום קומט אויס לויט זינאָוויעוון, אַז אָנערקענען די מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד — הייסט שטעלן זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקײַט,

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

לייקענען ווידער אין אזא מעגלעכקײט — הייסט שטעלן זיך אויפן שטאנדפונקט פון אינטערנאציאנאליזם.

נאר אויב דאס איז ריכטיק, — צי לוינט דען בכלל פירן א קאמף פארן זיג איבער די קאפיטאליסטישע עלעמענטן פון אונדזער ווירטשאפט? צי דרינגט ניט דערפון ארויס, אז אזא זיג איז אוממעגלעך?

קאפיטוליאציע פאר די קאפיטאליסטישע עלעמענטן פון אונדזער ווירטשאפט — אט וואוהין עס פירט די אינערלעכע לאגיק פון זינאוויעווס ארגומענטאציע.

און דעם דאזיקן אבסורד, וואס האט קיין שום געמיינזאמעס ניט מיטן לעניניזם, טראגט אונדז זינאוויעוו אונטער אלס „אינטערנאציאנאליזם", אלס „הונדערט־פראצענטיקן לעניניזם"!

איך באהויפט, אז אין דער וויכטיקסטער פראגע וועגן דער בוי־אונג פונעם סאציאליזם גייט זינאוויעוו אפ פונעם לעניניזם און קײקלט זיך אראפ אויפן שטאנדפונקט פונעם מענשעוויק סוכאנאוו.

לאמיר זיך ווענדן צו לענינען. אט וואס ער זאגט וועגן דעם זיג פון סאציאליזם אין איין לאנד נאך פאר דער אקטאבער־רעוואלוציע, אין אויגוסט 1915 יאר:

„די ניט־גלײַכמעסיקײט פון דער עקאנאמישער און פאליטישער אנטוויקלונג איז אן אומבאדינגטער געזעץ פון קאפיטאליזם. פונדאנען איז געדרונגען, אז עס איז מעגלעך דער זיג פון סאציאליזם צוערשט אין א קליינער צאל אדער אפילו אין איין, באזונדער גענומען, קאפיטאליסטיש לאנד. דער זיגרײַכער פראלעטאריאט פון דעם דאזיקן לאנד וואלט, נאכן עקספראפריאירן די קאפיטאליסטן און נאכן א ר ג א נ י ז י ר ן בײַ ז י ך ד י ס א צ י א ל י ס ט י ש ע פ ר א ד ו ק צ י ע[1], אויפגעשטאנען ק ע ג ן דער איבעריקער, קאפיטאליסטישער וועלט, צוציענדיק צו זיך די אונטערדריקטע קלאסן פון אנדערע לענדער, אויפהייבנדיק צווישן זיי אן אויפשטאנד קעגן די קאפיטאליסטן, ארויסטרעטנדיק אין פאל, ווען דאס וועט נייטיק זײַן, אפילו מיט מיליטערישער קראפט קעגן די עקספלואטאטארישע קלאסן און זייערע מלוכות" (זע ב. XVIII, ז. 232—233).

וואס באטײַט די אונטערגעשטראכענע פראזע לענינס: „נאכן ארגאניזירן בײַ זיך די סאציאליסטישע פראדוקציע"? דאס באטײַט, אז דער פראלעטאריאט פון דעם לאנד, וואס האט געזיגט, קאן און דארף, נאכן נעמען די מאכט, ארגאניזירן בײַ זיך די סאציאליסטישע פראדוקציע. און וואס באטײַט „ארגאניזירן די סאציא־

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

ליסטישע פראָדוקציע״? דאָס באַטײַט אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אַז די דאָזיקע קלאָרע און באַשטימטע הנחה לענינס נייטיקט זיך ניט אין קיין ווײַטערדיקע קאָמענטאַרן. אין קעגנפאַל וואָלט ניט פאַרשטענדלעך געווען לענינס רוף אין אָקטאָבער 1917, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל נעמען די מאַכט.

איר זעט, אַז די דאָזיקע קלאָרע הנחה לענינס שיידט זיך אונטער, ווי הימל פון ערד, פון זינאָוויעווס פאַרפּלאָנטערטער און אַנטילעניניסטישער „הנחה״ וועגן דעם, אַז מיר קאָנען בויען דעם סאָציאַליזם „אין די ראַמען פון איין לאַנד״ בײַ דער אוממעגלעכקייט אויסצובויען אים.

דאָס האָט לענין געזאָגט אין 1915 יאָר, אײדער דער פּראָלעטאַריאַט האָט גענומען די מאַכט. נאָר אפשר האָבן זיך בײַ אים געביטן די אָנשויאונגען נאָך דער דערפאַרונג פון נעמען די מאַכט, נאָכן 1917 יאָר? לאָמיר זיך ווענדן צו לענינס בראָשור „וועגן דער קאָאָפּעראַציע״, געשריבן אין 1923 יאָר.

„אין דער אמתן, — זאָגט לענין, — די מאַכט פון דער מלוכה אויף אַלע גרויסע פּראָדוציר־מיטלען, די מאַכט פון דער מלוכה אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער בונד פון אָט דעם פּראָלעטאַריאַט מיט די פיל מיליאָנען קליינע און גאָר דריבנע פּויערים, דאָס זיכערן פאַר דעם דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט די אָנפירונג בנוגע דעם פּויערטום אאַו., — צי דען איז דאָס ניט אַלץ, וואָס עס איז נייטיק, כדי פון דער קאָאָפּעראַציע, בלויז פון דער קאָאָפּעראַציע אַליין, וועלכע מיר האָבן פריער טרעטירט, ווי אַ הענדלערישע, און וועלכע מיר האָבן דאָס רעכט פון אַ געוויסער זײַט אַזוי צו טרעטירן אויך איצט בײַם נעפּ, צי דען איז דאָס ניט אַלץ, וואָס עס איז נייטיק אויף אויסצובויען אַ פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט?[1] דאָס איז נאָך ניט די אויסבויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָס איז אָבער אַלץ, וואָס עס איז נייטיק און גענוג פאַר דער דאָזיקער אויסבויאונג״[1] (זע ב. XXVII, ז. 392).

אַנדערש גערעדט: מיר קאָנען און דאַרפן אויסבויען אַ פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ווײַל מיר האָבן אין אונדזער רשות אַלץ, וואָס עס איז נייטיק און גענוג פאַר דער דאָזיקער אויסבויאונג.

דוכט זיך, אַז עס איז שווער זיך אויסצודריקן קלאָרער.

פאַרגלײַכט די דאָזיקע קלאַסישע הנחה לענינס מיט זינאָוויעווס

---

[1] מײַן קורסיוו. י. ס ט.

אנטילעניניש אָפּענטפּערן יאקאָוולעוון, וועט איר פאַרשטיין, אַז יאקאָוולעוו האָט בלויז איבערגעחזרט לענינס ווערטער וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד, און זי־נאָוויעוו איז מיטן אַרויסטרעטן קעגן דער דאָזיקער הנחה, מיטן אָנפאַלן אויף יאקאָוולעוון, אָפּגעגאַנגען פון לענינען און האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פונעם מענשעוויק סוכאַנאָוו, אויפן שטאַנדפּונקט, אַז ס׳איז אוממעגלעך אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד מחמת דער טעכנישער אָפּגעשטאַנענקייט פונעם לאַנד.

עס איז גאָר ניט באַוואוסט, צוליב וואָס זשע האָבן מיר גענומען די מאַכט אין אָקטאָבער 1917 יאָר, אויב מיר האָבן ניט גערעכנט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם?

מען האָט ניט באַדאַרפט נעמען די מאַכט אין אָקטאָבער 1917 יאָר — אָט צו וואָס פאַר אַן אויספיר עס ברענגט די אינערלעכע לאָגיק פון זינאָוויעווס אַרגומענטאַציע.

איך באַהויפּט ווייטער, אַז אין דער וויכטיקסטער פראַגע וועגן זיג פונעם סאָציאַליזם גייט זינאָוויעוו קעגן די באַשטימטע באַשלוסן פון אונדזער פּאַרטיי, וואָס זיינען פאַרפיקסירט אין דער באַוואוסטער רעזאָלוציע פון דער XIV פּאַרטיי־קאָנפערענץ „וועגן די אויפגאַבן פון קאָמינטערן און פון דער רקפּ(ב) אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרברייטערטן פּלענום פונעם אויספירקאָם פון קאָמינטערן“.

לאָמיר זיך ווענדן צו דער דאָזיקער רעזאָלוציע. אָט וואָס דאָרט ווערט געזאָגט וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד:

„די עקזיסטענץ פון צוויי דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען רופט אַרויס די שטענדיקע געפאַר פון אַ קאַפּיטאַליסטישער בלאָקאַדע, פון אַנדערע פאָרמען פון עקאָנאָמישן דרוק, פון אַ באַוואָפנטער אינטערווענציע, פון רעסטאַווראַציע. די איינציקע גאַראַנטיע פאַרן *ענדגילטיקן זיג פון סאָציאַליזם*, ד. ה. אַ *גאַראַנטיע קעגן רעסטאַווראַציע*[1], איז, אַלזאָ, אַ זיגרייכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין אַ ריי לענדער...“ „דער לעניניזם לערנט, אַז דער *ענדגילטיקער* זיג פון סאָציאַליזם *אינעם זינען פון אַ פולשטענדיקער גאַראַנטיע קעגן דער רעסטאַווראַציע*[1] פון די בורזשואַזע פאַרהעלטענישן איז מעגלעך בלויז אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב...“ „דערפון איז כלל *ניט געדרונגען*[1], אַז עס איז אוממעגלעך אויסבויען אַ *פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געַ*-

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

ז ע ל ש א פ ט [1] אין אזא אָפּגעשטאַנען לאַנד, ווי רוסלאַנד, אָן „מלוכהשער הילף" (טראָצקי) פֿון די לענדער, וואָס זײַנען אין טעכניש־עקאָנאָמישער הינזיכט מער אַנטוויקלט" (זע די רעזאָלוציע).

איר זעט, אַז די רעזאָלוציע באַטראַכט דעם ענדגילטיקן זיג פֿון סאָציאַליזם אַלס א גאַראַנטיע קעגן אינטערווענציע און רעסטאַווראַציע, — אין פֿולן קעגנזאַץ צו זינאָוויעווס אויסטײַטשן אין זײַן בוך „לענינים".

איר זעט, אַז די רעזאָלוציע אָנערקענט די מעגלעכקײַט אויסצובויען א פֿולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט אין אזא אָפּגעשטאַנען לאַנד, ווי רוסלאַנד, אָן „מלוכהשער הילף" פֿון די לענדער, וואָס זײַנען אין טעכניש־עקאָנאָמישער הינזיכט מער אַנטוויקלט, — אין פֿולן קעגנזאַץ צו זינאָוויעווס פֿאַרקערטער באַהויפּטונג אין זײַן אָפּענטפֿערן יאַקאָוולעוון אינעם שלוס־וואָרט אויפֿן XIV פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר.

ווי זאָל מען דאָס אָנרופֿן, אויב ניט קאַמף פֿון זינאָוויעוון קעגן דער רעזאָלוציע פֿון דער XIV פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ?

פֿאַרשטייט זיך, אַז צומאָל זײַנען פּאַרטייאישע רעזאָלוציעס אויך ניט פֿרײַ פֿון גרײַזן. עס טרעפֿט, אַז פּאַרטייאישע רעזאָלוציעס האָבן אין זיך פֿעלערן. בכלל גערעדט, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די רעזאָלוציע פֿון דער XIV פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ אַנטהאַלט אויך אייניקע פֿעלערן. מעגלעך, אַז זינאָוויעוו האַלט די געגעבענע רעזאָלוציע פֿאַר א פֿעלערהאַפֿטער. דאַן דאַרף מען אָבער זאָגן וועגן דעם קלאָר און אָפֿן, ווי עס פּאַסט פֿאַר א באָלשעוויק. אָבער זינאָוויעוו טוט עס מחמת עפּעס ניט. אים איז בעסער געפֿעלן געוואָרן אויסצוקלײַבן אַן אַנדער וועג, דעם וועג פֿון אַטאַקירן די רעזאָלוציע פֿון דער XIV פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ פֿון הינטן־אַרום, פֿאַרשווײַגנדיק די דאָזיקע רעזאָלוציע, ניט קריטיקירנדיק זי אויפֿן מינדסטן אופֿן אָפֿן. זינאָוויעוו מיינט, אַפּנים, אַז דער דאָזיקער וועג דערגרייכט בעסער פֿון אַלץ דעם ציל. און א ציל האָט ער איינעם — „אויסבעסערן" די רעזאָלוציע און „א ביסעלע" פֿאַרריכטן לענינען. עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אַז זינאָוויעוו האָט א טעות געהאַט אין זײַנע חשבונות.

פֿונוואַנען שטאַמט זינאָוויעווס טעות? וואו שטעקט דער וואָרצל פֿון דעם דאָזיקן טעות?

---

[1] מײַן קורסיוו. י. ס ט.

דער וואָרצל פֿונעם דאָזיקן טעות שטעקט, לויט מײַן מיינונג, אין זינאָוויעווס זיכערקייט, אַז די טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פֿון אונדזער לאַנד איז אַזאַ שטערונג צום אויסבויען אַ פֿולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט, וואָס מען קאָן זי ניט בײַקומען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט אויסבויען דעם סאָציאַליזם מחמת דער טעכנישער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון אונדזער לאַנד. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן געהאַט געפּרוּווט אַרויסטרעטן מיט דעם דאָזיקן אַרגומענט אויף איינער פֿון די זיצונגען פֿון צק פֿון דער פּאַרטיי ערבֿ דער אַפּריל־קאָנפֿערענץ פֿון דער פּאַרטיי. זיי האָבן אָבער באַקומען דעם געהעריקן חלק און זײַנען געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן, אונטערוואַרפֿנדיק זיך פֿאָרמעל דעם קעגנזעצלעכן שטאַנדפּונקט, דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער מערהייט פֿון צק. אָבער אונטערוואַרפֿנדיק זיך אים פֿאָרמעל, האָט זינאָוויעוו די גאַנצע צײַט פֿאָרגעזעצט דעם קאַמף קעגן אים. אָט וואָס עס זאָגט וועגן דעם דאָזיקן „אינצידענט" אינעם צק אַלקפּ(ב) דער מאָסקווער קאָמיטעט פֿון אונדזער פּאַרטיי אין זײַן „ענטפֿער" אויפֿן בריוו פֿון דער לענינגראַדער גובפּאַרטקאָנפֿערענץ:

„אָט דאָ גאָר ניט לאַנג צוריק האָבן קאַמעניעוו און זינאָוויעוו פּאַרטיידיקט אין פּאָליטביוראָ דעם שטאַנדפּונקט, אַז מיר וועלן כלומרשט ניט קאָנען זיך ספּראַווען מיט די אינערלעכע שוועריקייטן מחמת אונדזער טעכנישער און עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט, אויב נאָר עס וועט אונדז ניט ראַטעווען די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע. מיר אָבער, צוזאַמען מיט דער מערהייט פֿון צק, מיינען, אַז מיר קאָנען בויען דעם סאָציאַליזם, אַז מיר בויען און וועלן אים אויסבויען, ניט געקוקט אויף אונדזער טעכנישער אָפּגעשטאַנענקייט און טראָץ איר. מיר מיינען, אַז די דאָזיקע בויאונג וועט, פֿאַרשטייט זיך, גיין פֿיל לאַנגזאַמער איידער בײַ באַדינגונגען פֿון אַן אַלוועלטלעכן זיג, פֿונדעסטוועגן אָבער גייען מיר און מיר וועלן גיין פֿאָראויס. פּונקט אַזוי מיינען מיר אויך, אַז קאַמעניעווס און זינאָוויעווס שטאַנדפּונקט דריקט אויס דאָס ניט גלייבן אין די אינערלעכע כּוחות פֿון אונדזער אַרבעטער־קלאַס און פֿון די פּויערשע מאַסן, וואָס גייען נאָכן אַרבעטער־קלאַס. מיר האַלטן, אַז אָט דער שטאַנדפּונקט באַטײַט אָפּגיין פֿון דער לענינישער פּאָזיציע" (זע דעם „ענטפֿער").

דער דאָזיקער דאָקומענט איז דערשינען אין דער פּרעסע בעת די ערשטע זיצונגען פֿונעם XIV פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר. זינאָוויעוו האָט, פֿאַרשטייט זיך, געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם דאָזיקן דאָקומענט נאָך אויפֿן צוזאַמענפֿאָר. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס בײַ זינאָוויעוון און קאַמעניעוון האָבן זיך ניט געפֿו־

נען קיין ארגומענטן קעגן דער דאָזיקער שווערער באַשולדיקונג. וואָס דער מאָסקווער קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי האָט אַרויסגע־שטעלט קעגן זיי. איז דאָס צופעליק? איך מיין, אַז ס'איז ניט צו־פעליק. די באַשולדיקונג האָט, אַפּנים, געטראָפן אין פּינטל. זי־נאָוויעוו און קאַמענעוו האָבן „געענטפערט" אויף דער דאָזיקער באַשולדיקונג מיט שטילשווייגן דערפאַר, ווייל עס איז ניט געווען מיט וואָס צו „רעקן" זי.

די נייע אָפּאָזיציע האָט פאַריבל, וואָס מען באַשולדיקט זינאָוו־יעוון אין ניט גלייבן אינעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג ביי אונדז אין לאַנד. נאָר אויב זינאָוויעוו איז נאָך אַ גאַנץ יאָר באַ־האַנדלען די פראַגע וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, נאָך דעם, ווי זינאָוויעווס שטאַנדפונקט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער פּאָליטביוראָ פון צק (אַפּריל 1925), נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך שוין געשאַפן אַ באַשטימטע מיינונג פון דער פּאַרטיי איבער דער דאָזיקער פראַגע, אַ מיינונג, וואָס איז פאַרפיקסירט געוואָרן אין דער באַוואוסטער רעזאָלוציע פון דער XIV פּאַרטיי־קאָנפע־רענץ (אַפּריל 1925), אויב נאָך דעם אַלעמען באַשליסט זיך זי־נאָוויעוו אַרויסצוטרעטן אין זיין בוך „לעניניזם" (סעפּטעמבער 1925 יאָר) קעגן דעם שטאַנדפונקט פון דער פּאַרטיי, אויב ער חזרט דערנאָך איבער די דאָזיקע אַרויסטרעטונג אויפן XIV צו־זאַמענפאָר, — איז ווי אַזוי זשע זאָל מען דערקלערן דאָס אַלץ, די דאָזיקע איינגעשפּאַרטקייט, די דאָזיקע האַרטנעקיקייט אינעם פאַר־טיידיקן זיין פעלער, אויב ניט דערמיט, וואָס זינאָוויעוו איז אָנגע־שטעקט, האָפענונגסלאָז אָנגעשטעקט מיטן ניט גלייבן אינעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג ביי אונדז אין לאַנד?

זינאָוויעוון געפעלט אַרויסצושטעלן דאָס דאָזיקע ניט גלייבן זיינס אַלס אינטערנאַציאָנאַליזם. פון ווען אָן אָבער האָט מען דאָס אָפּגיין פון לעניניזם אין אַ קאַרדינאַלער פראַגע פון לעניניזם אָנגע־הויבן באַטראַכטן ביי אונדז אַלס אינטערנאַציאָנאַליזם?

צי וועט ניט ריכטיקער זיין צו זאָגן, אַז ניט די פּאַרטיי, נאָר זינאָוויעוו זינדיקט דאָ קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם און קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע? וואָרעם וואָס איז אַזוינס אונ־דזער לאַנד, „וואו עס ווערט געבויט דער סאָציאַליזם", אויב ניט קיין באַזע פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע? צי קאָן עס אָבער זיין אַן עכטע באַזע פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, אויב עס איז ניט אימשטאַנד אויסצובויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט?

צי קאָן עס פאַרבלײַבן דער גרעסטער צוציאונגס־צענטער פאַר די ארבעטער פון אלע לענדער, וואָס אַזאַ איז עס איצט אָן ספק, אויב עס איז ניט אימשטאַנד צו דערשלאָגן זיך בײַ זיך צו אַ זיג איבער די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונדזער ווירטשאַפט, אַ זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג? איך מיין, אַז עס קאָן ניט. צי איז אָבער דערפון ניט געדרונגען, אַז דאָס ניט גלייבן אינעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, דאָס פּריידיקן דאָס דאָזיקע ניט גלייבן פירט צום אַנטקרויגן אונדזער לאַנד אַלס באַזע פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, די אַנטקרויגונג ווידער פון אונדזער לאַנד פירט צום אָפּשוואַכן די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. מיט וואָס פלעגן די הערן סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָפּשרעקן פון אונדז די ארבעטער? מיט דרשות וועגן דעם, אַז „בײַ די רוסן וועט גאָרנישט ניט אַרויסקומען". מיט וואָס שלאָגן מיר איצט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צוציענדיק צו זיך גאַנצע רייען ארבעטער־דעלעגאַציעס און פאַרפעסטיקנדיק דערמיט גופא די פּאָזיציעס פון קאָמוניזם אין דער גאַנצער וועלט? מיט אונדזערע דערפאָלגן אינעם בויען דעם סאָציאַליזם. צי דען איז אָבער ניט קלאָר נאָך דעם, אַז ווער עס פּריידיקט דאָס ניט גלייבן אין אונדזערע דערפאָלגן אינעם בויען דעם סאָציאַליזם, דער העלפט אומדירעקט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דער שוואַכט אָפּ דעם שוואונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דער גייט אומפאַרמײַדלעך אָפּ פונעם אינטערנאַציאָנאַליזם?..

איר זעט, אַז מיט זינאָוויעווס „אינטערנאַציאָנאַליזם" האַלט עס אויך קיין האָר ניט בעסער, ווי מיט זײַן „הונדערט־פּראָצענטיקן לעניניזם" אין דער פראַגע וועגן בויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

דעריבער האָט דער XIV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געהאַנדלט ריכטיק, ווען ער האָט קוואַליפיצירט די אָנשויאונגען פון דער נײַער אָפּאָזיציע אַלס אַ „ניט גלייבן אין דער בויאונג פונעם סאָציאַליזם" און אַלס אַ „פאַרקריפּלען דעם לעניניזם".

VII

דער קאַמף פאַרן זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג

איך מיין, אַז דאָס ניט גלייבן אינעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג איז דער גרונט־פעלער פון דער נײַער אָפּאָזיציע. דער דאָזיקער פעלער איז, לויט מײַן מיינונג, דער גרונט־פעלער

דערפאר, ווײַל פון אים שטאמען אלע איבעריקע פעלערן פון דער נײַער אָפּאָזיציע. די פעלערן פון דער נײַער אָפּאָזיציע אין דער פראַגע וועגן נעפּ, וועגן מלוכה־קאַפּיטאַליזם, וועגן דעם מהות פון אונדזער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, וועגן דער ראָליע פון דער קאָאָפּעראַציע בײַ דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועגן די מעטאָדן פון קאַמף קעגן בעל־הגופנטום, וועגן דער ראָליע און דעם ספּעציפישן געוויכט פונעם מיטל־פּויערטום, — די דאָזיקע אַלע פעלערן שטאַמען פונעם גרונט־פעלער פון דער אָפּאָזיציע, פונעם ניט גלייבן אין דער מעגלעכקײַט אויסצובויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מיט די קרעפטן פון אונדזער לאַנד.

וואָס הייסט ניט גלייבן אינעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג בײַ אונדז אין לאַנד?

דאָס הייסט, פריִער פאַר אַלץ, אַז עס איז ניטאָ קיין זיכערקײַט דערין, אַז די גרונט־מאַסן פונעם פּויערטום קאָנען אַרײַנגעצויגן ווערן, מחמת די באַשטימטע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען פון אונדזער לאַנד, אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

דאָס הייסט, צווייטנס, אַז עס איז ניטאָ קיין זיכערקײַט דערין, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון אונדזער לאַנד, וועלכער האָט אין זײַן רשות די קאָמאַנדע־הייכן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, איז פעיִק אַרײַנצוציִען די גרונט־מאַסן פונעם פּויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

פון די דאָזיקע הנחות גייט שווײַגנדיק אַרויס די אָפּאָזיציע אין אירע קאָנסטרוקציעס מכוח די וועגן פון אונדזער אַנטוויקלונג, — אַלצאיינס, צי זי טוט דאָס באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק.

צי קאָן מען אַרײַנציִען די גרונט־מאַסע פונעם סאָוועטישן פּויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג?

אין דער בראָשור „וועגן די יסודות פון לעניניזם” זײַנען וועגן דעם פאַראַן צוויי גרונט־הנחות: .

1) „מען טאָר ניט צונויפמישן דאָס פּויערטום פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיטן פּויערטום פון מערב. דאָס פּויערטום, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שול פון דרײַ רעוואָלוציעס, וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם צאַר און קעגן דער בורזשואַזער מאַכט צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט און בראָש מיטן פּראָלעטאַריאַט, דאָס פּויערטום, וואָס האָט באַקומען ערד און שלום פון די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און וואָס איז מחמת דעם געוואָרן אַ רעזערוו פונעם פּראָלעטאַריאַט, — אָט דאָס פּויערטום קאָן נישט ניט אונטערשיידן זיך פונעם פּויערטום, וואָס האָט אין דער צײַט פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע געקעמפט בראָש

מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, האָט באַקומען ערד פון די הענט פון דער דאָזיקער בורזשואַזיע און איז דעריבער געוואָרן אַ רעזערוו פון דער בורזשואַזיע. עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אַז דאָס סאָוועטישע פּויערטום, וואָס איז געוואָונט צו שעצן די פּאָליטישע פרײַנטשאַפט און די פּ אָ ל י ט י ש ע מיטאַרבעט מיטן פּראָלעטאַריאַט און וואָס האָט פאַר זײַן פרײַהייט צו פאַרדאַנקען אָט דער פרײַנטשאַפט און אָט דער מיטאַרבעט, — קאָן ניט ניט זײַן קיין אויסשליסלעך גינסטיקער מאַטעריאַל פאַר דער ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר מיטאַרבעט מיטן פּראָלעטאַריאַט".

2) „מען טאָר ניט צונויפמישן די לאַנדווירטשאַפט פון רוסלאַנד מיט דער לאַנדווירטשאַפט פון מערב. דאָרט גייט די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט לויט דער געוויינלעכער ליניע פון קאַפּיטאַליזם, אין באַדינגונגען פון טיפער דיפערענצירונג פונעם פּויערטום, מיט גרויסע גיטער און פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע לאַטיפונדיעס אויף איין פּאָליוס, און פּאַופּעריזם, אָרעמקייט און לוין־שקלאַפערײַ — אויפן צווייטן. דאָרט זײַנען דעריבער די צעפאַלונג און צעלייגונג גאַנץ נאַטירלעך. ניט אַזוי איז אין רוסלאַנד. בײַ אונדז קאָן די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט ניט גיין מיט אַזאַ וועג שוין דערפאַר אַליין, ווײַל די עקזיסטענץ פון סאָוועטן־מאַכט און די נאַציאָנאַליזאַציע פון די גרונטיקע פּראָדוציר־געצײַג און פּראָדוציר־מיטלען דערלאָזן ניט אַזאַ אַנטוויקלונג. אין רוסלאַנד מוז די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט גיין מיט אַן אַנדער וועג, מיטן וועג פון קאָאָפּערירן די מיליאָנען פונעם קליין־ און מיטל־פּויערטום, מיטן וועג פון אַנטוויקלען אין דאָרף אַ מאַסן־קאָאָפּעראַציע, וועלכע ווערט געשטיצט פון דער מלוכה דורך פּריווילעגירטער קרעדיטירונג. לענין האָט ריכטיק אָנגעוויזן אין זײַנע אַרטיקלען וועגן קאָאָפּעראַציע, אַז די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט מוז בײַ אונדז גיין מיט אַ נײַעם וועג, מיטן וועג פון אַרײַנציִען די מערהייט פּויערים אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג דורך דער קאָאָפּעראַציע, מיטן וועג פון אײַנפלאַנצן ביסלעכווײַז אין דער לאַנדווירטשאַפט די יסודות פון קאָלעקטיוויזם צוערשט אויפן געביט פון אָפּזאַץ, דערנאָך — אויפן געביט פון אויסאַרבעטן די פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט"...

„עס איז קוים נייטיק צו דערווײַזן, אַז די גוואַלדיקע מערהייט פונעם פּויערטום וועט זיך גערן שטעלן אויף דעם דאָזיקן נײַעם אַנטוויקלונגס־וועג און וועט אָפּוואַרפן דעם וועג פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע לאַטיפונדיעס און לוין־שקלאַפערײַ, דעם וועג פון דלות און רואינירונג".

צי זײַנען ריכטיק די דאָזיקע הנחות?

איך מיין, אַז אָט די ביידע הנחות זײַנען ריכטיק און אומבאַשטרײַטלעך פאַר אונדזער גאַנצן בויאונג־פּעריאָד אין די באַדינגונגען פון נעפּ.

זיי זײַנען בלויז אַן אויסדרוק פון לענינס באַוואוסטע טעזיסן וועגן דעם צוזאַמענשלוס פונעם פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום,

וועגן אינענשליסן די פויערשע ווירטשאַפטן אין דער סיסטעם פון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, וועגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך באַוועגן צום סאָציאַליזם צוזאַמען מיט די גרונט־מאַסן פונעם פויערטום, וועגן דעם, אַז די קאָאָפּערירונג פון די מיליאָניקע מאַסן פונעם פויערטום איז דער הויפּט־שליאַך פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין דאָרף, אַז ביים וואוקס פון אונדזער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע איז דער „פּשוטער וואוקס פון דער קאָאָפּעראַציע פאַר אונדז אידענטיש מיטן וואוקס פון סאָציאַליזם“ (זע ב. XXVII, ז. 396).

אין דער אמתן, מיט וועלכן וועג קאָן און דאַרף גיין די אַנטוויקלונג פון דער פויערשער ווירטשאַפט ביי אונדז אין לאַנד?

די פויערשע ווירטשאַפט איז ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט. די פויערשע ווירטשאַפט, אויב מען זאָל נעמען די איבערוועגנדיקע מערהייט פויערשע ווירטשאַפטן, איז א ווירטשאַפט א קליין־סחורהדיקע. און וואָס איז אזוינס א קליין־סחורהדיקע פויערשע ווירטשאַפט? דאָס איז א ווירטשאַפט, וואָס שטייט אויפן שיידוועג צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. זי קאָן זיך אַנטוויקלען סיי אין דער ריכטונג צום קאַפּיטאַליזם, ווי דאָס קומט איצט פאָר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סיי אין דער ריכטונג צום סאָציאַליזם, ווי דאָס מוז פאָרקומען ביי אונדז, אין אונדזער לאַנד, ביי דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

פונוואַנען נעמט זיך אזא ניט־שטאַנדהאַפטיקייט, ניט־זעלבסטשטענדיקייט פון דער פויערשער ווירטשאַפט? מיט וואָס קאָן מען זי דערקלערן?

זי ווערט דערקלערט מיט דער צעשטויבטקייט פון די פויערשע ווירטשאַפטן, מיט זייער ניט־אָרגאַניזירטקייט, מיט זייער אָפּהענגיקייט פון דער שטאָט, פון דער אינדוסטריע, פון דער קרעדיט־סיסטעם, פונעם כאַראַקטער פון דער מאַכט אין לאַנד, ענדלעך, מיט דער אַלגעמיין־באַוואוסטער הנחה, אַז דאָס דאָרף גייט און מוז גיין נאָך דער שטאָט סיי אין מאַטעריעלער סיי אין קולטורעלער הינזיכט.

דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונגס־וועג פון דער פויערשער ווירטשאַפט באַטייט אַן אַנטוויקלונג דורך דער טיפסטער דיפערענצירונג פונעם פויערטום, מיט גרויסע לאַטיפונדיעס אויף איין פּאָליוס און מיט א מאַסנהאַפטער פאַראָרעמונג אויפן צווייטן פּאָליוס. אזא אַנטוויקלונגס־וועג איז אומפאַרמיידלעך אין די קאַפּיטאַליסטי־

שע לענדער, ווײַל דאָס דאָרף, די פויערשע ווירטשאַפט איז אָפּהענגיק פון דער שטאָט, פון דער אינדוסטריע, פונעם קאָנצענטרירטן קרעדיט אין שטאָט, פונעם כאַראַקטער פון דער מאַכט, אין שטאָט ווידער הערשט די בורזשואַזיע, די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע, די קאַפּיטאַליסטישע קרעדיט־סיסטעם, די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה־מאַכט.

צי איז אַ מוז דער דאָזיקער אַנטוויקלונגס־וועג פון די פויערשע ווירטשאַפטן בײַ אונדז אין לאַנד, וואו די שטאָט האָט אַבסאָלוט אַן אַנדער פּנים, וואו די אינדוסטריע געפינט זיך אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואו דער טראַנספּאָרט, די קרעדיט־סיסטעם, די מלוכה־מאַכט אאַוו. זײַנען קאָנצענטרירט אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואו די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד איז אַן אַלגעמיינער געזעץ אינעם לאַנד? פאַרשטייט זיך, אַז ניט קיין מוז. פאַרקערט, טאַקע דערפאַר, ווײַל די שטאָט איז די אָנפירערן פונעם דאָרף, און אין שטאָט הערשט בײַ אונדז דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האַלט אין די הענט אַלע קאָמאַנדע־הייכן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, טאַקע דערפאַר מוזן די פויערשע ווירטשאַפטן גיין אין זייער אַנטוויקלונג מיט אַן אַנדער וועג, מיטן וועג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

וואָס איז דאָס פאַר אַ וועג?

דאָס איז דער וועג פון מאַסנהאַפטן קאָאָפּערירן די מיליאָנען פויערשע ווירטשאַפטן אויף אַלע געביטן פון דער קאָאָפּעראַציע, דער וועג פון פאַראייניקן די צעשטויבטע פויערשע ווירטשאַפטן אַרום דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, דער וועג פון אײַנפלאַנצן די פּרינציפּן פון קאָלעקטיוויזם צווישן פויערטום צוערשט אויפן געביט פון אָפּזאַץ פון די פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט און פון דער באַזאָרגונג פון די פויערשע ווירטשאַפטן מיט שטאָטישע סחורות, און דערנאָך אויפן געביט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

און וואָס ווײַטער, אַלץ מער ווערט דער דאָזיקער וועג אומפאַרמײַדלעך אין די באַדינגונגען פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווײַל די קאָאָפּערירונג אויפן געביט פון אָפּזאַץ, די קאָאָפּערירונג אויפן געביט פון באַזאָרגונג, ענדלעך, די קאָאָפּערירונג אויפן געביט פון קרעדיט און פון דער פּראָדוקציע (די לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפטן) איז דער איינציקער וועג אויף אויפצו־

הייבן דעם וואוילשטאַנד פונעם דאָרף, דאָס איינציקע מיטל צו ראַטעווען פון דלות און רואינירונג די ברייטע מאַסן פונעם פויערטום.

מען זאָגט, אַז דאָס פויערטום איז בײַ אונדז ניט־סאָציאַליסטיש לויט זײַן לאַגע, אַז מחמת דעם איז עס ניט פעיִק צו סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק, אַז דאָס פויערטום איז ניט־סאָציאַליסטיש לויט זײַן לאַגע. אָבער דאָס איז ניט קיין אַרגומענט קעגן דער אַנטוויקלונג פון די פויערשע ווירטשאַפטן אין דער ריכטונג צום סאָציאַליזם, אויב עס איז דערוויזן, אַז דאָס דאָרף גייט נאָך דער שטאָט, און אין שטאָט פירט אָן די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע. בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דאָס פויערטום אויך ניט געווען סאָציאַליסטיש לויט זײַן לאַגע און עס האָט גאָר ניט געוואָלט אײַנפירן אין לאַנד קיין סאָציאַליזם. עס האָט דאַן געוואָלט זיך דערשלאָגן, דער עיקר, צו ליקווידירן די פריצישע מאַכט און צו פאַרענדיקן די מלחמה, אײַנצושטעלן שלום. פונדעסטוועגן איז עס דאַן געגאַנגען נאָך דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט. פאַרוואָס? דערפאַר, ווײַל דאָס אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע און דאָס נעמען די מאַכט דורכן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט איז דאַן געווען דער איינציקער וועג אויף אַרויסצוגיין פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, דער איינציקער וועג אויף אײַנצושטעלן שלום. דערפאַר, ווײַל קיין אַנדערע וועגן זײַנען דאַן ניט געווען און האָבן ניט געקאָנט זײַן. דערפאַר, ווײַל אונדזער פּאַרטיי האָט זיך דאַן אײַנגעגעבן אָנצוטאַפּן, צו געפינען יענעם גראַד פון פאַראייניקן און פון אונטערוואַרפן די ספּעציפֿישע אינטערעסן פונעם פויערטום (אַראָפּוואַרפן דעם גוטסבאַזיצער, שלום) אונטער די אַלגעמיינע אינטערעסן פונעם לאַנד (דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט), וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אָננעמבאַר און לוינבאַר פאַרן פויערטום. און ניט געקוקט אויף זײַן ניט־סאָציאַליסטישקײַט, איז דאַן דאָס פויערטום געגאַנגען נאָך דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט.

דאָס זעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן דער סאָציאַליסטישער בויאונג בײַ אונדז אין לאַנד, וועגן אַרײַנציִען דאָס פויערטום אין שטראָם פון דער האַזיקער בויאונג. דאָס פויערטום איז ניט־סאָציאַליסטיש לויט זײַן לאַגע. עס מוז זיך אָבער שטעלן, און עס וועט זיך אומבאַדינגט שטעלן, אויפן וועג פון סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג, ווײַל עס זײַנען ניטאָ און עס קאָנען ניט זײַן קיין אַנדערע וועגן צו ראַטעווען פון דלות און רואינירונג דאָס פויערטום, אַ חוץ

צוזאמענשלוס מיטן פראָלעטאריאט, א חוץ צוזאמענשלוס מיט דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, א חוץ איַינשליסן די פויערשע ווירטשאפט אינעם אלגעמיינעם שטראָם פון דער סאָציאַליסטישער אנטוויקלונג דורך דער מאסנהאפטער קאָאָפּערירונג פונעם פויערטום.

פאַרוואָס גראָד דורך דער מאסנהאפטער קאָאָפּערירונג פונעם פויערטום?

דערפאַר, ווייַל אין דער מאסנהאפטער קאָאָפּערירונג „האָבן מיר געפונען דעם גראַד פון פאַראייניקן דעם פריוואטן אינטערעס, דעם פריוואט-קאָמערציעלן אינטערעס, פון רעווידירן און קאָנטראָלירן אים דורך דער מלוכה, דעם גראַד פון אונטערוואַרפן אים אונטער די אַלגעמיינע אינטערעסן" (לענין), וואָס איז אָננעמבאר און לויכבאר פארן פויערטום און וואָס זיכערט פארן פראָלעטאריאט די מעגלעכקייט אריַינצוציִען די גרונט-מאסע פונעם פויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג. טאַקע דערפאַר, ווייַל דעם פויערטום לוינט צו אָרגאַניזירן דעם אָפּזאַץ פון זיַינע סחורות און די באַזאָרגונג פון זיַין ווירטשאפט מיט מאשינעס דורך דער קאָאָפּעראַציע, טאַקע דערפאַר מוז עס גיין, און עס וועט גיין, מיטן וועג פון מאסנהאפטער קאָאָפּערירונג.

און וואָס באַטיַיט די מאסנהאפטע קאָאָפּערירונג פון די פויערשע ווירטשאפטן ביַי דער הערשנדיקער ראָליע פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע?

זי באַטיַיט, אז די קליין-סחורהדיקע פויערשע ווירטשאפט גייט אָפּ פונעם אלטן קאפּיטאַליסטישן וועג, וועלכער ברענגט דעם פויערטום מאסן-רואינירונג, און גייט אריבער אויף א נייַעם אנטוויקלונגס-וועג, אויפן וועג פון סאָציאַליסטישער בויאונג.

אָט פאַרוואָס דער קאמף פארן נייַעם אנטוויקלונגס-וועג פון דער פויערשער ווירטשאפט, דער קאמף פאַר אריַינציִען די גרונט-מאסע פונעם פויערטום אין דער בויאונג פונעם סאָציאַליזם איז די אָרדנטלעכע אויפגאַבע פון אונדזער פארטיי.

דער XIV צוזאמענפאָר פון דער אלקפּ(ב) האָט דעריבער גערעכנט ריכטיק, ווען ער האָט באַשטימט, אז:

„דער גרונט-וועג פון בויען דעם סאָציאַליזם אין דאָרף באַשטייט דערין, אז ביַ דער וואַקסנדיקער עקאָנאָמישער אָנפירונג מצד דער סאָציאַליסטישער מלוכה-אינדוסטריע, מצד די מלוכהשע קרעדיט-אַנשטאלטן און אנדערע קאָמאנדע-הייכן, וואָס געפינען זיך אין די הענט פונעם פראָלעטאריאט, זאָל מען אריַנציִען אין דער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע

די גרונט־מאסע פונעם פויערטום און זיכערן פאר דער דאָזיקער אָרגאַניזאציע א סאָציאליסטישע אנטוויקלונג, אויסנוצנדיק, בטקומענדיק און ארויסשטויסנדיק אירע קאפיטאליסטישע עלעמענטן" (זע די רעזאָלוציע פונעם צוזאמענפאָר איבערן באריכט פונעם צק).

דער גרעסטער פעלער פון דער נייער אָפּאָזיציע באשטייט דערין, וואָס זי גלייבט ניט אין אָט דעם נייעם אנטוויקלונגס־וועג פונעם פויערטום, וואָס זי זעט ניט אָדער פארשטייט ניט די גאנצע אומפארמיידלעכקייט פון דעם דאָזיקן וועג אין די באדינגונגען פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט. און זי פארשטייט דאָס ניט דערפאר, ווייל זי גלייבט ניט אינעם זיג פון דער סאָציאליסטישער בויאונג ביי אונדז אין לאנד, זי גלייבט ניט אין דער פעיקייט פון אונדזער פראָלעטאריאט צו פירן נאָך זיך דאָס פויערטום צום סאָציאליזם.

פונדאנען נעמט זיך דאָס ניט פארשטיין דעם צווייענדיקן כאראקטער פונעם נעפּ, דאָס איבערטרייבן די נעגאטיווע זייטן פונעם נעפּ און דאָס באטראכטן דעם נעפּ דער עיקר אלס צוריקטריט.

פונדאנען נעמט זיך דאָס איבערטרייבן די ראָליע פון די קאפיטאליסטישע עלעמענטן אין אונדזער ווירטשאפט און דאָס פארמינערן די ראָליע פון די הייבערס פון אונדזער סאָציאליסטישער אנטוויקלונג (די סאָציאליסטישע אינדוסטריע, די קרעדיט־סיסטעם, די קאָאָפּעראציע, די מאכט פונעם פראָלעטאריאט אאוו.).

פונדאנען נעמט זיך דאָס ניט פארשטיין דעם סאָציאליסטישן מהות פון אונדזער מלוכה־אינדוסטריע און דאָס צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון לענינס קאָאָפּעראטיוון פּלאַן.

פונדאנען נעמט זיך דאָס פאנאנדערבלאָזן די דיפערענציאציע אין דאָרף, די פאניק פארן בעל־הגוף, דאָס פארמינערן די ראָליע פונעם מיטל־פויער, די פרואוון אראָפּצורייסן די פּאָליטיק פון דער פארטיי צו זיכערן א פעסטן בונד מיטן מיטל־פויער און, בכלל, דאָס ווארפן זיך פון איין זייט אין דער אנדערער אין דער פראגע וועגן דער פּאָליטיק פון דער פארטיי אין דאָרף.

פונדאנען נעמט זיך דאָס ניט פארשטיין די קאָלאָסאלע ארבעט פון דער פארטיי אין פרט פון ארייננציִען די מיליאָניקע מאסן ארבעטער און פויערים אין דעם ענין פון בויען די אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט, פון באלעבן די קאָאָפּעראציע און די סאָוועטן, פון פארוואלטן מיטן לאנד, אינעם קאמף קעגן ביוראָקראטיזם, אינעם קאמף פאר פארבעסערן און איבערמאכן אונדזער מלוכה-אפּאראט, אין דעם קאמף, וועלכער באצייכנט מיט זיך א נייעם אנטוויקלונגס־

פערזאַך און אַן וועלכן עס קאַן ניט געמאָלט זיין קיין שום סאָציאַליסטישע בויאונג.

פונדאַנען נעמט זיך די האָפענונגסלאָזיקייט און די פאַרלאָרנקייט לגבי די שוועריקייטן פון אונדזער בויאונג, די ספקות אין דער מעגלעכקייט צו אינדוסטריאַליזירן אונדזער לאַנד, די פעסימיסטישע פלאַפלערייַ וועגן איבערגעבורט פון דער פאַרטיי אאַוו.

ביי זיי, ביי די בורזשואַ, איז אַלץ מער אָדער וויניקער גוט, ביי אונדז ווידער, ביי די פּראָלעטאַריער, — מער אָדער וויניקער שלעכט; אויב פונעם מערב וועט ניט אונטערקומען קיין רעוואָלוציע — איז אונדזער זאַך פאַרפאַלן, — אַזאַ איז דער אַלגעמיינער טאָן פון דער נייער אָפּאָזיציע, וואָס דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ טאָן אַ ליקווידאַטאָרישער, ער ווערט אָבער צוליב עפּעס (מסתמא, צוליב לצנות) אַרויסגעשטעלט דורך דער אָפּאָזיציע אַלס „אינטערנאַציאָנאַליזם“.

נעפּ איז קאַפּיטאַליזם, זאָגט די אָפּאָזיציע. נעפּ איז דער עיקר אַ צוריקטריט, זאָגט זינאָוויעוו. דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק. אין דער אמתן איז דער נעפּ אַזאַ פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, וואָס דערלאָזט אַ קאַמף צווישן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן מיט די קאַפּיטאַליסטישע און וואָס איז אויסגערעכנט אויפן זיג פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן איבער די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן. אין דער אמתן האָט זיך דער נעפּ בלויז אָנגעהויבן מיט אַ צוריקטריט, אָבער אויסגערעכנט איז ער דערויף, אַז אינעם גאַנג פונעם צוריקטריט זאָל מען דורכפירן אַן איבערגרופּירונג פון די קרעפטן און אָנהייבן פירן אַן אָנגריף. אין דער אמתן גרייפן מיר אָן שוין אין משך פון עטלעכע יאָר, און מיר גרייפן אָן מיט דערפאָלג, אַנטוויקלענדיק אונדזער אינדוסטריע, אַנטוויקלענדיק דעם סאָוועטישן האַנדל, אָפּשטויסנדיק דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל.

וואָס האָט אָבער פאַר אַ זין דער טעזיס — נעפּ איז קאַפּיטאַליזם, נעפּ איז דער עיקר אַ צוריקטריט? פון וואָס גייט אַרויס דער דאָזיקער טעזיס?

ער גייט אַרויס פון דער ניט־ריכטיקער השערה, אַז ביי אונדז קומט איצט פאָר אַ פּשוטע צוריק־אויפשטעלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, אַ פּשוטער „צוריק־קער“ פונעם קאַפּיטאַליזם. בלויז מיט דער דאָזיקער השערה קאָן מען דערקלערן די ספקות פון דער אָפּאָזיציע מכוח דעם סאָציאַליסטישן מהות פון אונדזער אינדוסטריע. בלויז מיט דער דאָזיקער השערה קאָן מען דערקלערן די פּאַניק פון דער אָפּאָזיציע פאַרן בעל־הגוף. בלויז מיט דער דאָזיקער השערה

קאָן מען דערקלערן די אײַלעניש, מיט װעלכער די אָפּאָזיציע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די ניט ריכטיקע ציפערן װעגן דער דיפערענצירונג פונעם פויערטום. בלויז מיט דער דאָזיקער השערה קאָן מען דערקלערן, פאַרװאָס די אָפּאָזיציע האָט אַזאַ טבע צו פאַרגעסן, אַז דער מיטל־פויער איז בײַ אונדז די צענטראַלע פיגור פון דער ערד־אַרבעט. בלויז מיט דער דאָזיקער השערה קאָן מען דערקלערן דאָס ניט־דערשאַצן דאָס ספּעציפישע געװיכט פונעם מיטל־פויער און די ספקות מכוח לעניִנס קאָאָפּעראַטיװן פּלאַן. בלויז מיט דער דאָזיקער השערה קאָן מען „באַגרינדן" דאָס ניט גלייבן פון דער נײַער אָפּאָזיציע אין דעם נײַעם אַנטװיקלונגס־װעג פונעם דאָרף, אין דעם װעג פון אַרײַנציִען דאָס דאָרף אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

אין דער אמתן קומט בײַ אונדז איצט פאָר ניט קיין אײנזײַטיקער פּראָצעס פון אויפשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אַ צװײַזײַטיקער פּראָצעס פון אַן אַנטװיקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם און אַן אַנטװיקלונג פונעם סאָציאַליזם, אַ װידערשפּרעכיקער פּראָצעס פון קאַמף צװישן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן מיט די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, אַ פּראָצעס פון בײַקומען די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן דורך די סאָציאַליסטישע. דאָס איז אין אַ גלײַכער מאָס אומבאַשטרײַטלעך סײַ פאַר דער שטאָט, װאו די באַזע פונעם סאָציאַליזם איז די מלוכהשע אינדוסטריע, סײַ פאַרן דאָרף, װאו דער גרונט־אָנהאַלט פון דער סאָציאַליסטישער אַנטװיקלונג איז די מאַסנהאַפטע קאָאָפּעראַציע, װאָס װערט צונויפגעשלאָסן מיט דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע.

אַ פּשוטע צוריק־אויפשטעלונג פונעם קאַפּיטאַליזם איז אוממעגלעך שוין דערפאַר אַליין, װאָס די מאַכט איז בײַ אונדז אַ פּראָלעטאַרישע, די גרויס־אינדוסטריע געפינט זיך אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער טראַנספּאָרט און דער קרעדיט געפינען זיך אין רשות פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה.

די דיפערענצירונג קאָן ניט באַקומען דעם פרײַערדיקן פאַרנעם, דער מיטל־פויער פאַרבלײַבט די גרונט־מאַסע פונעם פויערטום, און דער בעל־הגוף קאָן ניט באַקומען די פרײַערדיקע קראַפט שוין דערפאַר אַליין, װאָס די ערד איז בײַ אונדז נאַציאָנאַליזירט, זי איז אַרויסגענומען פון פאַרקער, און אונדזער האַנדלס־פּאָליטיק, קרעדיט־פּאָליטיק, שטײַערן־פּאָליטיק און קאָאָפּעראַטיװע פּאָליטיק איז געצילט צום באַגרענעצן די עקספּלואַטאַטאָרישע שטרעבונגען פונעם בעל־הגופנטום, צום אויפהייבן דעם װאוילשטאַנד פון די ברייטסטע

מאסן פונעם פויערטום און אויסגלייכן די עקסטרעמקייטן אין דארף. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, וואס דער קאמף קעגן דעם בעל־הגופנטום גייט ביי אונדז איצט ניט נאר לויט דער אלטער ליניע, לויט דער ליניע פון ארגאניזירן די ארעמשאפט קעגן דעם בעל־הגופנטום, נאר אויך לויט א נייער ליניע, לויט דער ליניע פון פארפעסטיקן דעם בונד פונעם פראלעטאריאט און פון דער ארעמשאפט מיט די מיטל־פויערשע מאסן קעגן דעם בעל־הגוף. דער פאקט, וואס די אפאזיציע פארשטייט ניט דעם זינען און די באדייטונג פונעם קאמף קעגן דעם בעל־הגופנטום לויט דער דאזיקער צווייטער ליניע, אט דער פאקט באשטעטיקט אן איבעריק מאל, אז די אפאזיציע שלאגט זיך אראפ אויפן אלטן אנטוויקלונגס־וועג פונעם דארף, אויפן וועג פון זיין קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג, ווען דער בעל־הגוף און די ארעמשאפט זיינען געווען די גרונט־כוחות פונעם דארף, און דער מיטל־פויער פלעגט „ארויסגעשווענקט ווערן".

די קאאפעראציע איז א באזונדער מין מלוכה־קאפיטאליזם, זאגט די אפאזיציע, פארוופנדיק זיך דערביי אויף לענינס „דערנערונג־שטייער", און מחמת דעם גלייבט זי ניט אין דער מעגלעכקייט אויסצונוצן די קאאפעראציע אלס גרונט־אנהאלט פאר דער סאציאליסטישער אנטוויקלונג. אויך דא באגייט די אפאזיציע גאר א גראבן פעלער. אזא צוגאנג צו דער קאאפעראציע איז געווען גענוג און באפרידיקנדיק אין 1921 יאר, ווען עס איז אנגעשריבן געווארן דער „דערנערונג־שטייער", ווען מיר האבן ניט געהאט קיין אנטוויקלטע סאציאליסטישע אינדוסטריע, ווען לענין האט זיך פארגעשטעלט דעם מלוכה־קאפיטאליזם אלס מעגלעכע גרונט־פארם פון אונדזערווירטשאפטס־פירונג, און די קאאפעראציע האט ער באטראכט אין דער צונויפפארונג מיטן מלוכה־קאפיטאליזם. דער דאזיקער צוגאנג אבער איז איצט שוין ניט גענוג, און די געשיכטע האט אים שוין איבערגעשטיגן, ווייל פון דאן אן האבן זיך די צייטן געענדערט, די סאציאליסטישע אינדוסטריע האט זיך ביי אונדז אנטוויקלט, דער מלוכה־קאפיטאליזם האט זיך ניט צוגענומען אין דעם גראד, אין וועלכן דאס איז געווען געוואונטשן, און די קאאפעראציע, וואס נעמט איצט ארום מער פון א צענדליק מיליאן מיטגלידער, האט אנגעהויבן זיך צוזאמענשליסן מיט דער סאציאליסטישער אינדוסטריע.

מיט וואס זשע אנדערש קאן מען דערקלערן דעם פאקט, וואס שוין אין צוויי יאר ארום נאכן „דערנערונג־שטייער", אין 1923

יאָר, האָט לענין אַנדערש אָנגעהויבן קוקן אויף דער קאָאָפּעראַציע, האַלטנדיק, אַז „די קאָאָפּעראַציע אין אונדזערע באַדינגונגען פֿאַלט אויף שריט און טריט פֿולשטענדיק צונויף מיטן סאָציאַליזם"? (זע ב. XXVII, ז. 396).

מיט וואָס זשע אַנדערש קאָן מען דאָס דערקלערן, אויב ניט דערמיט, וואָס אין די דאָזיקע צוויי יאָר האָט די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע שוין באַוויזן אויסצוואַקסן, דער מלוכה־קאַפּיטאַליזם אָבער האָט זיך ניט צוגענומען אין דער געהעריקער מאָס, און מחמת דעם האָט לענין אָנגעהויבן באַטראַכטן די קאָאָפּעראַציע שוין ניט אין דער צונויפֿפּאָרונג מיטן מלוכה־קאַפּיטאַליזם, נאָר אין דער צונויפֿפּאָרונג מיט דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע?

עס האָבן זיך געענדערט די אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען פֿון דער קאָאָפּעראַציע. עס האָט זיך געמוזט ענדערן אויך דער צוגאַנג צו דער פֿראַגע וועגן דער קאָאָפּעראַציע.

אָט איז, צום בײַשפּיל, איינע אַ מערקווירדיקע שטעל פֿון לעניִנס בראָשור „וועגן דער קאָאָפּעראַציע" (1923 יאָר), וואָס וואַרפֿט אַ שײַן אויף דער דאָזיקער פֿראַגע:

„בײַם מלוכה־קאַפּיטאַליזם[1] שיידן זיך די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אונטער פֿון די מלוכה־קאַפּיטאַליסטישע, אַלס פּריוואַטע אונטערנעמונגען, ערשטנס, און אַלס קאָלעקטיווע, צווייטנס. בײַ אונדזער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג[1] שיידן זיך די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אונטער פֿון די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, אַלס אונטערנעמונגען קאָלעקטיווע, זיי שיידן זיך אָבער ניט אונטער[1] פֿון די סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען, אויב זיי זײַנען געגרינדעט אויף דער ערד, בײַ פּראָדוציר־מיטלען, וואָס געהערן דער מלוכה, דה. דעם אַרבעטער־קלאַס" (זע ב. XXVII, ז. 396).

אין דער דאָזיקער קלײנער ציטאַטע זײַנען געלייזט צוויי גרויסע פֿראַגן. ערשטנס, די פֿראַגע וועגן דעם, אַז „אונדזער עקזיסטירנדיקע אָרדענונג" איז ניט קיין מלוכה־קאַפּיטאַליזם. צווייטנס, די פֿראַגע וועגן דעם, אַז די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, גענומען אין דער צונויפֿפּאָרונג „מיט אונדזער אָרדענונג", „שיידן זיך ניט אונטער" פֿון די סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען.

איך מיין, אַז עס איז שווער זיך אויסצודריקן קלאָרער.

און אָט איז נאָך אַ שטעל פֿון דער זעלבער בראָשור לענינס:

„דער פּשוטער וואוקס פֿון דער קאָאָפּעראַציע איז פֿאַר אונדז אידענטיש (מיט דעם אויבן אָנגעוויזענעם „ניט גרויסן" אויסנאַם) מיטן וואוקס

---

[1] מײַן קורסיוו. י. סט.

פונעם סאָציאַליזם, און צוזאַמען דערמיט זײַנען מיר געצוואונגען צו אָנער־קענען די ראַדיקאַלע ענדערונג פון אונדזער גאַנצן שטאַנדפּונקט אויפן סאָציאַליזם״ (זע דאָרטן).

ס׳איז קלאָר, אַז אין דער בראָשור „וועגן דער קאָאָפּעראַציע״ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ נײַער אָפּשאַצונג פון דער קאָאָפּעראַציע, וואָס דאָס וויל ניט אָנערקענען די נײַע אָפּאָזיציע און וואָס דאָס באַ־מיט זי זיך מיט אַלע בוחות צו פאַרשווײַגן, טראָץ די פאַקטן, טראָץ דעם באַשײַמפּערלעכן אמת, טראָץ דעם לעניניזם.

איין זאַך איז — די קאָאָפּעראַציע, גענומען אין דער צונויפפּאָ־רונג מיטן מלוכה־קאַפּיטאַליזם, און אַ צווייטע זאַך איז — די קאָאָפּעראַציע, גענומען אין דער צונויפּפּאָרונג מיט דער סאָציאַ־ליסטישער אינדוסטריע.

דערפון טאָר מען פונדעסטוועגן ניט מאַכן דעם אויספיר, אַז צווישן דעם „דערנערונג־שטײַער״ און דער בראָשור „וועגן דער קאָאָפּעראַציע״ ליגט אַ תהום. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכ־טיק. עס איז גענוג צו פאַררופן זיך, צום בײַשפּיל, אויף פאָלגנדי־קער שטעל אינעם „דערנערונג־שטײַער״, כדי גלײַך אויפצוכאַפּן די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן דעם „דערנערונג־שטײַער״ מיט דער בראָשור „וועגן דער קאָאָפּעראַציע״ אין דער פראַגע וועגן דער אָפּשאַצונג פון דער קאָאָפּעראַציע. אָט איז זי:

„דער־אַריבערגאַנג פון קאָנצעסיעס צו סאָציאַליזם איז אַן אַריבערגאַנג פון איין פאָרם גרויס־פּראָדוקציע צו אַ צווייטער פאָרם גרויס־פּראָדוקציע. דער אַריבערגאַנג פון דער קאָאָפּעראַציע פון די קליינע בעלי־בתּימלעך צו סאָציאַליזם איז אַן אַריבערגאַנג פון דער קליין־פּראָדוקציע צו דער גרויסער, ד.ה. אַן אַריבערגאַנג אַ מער קאָמפּליצירטער, דערפאַר אָבער אַזאַ, וואָס איז אימשטאַנד אַרומצונעמען, אין פאַל פון דערפאָלג, ברייטערע מאַסן באַפעלקערונג, וואָס איז אימשטאַנד אַרויסצורײַסן טיפערע און מער לעבהאַפטיקע וואָרצלען פון די אַלטע, פאַרסאָציאַליסטישע[1], אפילו פאַרקאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, וועלכע זײַנען אַמערסטן פאַרעקשנט אינעם זינען פון ווידערשטאַנד קעגן יעטווידער „נײַס״״ (ב. XXVI, ז. 337).

פון דער דאָזיקער ציטאַטע איז צו זען, אַז נאָך בשעת דעם „דערנערונג־שטײַער״, ווען מיר האָבן נאָך ניט געהאַט קיין אַנט־וויקלטע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, האָט לענין געהאַלטן פאַר מעגלעך די פאַרוואַנדלונג פון דער קאָאָפּעראַציע, אין פאַל פון

[1] מײַן קורסיוו. י. ס.

דערפאָלג, אין א מעכטיק מיטל פון קאמף קעגן די „פּאַרסאָציאַליס־טישע", און, הייסט עס, אויך קעגן די קאפּיטאַליסטישע פּאַרהעל־טענישן. איך מיין, אז גראָד דער דאָזיקער געדאנק האָט געדינט דערנאָך אלס אויסגאנג־פּונקט פאר זײַן בראָשור „וועגן דער קאָאָפּע־ראציע".

וואָס איז אָבער פון דעם אלעם געדרונגען?

פון דעם איז געדרונגען, אז די נײַע אָפּאָזיציע גייט צו צו דער פראגע וועגן דער קאָאָפּעראציע ניט מארקסיסטיש, נאָר מעטאַפּי־זיש. זי באטראכט די קאָאָפּעראציע ניט אלס א היסטאָרישע דער־שײַנונג, גענומען אין דער צונויפּפּאָרונג מיט אנדערע דערשײַנונ־גען, אין דער צונויפּפּאָרונג, לאָמיר זאָגן, מיטן מלוכה־קאפּיטאליזם (אין 1921 יאָר), אָדער מיט דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע (אין 1923 יאָר), נאָר אלס עפּעס באשטענדיקעס, וואָס איז געגעבן איינמאָל פאר אלעמאָל, אלס „א זאך אין זיך".

פונדאנען נעמען זיך די פעלערן פון דער אָפּאָזיציע אין דער פראגע וועגן דער קאָאָפּעראציע. פונדאנען נעמט זיך איר ניט גלייבן אין דער אנטוויקלונג פונעם דאָרף צום סאָציאליזם דורך דער קאָאָפּעראציע, פונדאנען נעמט זיך דאָס, וואָס די אָפּאָזיציע פאר־קערעוועט אויפן אלטן וועג, אויפן וועג פון דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג פונעם דאָרף.

אָט אזא איז אין אלגעמיין די פּאָזיציע פון דער נײַער אָפּאָזי־ציע אין די פּראקטישע פראגן פון דער סאָציאליסטישער בויאונג.

דער אויספיר איז איינער: די ליניע פון דער אָפּאָזיציע, אויף וויפל זי האָט א ליניע, די וואקלענישן און קווענקלענישן פון דער אָפּאָזיציע, איר אומגלויבן און איר פארלאָרנקייט לגבי די שוועריקייטן — פירן צום קאפּיטולירן פאר די קאפּיטאליסטישע עלע־מענטן פון אונדזער ווירטשאפט. ווײַל אויב נעפּ איז דער עיקר א צוריקטריט, אויב דער סאָציאליסטישער מהות פון דער מלוכה־אינ־דוסטריע ווערט גענומען אונטער א צווייפל, אויב דער בעל־הגוף איז כמעט אלמעכטיק, אויף דער קאָאָפּעראציע איז קנאפּ וואָס פּאַ־ראן צו האָפן, די ראָליע פונעם מיטל־פויער פאלט פּראָגרעסיוו, דער נײַער אנטוויקלונגס־וועג פונעם דאָרף איז צווייפלהאפט, די פּארטיי ווערט כמעט ווי איבערגעבוירן, און די רעוואָלוציע פון מערב איז נאָך ניט אזוי נאָענט, — איז וואָס זשע בלײַבט נאָך דעם אלעם אינעם ארסענאל בײַ דער אָפּאָזיציע, אויף וואָס רעכנט זי אויס אינעם קאמף קעגן די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן פון אונדזער

ווירטשאפט? מען קאן דאך ניט גיין אין שלאכט בלויז מיט דער „פילאסאפיע פון דער עפאכע'' אליין.

ס'איז קלאר, אז דעם ארסענאל פון דער נייער אפאזיציע איז ניטא וואס מקנא צו זיין, אויב מען קאן אים בכלל אנרופן ארסענאל. דאס איז אן ארסענאל ניט אויף צו קעמפן, און אודאי שוין ניט אויף צו זיגן.

ס'איז קלאר, אז מיט אזא ארסענאל וואלט די פארטיי זיך „איינס־און־צוויי'' אומגעבראכט, ווען זי וואלט געקראכן אין א געשלעג, — איר וואלט אויסגעקומען פשוט צו קאפיטולירן פאר די קאפיטאליסטישע עלעמענטן פון אונדזער ווירטשאפט.

דעריבער האט דער XIV פארטיי־צוזאמענפאר געהאנדלט אבסאלוט ריכטיק, ווען ער האט באשלאסן, אז „דער קאמף פארן זיג פון דער סאציאליסטישער בויאונג אין פססר איז די גרונט־אויפגאבע פון אונדזער פארטיי''; אז איינע פון די נויטווענדיקע באדינגונגען צו לייזן די דאזיקע אויפגאבע איז „דער קאמף קעגן דעם ניט גלייבן אין דער בויאונג פונעם סאציאליזם ביי אונדז אין לאנד און קעגן די פרואוון צו באטראכטן אונדזערע אונטערנעמונגען, וואס זיינען אונטערנעמונגען פון א „קאנסעקווענט־סאציאליסטישן טיפ'' (לעניין), אלס „מלוכה־קאפיטאליסטישע'' אונטערנעמונגען''; אז „מאכנדיק פאר אוממעגלעך די באוואוסטזיניקע באציאונג פון די מאסן צו דער בויאונג פון סאציאליזם בכלל און צו דער סאציאליסטישער אינדוסטריע בפרט, זיינען אזעלכע אידייאישע שטרעמונגען אימשטאנד בלויז צו טארמאזירן דעם וואוקס פון די סאציאליסטישע עלעמענטן פון דער ווירטשאפט און צו פארלייכטערן דעם קאמף קעגן זיי מצד דעם פריוואטן קאפיטאל''; אז „דער צוזאמענפאר האלט דעריבער, אז עס איז נייטיק א ברייטע דערציערישע ארבעט, כדי בייצוקומען אט די פארקריפלונגען פונעם לעניניזם'' (זע די רעזאלוציע איבערן באריכט פון צק אלקפ(ב)).

די היסטארישע באדייטונג פונעם XIV צוזאמענפאר פון דער אלקפ(ב) באשטייט דערין, וואס ער האט אויפגעדעקט ביזן גרונט די פעלערן פון דער נייער אפאזיציע, האט אפגעשליידערט איר ניט־גלייבן און איר קרעכצן, האט קלאר און דייטלעך אנגעצייכנט דעם וועג פון ווייטערדיקן קאמף פארן סאציאליזם, האט געגעבן דער פארטיי די פערספעקטיוו פון זיג און דערמיט גופא האט ער באוואפנט דעם פראלעטאריאט מיט אן איינגפעסטן גלויבן אינעם זיג פון דער סאציאליסטישער בויאונג.

25 יאנואר 1926 יאר.